STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 10751

DOS BANAYTE FOLK

L. G. Zinger

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS
413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG
WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:

Lloyd E. Cotsen Trust
Arie & Ida Crown Memorial
The Seymour Grubman Family
David and Barbara B. Hirschhorn Foundation
Max Palevsky
Robert Price
Righteous Persons Foundation
Leif D. Rosenblatt
Sarah and Ben Torchinsky
Harry and Jeanette Weinberg Foundation
AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
National Yiddish Book Center

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified. If you hold an active copyright to this work – or if you know who does – please contact us by phone at 413-256-4900 x153, or by email at digitallibrary@bikher.org

ל. זינגער

דאָס באנײַטע פאָלק

(ציפערן און פאקטן
וועגן די יידן אין פססר)

אָגיז
מעלוכע-פארלאג „דער עמעס"
מאָסקווע 1941

פאָרוואָרט

די אופגאבע, וואָס מיר האָבנ געשטעלט פאר זיכ אינ דער דאָזיקער ארבעט, איז אונטערצוזוכנ די סאָציאַל־עקאָנאָמישע סאכאקלענ פונ דער דערלייזונג פונ דער אזויגערופענער „ייִדנ־פראגע" אינעמ ראטנפארבאנד. אפ א קאָנקרעטנ סטאטיסטישנ אונ באשרייבערישנ מאטעריאל שטרעבנ מיר צו באווייזנ, וויאזוי אינעמ אלגעמיינעמ פראָצעס פונ אופבויענ דעמ סאָציאַליזמ בא אונדז אינ לאנד אונ אויכ דורכ ספעציעלע מאָסמיטלענ פונ דער פארטיי אונ רעגירונג איז פאָרגעקומענ דער פולקומער איבערבוי פונעמ סאָציאַלנ באשטאנד פונעמ סאָוועטישנ ייִדנטומ. דער דאָזיקער איבערבוי איז פארענדיקט געוואָרנ אינ צווייטנ סטאלינישנ פינפיאָר. דער צווייטער סטאלינישער פינפיאָר דאָס איז אייגנטלעכ די צייַט, וואָס איז פאָריבער פונעמ XVII ביזנ XVIII פארטיי־צוזאמענפאָר. אָט דעמ צייַט־פעריאָד האָט כאווער סטאלינ אפנ XVIII פארטיי־צוזאמענפאָר כאראקטעריזירט אזוי:

„אפנ געביט פונ דער געזעלשאפטלעכ־פּאָליטישער אנטוויקלונג פונעמ לאנד דארפ מענ אלס די סאמע וויכטיקע דעראָבערונג אינעמ באריכט־פעריאָד אָנערקענענ די ענדגילטיקע ליקווידירונג פונ די רעשטלעכ פונ די עקספּלואַטאָרישע קלאסנ, די באהעפטונג פונ די ארבעטער, פויערימ אונ אינטעליגענצ אינ איינ אלגעמיינעמ ארבעטס־פראָנט, די פארפעסטיקונג פונ דער מאָראליש־פּאָליטישער אייניקייַט פונ דער סאָוועטישער געזעלשאפט, די פארפעסטיקונג פונ דער פרייַנטשאפט צווישנ די פעלקער פונ אונדזער לאנד אונ, אלס רעזולטאט פונ דעמ אלעמ, — די פולשטענדיקע דעמאָקראטיזירונג פונעמ פּאָליטישנ לעבנ פונעמ לאנד, די שאפונג פונ דער נייַער קאָנסטיטוציע" 1.

אינ צוזאמענהאנג מיט דעמ ווערנ די גרונט־אָנגאבנ אינעמ בוכ געגעבנ אנטשפרעכיק צו באזונדערע דאטעס פונ דעמ פינפיאָר־פעריאָד: אָנהייב 1934 — אָנהייב 1939. געוויינלעכ, ווערט דורכויס געמאכט א דינאמישע פארגלייַכונג מיט די אָנגאבנ פונעמ אופשטעלונגס־פעריאָד אונ פונ דעמ ערשטנ פינפיאָר. דער סאָציאַל־עקאָנאָמישער כאראקטעריסטיק פונ דעמ ביז־אָקטיאבערישנ ייִדנטומ ווערט געווידמעט א ספעציעל קאפּיטל.

אפ וויפל אונדזערע אָנגאבנ ווערנ דערפירט מער ניט ווי ביזנ 17 יאנוואר 1939 י., איז פארשטענדלעכ, אז זיי כאפּנ ניט ארומ די ייִדישע באפעלקערונג פונ מייַרעוו־אוקראינע, מייַרעוו־ווייַסרוסלאנד, בעסאראביע, צאָפנ־בוקאָווינע, ליטע, לעטלאנד אונ עסטאָניע (ווי באוווסט, זייַנענ די דאָזיקע געגנטנ אונ רעפּובליקנ באפרייַט געוואָרנ דורכ דער ראטנמאכט הארבסט 1939 — זומער 1940).

באמ באקענענ זיכ מיט אונדזערע אָנגאבנ דארפ דער לייענער נעמענ אינ אכט די פארשיידענע קוועלנ, פונוואנענ מיר האָבנ געשעפּט די נייטיקע מאטעריאלנ פאר די געהעריקע אויסרעכענונגענ. כוצ די מאטעריאלנ פונ דער פאָלקס־ציילונג פונ 1939 י. האָבנ מיר ברייט

---

1 סטאלינ, פראגנ פונ לעניניזמ. מעלוכע־פארלאג „דער עמעס", 1941, ז. 614.

אויסגענוצט די אָנגאַבן פון א ריי סטאַטיסטישע זאַמלביכער, באַריכטן, דיסקאָנטן און אויס־פאַרשונגען, וואָס באַציִען זיך צו פאַרשיידענע יאָרן פון דעם צווייטן פינפיאָר. אָט איז א רעשימע פון די דאָזיקע קוועלן:

1) אָנגאַבן וועגן דער צאָל און דעמאָגראַפישער פאַנאַנדערטיילונג פון דער יידישער באַפעלקערונג פון פּסר לויט דער פאָלקס־ציילונג פון 1939 יאָר — באַקומען אין דער צענטראַלער פאַרוואַלטונג פאַר פאָלקסווירטשאַפטלעכן דיסקאָנט („צונכו״);

2) אַלגעמיינע אָנגאַבן פון דער פאָלקס־ציילונג פון 1939 יאָר — געדרוקט אין די צייטונגען „איזוועסטיִא״ און „פּראַוודאַ״ פאַרן 29 אַפּרעל 1940 יאָר;

3) אָנגאַבן פון דער פאָלקס־ציילונג פון 1926 יאָר — געדרוקט אין דער אויסגאַבע פון דער געוו. צענטראַלער סטאַטיסטישער פאַרוואַלטונג („צסאו״) פאַר די יאָרן 1928 — 1930: אָפּטייל I — בענדער 2, 3, 5, 12, 14, 15, 17, 18 און אָפּטייל II — בענדער 19, 22, 27;

4) באַריכט־אָנגאַבן פונעם געוו. אַלפאַרבאַנדישן קאָאָפּעראַטיוון געווערב־ראַט („ווסעקאָ־פּראָמסאָוועט״) פאַר די יאָרן 1936 — 1938;

5) אָנגאַבן פונעם אָפּקלײַב־דיסקאָנט פון „צונכו״ וועגן דעם נאַציאָנאַלן באַשטאַנד פון אַרבעטער און אָנגעשטעלטע, באַקומען אין 1935 יאָר;

6) אָנגאַבן פון דעם פּראָפאַריין־דיסקאָנט וועגן נאַציאָנאַלן באַשטאַנד פון די פּראָפאַריינען־מיטגלידער פאַרן 1936 יאָר;

7) אַנקעטע־אָנגאַבן פון די נאַציאָנאַלע ראַיאָנען פון אוסער און קרימער אסער, באַקומען אין 1937 יאָר [1];

8) באַריכט־אָנגאַבן פון די קרימער איבערוואַנדערישע קאָלווירטן פאַרן 1937 יאָר און 1938 יאָר;

9) אַנקעטע־אָנגאַבן פון די בײַשטעטלדיקע יידישע קאָלווירטן, באַקומען אין 1936 יאָר;

10) אָנגאַבן פון עקספּעדיציע־אויספאָרשונגען איבער 47 שטעט און שטעטלעך פון אוסער און ווסער פאַר די יאָרן 1934 און 1935;

11) סטאַטיסטישע זאַמלביכער פון „צונכו״:

א) פּסר דאָס לאַנד פון סאָציאַליזם, 1936
ב) סאָציאַליסטישע בוינונג אין פּסר, 1939
ג) אַרבעט אין פּסר, 1935
ד) קולטור־בוינונג אין פּסר, 1935
ה) קולטור־בוינונג אין פּסר, 1936
ו) קולטור־בוינונג אין פּסר, 1940.

---

1 בענעגײַע דעם סטאַלינדאָרפער ראַיאָן זײַנען אויסגענוצט געוואָרן פרישערע מאַטעריאַלן פונעם באַריכט פון ראַיויספּירקאָם פאַרן 1939 יאָר.

I. סאָציאַל־עקאָנאָמישע כאַראַקטעריסטיק פונ דער ייִדישער באַפעלקערונג פונ דעמ ביז־אָקטיאַבערישנ רוסלאַנד

פונ די אַלע באַגרענעצונגס-מאָסמיטלענ, וועלכע זײַנענ אָנגעווענדט געוואָרנ קעגנ די ייִדישע אַרבעטנדיקע אינ צאַרישנ רוסלאַנד, איז דאָס שטאַרקסטע געווענ דער „טכום”. אײגנטלעכ, ווערט די גאַנצע געשיכטע פונ די ייִדנ אינ רוסלאַנד — שוינ פונ איר סאַמע אָנהײב אָנ — באַגלײט מיט באַגרענעצונגענ קעגנ ייִדנ אינ הינזיכט פונ אַרײַנפאָרנ אונ ווױנענ אַ לענגערע צײַט אינ באַשטימטע ערטער. שוינ אינעמ XVI יאָרהונדערט האָבנ פערזאָנענ פונ ייִדישער אָפּשטאַמונג ניט געטאָרט אַריבערפאָרנ די גרענעצנ פונ דער מאָסקאָווישער מעלוכע. בא יעקאַטערינא דער I זײַנענ די דאָזיקע באַגרענעצונגענ פאַרשטאַרקט געוואָרנ, אונ בא יעקאַטערינא דער II איז פאַקטיש אײַנגעפירט געוואָרנ דער „טכום”. לויטנ מאַניפעסט פונ 1769 יאָר איז צוערשט אויסגעטײלט געוואָרנ פאַר באַזעצנ מיט ייִדנ די נאָוואָראָסיִיסקער געגנט, אונ דערנאָכ די טאַווריִשע גובערניע.

די אָנגעוויזענע באַגרענעצונגענ האָבנ נאַטירלעכ ביז גאָר טאָרמאָזירט די אויסבילדונג פונ אַ פעסטנ שיכט פויערימ אונ אַרבעטער צווישנ דער ייִדישער באַפעלקערונג. די ניט זיכערקײַט אינעמ מאָרגעדיקנ טאָג, די שטענדיקע געפאַר אַרויסגעשיקט צו ווערנ פונ די אײַנגעזעסענע ערטער האָבנ אָנ אונ פאַר זיכ היפּש מיטגעווירקט דערצו, אַז צווישנ די ייִדנ זאָלנ זיכ אײַנבירגערנ אונ אַנטוויקלענ אַזעלכע פּראָפעסיעס, וועלכע בינדנ ניט צו דעמ ווירטשאַפטלעכנ סוביעקט צו אַ באַשטימטנ ווױנונגס-אָרט, פּראָפעסיעס, וועלכע זײַנענ מערסטנטײל פאַרבונדנ מיט האַנדלס-פאַרמיטלערישער טעטיקײַט. נאָכנ אַרויסשיקנ די ייִדנ פונ די דערפער האָט זיכ די דאָזיקע ווירקונג נאָכ מער פאַרשטאַרקט.

צומ סאָפ XVIII יאָרהונדערט, בײַס פּוילנ איז צעטײלט געוואָרנ, האָט זיכ די ייִדישע באַפעלקערונג פונ רוסלאַנד פאַרגרעסערט קימאַט אָפּ אַ מיליאָנ נעפאַשעס. דאַנ האָט מענ אָנגעהויבנ אינ די רעגירונגס-קרײַזנ שענקענ מער אַכט די פראַגנ וועגנ די גרענעצנ פונעמ ייִדישנ „טכום”. די דאָזיקע גרענעצנ זײַנענ ענדגילטיק פעסטגעשטעלט געוואָרנ דורכ אַ ספּעציעלנ

געזעצ אינ 1865 יאָר. אינ 1882 יאָר זײַנענ דערשינענ די באוווסטע „טאקאָנעס", לויט וועלכע די ייִדנ האָבנ פארלאָרנ דאָס רעכט אריבערצופאָרנ אפ שטענדיקער וווינונג פונ שטאָט אינ דאָרפ אונ אויכ פונ איינ דאָרפ אינ א צווייטנ. פאקטיש האָט מענ גלײַכ אָנגעהויבנ אָפּנעמענ דאָס ווינרעכט אפילע בא די אָרטגעבירטיקע דאָרפישע ייִדנ. אינ פראט פונ „פראוואָזשיטעלסטווע" האָט די צארישע מאכט דערלאָזנ אויסנאמענ מער ניט פאר די גרויסע הענדלער, פאבריקאנטנ אונ א טייל פארמעגלעכע אונ קוואליפיצירטע באלמעלאָכעס. די דאָזיקע קאטעגאָריעס פערזאָנענ האָבנ באקומענ א דערלויבעניש פריִער (בא ניקאָלײַ דעמ I) צײַטווײַליק אונ דערנאָכ (בא אלעקסאנדער דעמ II) אפ שטענדיק ארײַנצופאָרנ אינ די אינערלעכע גובערניעס פונ דער רוסלענדישער אימפעריע. אינ די דאָזיקע אויסנאמענ האָט זיכ בוילעט ארויסגעוויזנ דער קלאסנ־כאראקטער פונ די דערמאָנטע געזעצגעבערישע אקטנ.

אינ רעזולטאט פונ די אָנגעוויזענע באגרענעצונגענ האָט זיכ געשאפנ אזא לאגע, אז אינ דעמ ביז-אָקטיאבערישנ רוסלאנד האָט זיכ אפ דער טעריטאָריע פונעמ „טכום"[1] — אונ דערבײַ הויפּטזאכלעכ אינ זײַנ שטאָטישנ טייל — געפונענ סאָפּ פאָריקנ יאָרהונדערט 94 פראָצענט פונ דעמ גאנצנ רוסלענדישנ ייִדנטומ.

צונויפגעפרעסט אפ א קינסטלעכנ אופנ אינ די ענגע ראמענ פונ אזא געטאָ, האָבנ די ייִדישע ארבעטנדיקע געזוכט צו פארבעסערנ זייער עקאָנאָמישע לאגע אונ זיכ א לאָז געטאָנ אינ א באדײַטנדיקנ טייל אויסער די גרענעצנ פונ רוסלאנד. פאר די אָנדערהאלבנ יאָרצענדליק ביז דער ערשטער וועלט-מילכאָמע איז פונ דער טעריטאָריע, וואָס איז איצט פארנומענ דורכנ ראטנפארבאנד, ארויסגעפאָרנ קיינ אויסלאנד העכער 600 טויזנט ייִדנ, דערונטער א האלבער מיליאָנ — אינ די צאָפנ-אמעריקאנישע פארייניקטע שטאטנ.

אָבער די עמיגראציע, ווי גרויס עס איז ניט געוועזנ איר פארנעמ, איז ניט געוועזנ אימשטאנד צו לייזנ די פראָבלעמ פונ איבערבאפעלקערונג פונ דעמ ייִדישנ „טכומ". עס האָט זיכ דעריבער אָנגעהויבנ אנ אינערלעכע מיגראציע אינ די גרענעצנ פונעמ „טכומ" גופע: פונ צאָפנ־מײַרעוו אפ דאָרעמ-מיזרעכ. פונ די איבערבאפעלקערטע מיזרעכדיקע גובערניעס פונעמ געוועזענעמ פוילנ אונ פונ קאָוונער, ווילנער, מינסקער, גראָדנער אונ פאָ-

1 אינ „טכומ" זײַנענ אינ אָנהייב פונ איצטיקנ יאָרהונדערט ארײַנגעגאנגענ פאָלגנדיקע גובערניעס: קאָוונער, גראָדנער, וואָלינער, פאָדאָלער, בעסאראבער, ווילנער, מינסקער, קיִעווער (אָנ קיִעוו), כערסאָנער, וויטעבסקער, מאָהילעווער, טשערניגאָווער, פאָלטאווער, יעקאטערינאָסלאווער, טאווערישער; כוצ דעמ האָבנ די ייִדנ געמעגט וווינענ אינ דעמ דערמאָנטנ פוילנ.

דאָלער גובערניעס הייבן אָן באַדײַטנדיקע מאסן יידישע באַפעלקערונג איַן די 80—90-ער יאָרן פונעם פאָריקן יאָרהונדערט אריבערפאָרן אין טאַווריַ-שער, יעקאַטערינאָסלאַווער, כערסאָנער און טשערניגאָווער גובערניעס, צו די ברעגן פונעם שווארצן יאם און פונעם אזאָווער יאם. אָבער אויך די דאָ-זיקע טעריטאָריעלע איבערגרופירונג פון דער יידישער באַפעלקערונג אין די גרענעצן פונעם „טכום" האָט ניט געקאָנט גרינטלעך פארבע-סערן די ניט-נאָרמאַלע געאָגראַפישע פאנאנדערטיילונג פון די יידישע מאַסן.

מיר האָבן שוין דערמאָנט וועגן די „צײַטווײַליקע טאקאָנעס פונעם 1882 יאָר", וועלכע האָבן פארווערט די יידן זיך צו באַזעצן אויסער די שטעט און שטעטלעך פונעם „טכום" און אויך צו איַינקויפן ערד אין די דערפער. שפעטער זיַינען די „צײַטווײַליקע טאקאָנעס" דערגאַנצט געוואָרן דורך דעם אַזויגערופענעם אלערהעכסטן באַפעל פונעם 29 דעקאַבער 1887 יאָר. דאָס האָט אין א ריי פאלן געבראַכט דערצו, אז מע האָט אָנגעהויבן אַרויסשיקן פון זייערע וווינ-ערטער אויך די אַלטגעזעסענע דאָרפישע יידן. נאָך שפעטער האָבן די דאָזיקע אַרויסשיקונגען אָנגענומען א לעגאַליזירטן און מאַסנווייז כאַראַקטער.

כאָטש די יידישע באַפעלקערונג פון די שטעטלעך האָט ניט געהאַט דאָס רעכט צו באַזעצן זיך אין די דאָרפישע ערטער און פארנעמען זיך מיט ערדארבעט, דאָך איז זי אין אירע עקאָנאָמישע פונקציעס געווען ענג פארבונדן מיט דעם פויערטום פון די ארומיקע דערפער. יידן קוסטארן — פילצאָליקע שנײַדער און שוסטער, שמידן, האָלצ-באַארבעטער — פלעגן באַ-דינען דאָס פויערטום אין פראָדוציר-הינזיכט. יידישע הענדלער — קליינע און מיטעלע — פלעגן אויספילן די פונקציעס פון האנדל-פארמיטלער צווישן שטאָט און דאָרף.

ווי ס'איז צו זען, האָט די צארישע אַנטיסעמיטישע געזעצגעבונג ניט דערלאָזן צו אַנטוויקלען א פויערשן שיכט צווישן דער יידישער באַפעל-קערונג. פון דער צווייטער זײַט, איז, מאַכמעס דעם ניט-אינדוסטריעלן כאַ-ראַקטער פון די „טכום"-שטעטלעך, די באַזע פאַר דער אויסבילדונג און אַנטוויקלונג פון א גרעסערן שיכט יידישע ארבעטער געווען א לאַכלוטן ניט באַפרידיקנדיקע. די יידישע ארבעטער האָבן זיך קאָנצענטרירט אלס לוינ-ארבעטער (געהילפּ-מײַסטערס און לערנייִנגלעך) אין דער קוסטארישער אינדוסטריע, און אפילע דער ניט-באַדײַטנדיקער טייל יידישע ארבעטער, וועלכן ס'איז געלונגען אריַינדרינגען אין די פאבריקן און זאוואָדן, איז אויך געווען פארנומען אין אַזעלכע ווירטשאַפט-צווײַגן, וועלכע האָבן גע-האט א קנאַפע אינדוסטריעלע באַדײַטונג. אין די פאָרגעשריטענע אינדוסט-ריע-צווײַגן — אין דער מעטאלורגיע און אין דער מעטאל-באַארבעטנדיקער

אינדוסטריע — איז יידישע ארבעטער געווען אפ די פינגער איבערצוציילן. אזויארום האָט די צארישע געזעצגעבונג געבראכט דערצו, אז אינעם יידישן „טכום" זאָלן זיך שאפן פּילצאָליקע ניט-פּראָדוקטיווע און ווייניק-פּראָדוקטיווע סאָציאַלע שיכטן.

לויט די אָנגאבן פון דער ציילונג פונעם 1897 יאָר, איז די זעלבס-טעטיקע יידישע באפעלקערונג פון רוסלאנד געווען פאנאנדערגעטיילט לויט די צווייגן פון דער פאָלקסווירטשאפט אפ אזא אופן:

צווייגן פון דער פאָלקס-ווירטשאפט	אין %% צום סאכאקל
לאנדווירטשאפט	2,4
קליינ- און גרויס-אינדוסטריע	36,3
האנדל	31,0
פארקער	3,0
הויז-דינסטן און איבעריקע פּריוואטע דינסט	11,5
פרייע פּראָפעסיעס און געזעלשאפטלעך-מעלו-כישע דינסט	4,7
ניט-פּראָדוקטיווע און ניט-באשטימטע פּראָפע-סיעס	7,6
אנדערע	3,5
סאכאקל	100,0

די אָנגאבן פון דער אימפּערישער ציילונג פון 1897 יאָר זיינען באַ-ארבעט געוואָרן ניט לויטן סאָציאַלן סימען, נאָר לויטן סימען פון דעם ווירטשאפט-צווייג. אזוי, זיינען אין דער צאָל פון די, וואָס זיינען באשעפ-טיקט אין דער אינדוסטריע, לאנדווירטשאפט אָדער האנדל, איינגעשלאָסן געוואָרן סיי ערד-אייגנטימער און אונטערנעמער, סיי באטראקעס, ארבעטער און ביכלאל דער גאנצער פּערסאָנאל, וואָס ארבעט פאר לוין. אויב ווידער מיר וועלן מאכן ספּעציעלע אויסרעכענונגען, האלטנדיק זיך שטרענג באַם סאָציאַלן סימען, וועלן מיר באקומען, אז צווישן די זעלבסטעטיקע יידן פונעם ביז-רעוואָלוציאָנערן רוסלאנד זיינען געווען:

גרויס-אינדוסטריעלע ארבעטער	4,0	פּראָצענט
ארבעטער אין דער קוסטאר-אינדוסטריע	11,0	"
קוסטארן	18,4	"
פויערים	2,2	"
אָנגעשטעלטע	10,0	"
הענדלער, אונטערנעמער און פּערזאָנען פון ניט-באשטימטע פּראָפעסיעס	54,4	"
סאכאקל	100,0	"

מיר זעען, ווי גוואלדיק גרויס ס'איז געווען יענער שיכט פון דער יידישער באפעלקערונג, וואָס האָט זיך פאַרנומען מיט האַנדלס-פאַרמיטלערישע אָפּעראַציעס און מיט אַנדערע פאַרשיידענע ניט-פּראָדוקטיווע און ניט-באַשטימטע באַשעפטיקונגען. קימאַט אַ דריטל פון דער יידישער באַפעלקערונג איז געווען געצוווּנגען צו באַשעפטיקן זיך אויסשליסלעך מיט האַנדלס-פאַרמיטלערישער טעטיקייט. אין דער געשיכטע פון קאַפּיטאַליזם איז דאָס וואַרשיינלעך דער איינציקער ביישפּיל, ווען בא אַ פאָלק זאָל זיין אַזאַ רעלאַטיווע איבערוואָג פון הענדלער צווישן אַנדערע סאָציאַלע קאַטעגאָריעס.

דער צווייטער ווירטשאַפט-צווייג, וועלכער איז אַלפּי נויט „באַליבט" געווען בא די יידישע מאַסן, איז די קוסטאַר-אינדוסטריע, ווו עס זיינען געווען פאַרנומען אַלס זעלבשטענדיקע „באַלעבאַטים" העכער 18 פּראָצענט פון אַלע זעלבסטעטיקע יידן. גאָר אַ קליינער טייל איז געווען פאַרנומען אין דער לאַנדווירטשאַפט, און אַ ניט-באַדייטנדיקער טייל איז באַשטאַנען פון אַרבעטער. דערביי איז דער איבערוועגנדיקסטער טייל אַרבעטער באַשטאַנען פון געהילף-מייסטערס און לערניינגלעך אין די קוסטאַר-וואַרשטאַטן. צוזאַמען האָבן די דאָזיקע צוויי סובגרופּעס באַטראָפן אַ צאָל, וואָס איז דריי מאָל מער איידער די צאָל יידישע פאַבריק-זאַוואָדישע אַרבעטער.

אין די פּראָפעשולן פונעם געוועזענעם „טכום" (איינגעשלאָסן אויך פּוילן) האָט זיך אין אָנהייב פון איצטיקן יאָרהונדערט געלערנט אינגאַנצן בא 4 טויזנט יידישע יוגנטלעכע. דאָס איז אויף אַ 5-מיליאָניקער יידישער באַפעלקערונג! און אויך די דאָזיקע יוגנטלעכע האָבן ניט געהאַט קיין שום אויסזיכטן אויף צו איינאָרדענען זיך אין דער גרויסער אינדוסטריע: זיי איז פאָרגעשטאַנען מער ניט ווי אַריינגיסן זיך אין דער אַזוי אויך גוואַלדיק גרויסער צאָל קוסטאַרן און האַנטווערקער. דערפאַר אָבער האָט זיך אַ קאָלאָסאַלע צאָל יידישע קינדער פון דער אָרעמשאַפט „געלערנט" אַ מעלאָכע אין קוסטאַרישע וואַרשטאַטן. אויף דער טעריטאָריע אין די גרענעצן פון פּסחר צום אָנהייב 1939 יאָר האָט זיך אין אָנהייב פון איצטיקן יאָרהונדערט געפונען אין די פּריוואַטע קוסטאַרישע וואַרשטאַטן העכער 100 טויזנט יידישע לערניינגלעך.

אָפּגעבנדיק אַ קינד אויף „לער" צום קוסטאַר, האָבן טאַטע-מאַמע גאַנץ גוט געוווּסט וועגן דעם „טאַכלעס", וואָס דאָס קינד וועט דאָרט האָבן, אָבער קיין אַנדער אויסוועג האָבן זיי ניט געהאַט: לעכאָלאָפּאָכעס ווייניקער מיט אַ מויל בא זיך אין דער היים. דער יידישער קוסטאַר איז אין זיין גרויסער מאַסע אַליין געווען ווייניק צוגעגרייט אין טעכנישן זין און האָט נאָך ווייניקער געקאָנט אויסלערנען אַ מעלאָכע זיינע לערניינגלעך. סעזאָנצייט פלעגט דאָס לערניינגל פון פאַרטאָג ביז שפּעט באַנאַכט שוויצן אויף באַזונדערע אַרבעט-אָפּעראַציעס, וואָס פאָדערן ניט קיין קוואַליפיקאַציע, אָבער

וואָס מאַטערן ניט ווייניק אויס. אין צײַט פון „שטילשטאַנד", ווען דער קוסטאַר אַליין איז געזעסן אָן אַ שטאָק אַרבעט, פלעגט דאָס לערנייִנגל אויספילן באַ אים אַלערליי שטוב-אַרבעטן. נאָך עטלעכע יאָר פון בײַטן די באַלעבאַטים, נאָך שווערער אומזיסטיקער אַרבעט פלעגט דער ייִדישער יוגנט-לעכער, שוין באַקומענדיק אַ פּראָפעסיע, ווידער אַרײַנפאַלן אין קלעם פון אַרבעטלאָזיקײַט און אויסוועגלאָזן דאַלעס.

די ייִדישע באַפעלקערונג פון דעם ביז-רעוואָלוציאָנערן רוסלאַנד האָט פאַרמאָגט אויך אַ געוויסע צאָל אָנגעשטעלטע — ביז 10 פּראָצ. פון דער זעלבס-טעטיקער ייִדישער באַפעלקערונג. אין דער מערהײַט זײַנען דאָס געווען די אַזויגערופענע פּריקאַשטשיקעס — פאַרקויפער אין פּריוואַטע האַנדלס-אונטער-נעמונגען. ענדלעך, איז צווישן דער ייִדישער באַפעלקערונג געווען אַ באַ-דײַטנדיקע גרופּע פערזאָנען פון פרײַע פּראָפעסיעס (לערער, אַדוואָקאַטן, דאָקטוירים, קלייקוידעש אאַז.) און פּערזאָנען מיט ניט-פּראָדוקטיווע באַשעפ-טיקונגען (בעטלער אאַוו.).

די אַלע געבראַכטע אָנגאַבן באַווײַזן באַשײַמפּערלעך דעם פאַרקריפּלטן סאָציאַלן באַשטאַנד און די עקאָנאָמישע באָדנלאָזיקײַט פון דעם איבערוועגנ-דיקסטן טייל ייִדישע באַפעלקערונג אין „טכום". מיר האָבן געזען, אַז נאָמינאַל איז 54 פּראָצענט פון דער דאָזיקער באַפעלקערונג באַשטאַנען פון הענדלער, קליינע און טיילווײַז גרויסע אונטערנעמער, פּערזאָנען פון „ניט-באַשטימטע" פּראָפעסיעס אאַוו. ווען אָבער מיר וואַרפן אַראָפּ פונדאַנען די ניט-באַדײַטנדיקע צאָל אונטערנעמער, גרויסע און מיטעלע הענדלער און מיר גיבן אהער צו אַ באַדײַטנדיקן טייל פון דער קוסטאַרישער אָרעמשאַפט (פון די אַזויגערופענע „באַלעבאַטים"), — דאַן איבערצײַגן מיר זיך, אַז העכער אַ העלפט פון דער ייִדישער זעלבסטעטיקער באַפעלקערונג איז באַשטאַנען פון „לופט-מענטשן", וועמעס „עקאָנאָמיק" וואָלט געווען אַ דורכויס לעכער-לעכע, ווען זי וואָלט ניט געווען אַזאַ טרויעריקע.

אפילו די צאַרישע טשינאָווניקעס האָבן דאָס געמוזט מודה זײַן. אָט וואָס, אַשטייגער, די באַרימטע קאָמיסיע פונעם פּירשט פּאַלען האָט צווישן אַנדערן געשריבן וועגן דעם ייִדישן האַנדל אין „טכום":

„די ייִדן, וואָס זײַנען אַרויסגעשטויסן געוואָרן פון אַנדערע באַשעפטי-קונגען, האָבן ניט ווילנדיק זיך אָנגעהויבן אַלץ מער ווענדן צום האַנדל... די קאָנקורענץ צווישן די האַנדלענדיקע ייִדן איז פאַרשאַרפט געוואָרן אויך דורך דעם, וואָס נאָכן אײַנפירן די טאַקאָנעס פונעם 3 מײַ 1882 יאָר האָבן אין די שטעט און שטעטלעך אָנגעהויבן צו איבערוואַנדערן ייִדן פון אַנ-דערע ערטער, און די האַנדלס-קאָנקורענץ צווישן זיי האָט אָנגעהויבן אָנ-צונעמען אַלץ אַ גרעסערן פאַרנעם. סכוירע, וואָס מע פלעגט פריִער פאַר-קויפן אין איין — צוויי מאַגאַזינען, האָט מען אָנגעהויבן צו פאַרקויפן אין 5, 10 און אפילו 20 קלייטן און קלייטלעך. דאָס אַלץ האָט געבראַכט צו

א פאַרביסענער קאָנקורענצ צווישנ די ייִדנ, וועלכע האָבנ בוכשטעבלעכ אָנגעהויבנ צו דריקנ איינער דעמ צווייטנ״ [1]...

דערצו דאַרפ מענ צוגעבנ, אַז צווישנ די ייִדישע האַנדלס-שיכטנ זײַנענ געווענ היפּש פאַרגעשטעלט אויכ די פאַרמיטלערישע עלעמענטנ: אַלערלײ האַנדלס-קאָמיסיאָנערנ, מעקלערס אאַזוו. מיט איינ וואָרט — לופט-מענטשנ, וואָס האָבנ נאָכ אינ אַ גרעסערער מאָס געליטנ פונ דער פאַרשטאַרקטער קאָנקורענצ אונ וואָס האָבנ זיכ אינ זייער גרעסטנ טייל געמוזט באַנוגענענ מיט נישטיקע פאַרדינסטנ.

בענגעייע דעמ צווייטנ, לויט דער צאָל אַמערסטנ באַדײַטנדיקנ, סאָציאַלנ שיכט פונ דער ייִדישער באַפעלקערונג — די קוסטאַרנ האָבנ אויכ געווירקט די זעלביקע פאַקטאָרנ: אַ צו גרויסע צאָל קוסטאַרנ אַפ אַ באַגרענעצטער טעריטאָריע אונ אַלס רעזולטאַט דערפונ אַ פאַרשטאַרקטע קאָנקורענצ אונ נידעריקע פאַרדינסטנ. אינ דער קוסטאַר-אינדוסטריע פונעמ „טכומ״ איז געווענ פאַרנומענ באַ אַ דריטל פונ דער ייִדישער זעלבסטעטיקער באַפעל-קערונג. אויב מע זאָל פונדאַנענ אַראָפּרעכענענ דעמ פּראָלעטאַרישנ טייל פונ דער קוסטאַר-האַנטווערקערשער באַפעלקערונג (געהילפ-מײַסטערס אונ לערנייִנגלעכ), דאַנ באַטרעפט די צאָל קוסטאַרנ צומ סאָפ פאָריקנ יאָרהונ-דערט 17—18 פּראָצענט פונ דער גאַנצער צאָל זעלבסטעטיקע ייִדנ.

ס'איז וויכטיק דערבײַ צו באַמערקנ, אַז כאָטש דער גרעסטער טייל ייִדישע עמיגראַנטנ איז געגאַנגענ פונ די קוסטאַרישע שיכטנ, האָט זיכ די צאָל ייִדנ קוסטאַרנ אינעמ „טכומ״ ניט נאָר ניט פאַרקלענערט, נאָר, פאַר-קערט, איז נאָכ געשטיגנ. צומ בײַשפּיל, אינ מאָהילעווער גובערניע איז דאָס ספּעציפישע געוויכט פונ קוסטאַרנ צווישנ דער ייִדישער באַפעלקערונג פאַר דער צײַט פונ 1887 ביז 1898 יאָר געשטיגנ אַפ 50 פּראָצ.; אינ טאַוו-רישער גובערניע — אַפ העכער 30 פּראָצ. אונ אינ ווילנער גובערניע — אַפ העכער 60 פּראָצ. בײַס די קוסטאַר-אינדוסטריע האָט מאַכמעס דער אַנט-וויקלונג פונעמ קאַפּיטאַליזמ אינ לאַנד אָנגעהויבנ אָנווערנ איר פריִערדיקע ערשטראַנגיקע ראָליע, איז דאָס ספּעציפישע געוויכט פונ קוסטאַרנ אונ האַנטווערקער צווישנ דער ייִדישער באַפעלקערונג נאָכ מער געשטיגנ; דאָס האָט ווידערשפּרעכט דער גאַנצער עקאָנאָמישער אַנטוויקלונג פונ רוסלאַנד סאָפ XIX יאָרהונדערט.

דער אומגעהײַער גרויסער וווּקס פונ דער צאָל ייִדישע קוסטאַרנ אונ האַנטווערקער אינ די גרענעצנ פונעמ „טכומ״ אַנטפּלעקט זיכ נאָכ בולטער, ווענ מיר אַנאַליזירנ דאָס ספּעציפישע געוויכט פונ די ייִדישע האַנט-ווערקער צווישנ דער קוסטאַרישער באַפעלקערונג פונ אַלע נאַציאָנאַליטעטנ.

---

1 ציטירט פונ ר. בלאַנקס בוכ: „די ראָליע פונ דער ייִדישער באַפעלקערונג אינעמ עקאָנאָמישנ לעבנ פונ רוסלאַנד״, פעטערבורג, 1908.

דאָס דאָזיקע געוויכט האָט באטראָפן, צום בײַשפּיל, אין מאָהילעווער גו־בערניע — 78 פּראָצענט, אין וויטעבסקער גובערניע — 72 פּראָצ., אין גראָד־נער גובערניע — 61 פּראָצ. איבערן גאנצן „טכום" האָט דער דאָזיקער פּראָ־צענט זיך געוואקלט פון 66 ביז 75 פּראָצ.[1]

עס איז קעדײַ צו באמערקן, אז ניט געקוקט דערויף, וואָס דער געזעץ פונעם 26 יול 1865 יאָר האָט פּאָרויסגעזען פאר די יידישע האנטווערקער געוויסע פּריווילעגיעס אין הינזיכט פון פרײַען וווינרעכט אויסערן „טכום", איז די גאנצע מאסע יידישע קוסטארן פּאָרט געבליבן קאָנצענטרירט אין די אלטע ערטער. דאָס איז צו דערקלערן דערמיט, וואָס די דערלוי־בעניש פון פרײַען וווינרעכט איז ניט געווען כאָל אָפּ די קוסטארישע קינדער, נאָך דעם ווי זיי פלעגן דערגרייכן דעם פּוליעריקן עלטער; כוץ דעם האָבן די קוסטארן גופע, אָנווערנדיק זייער ארבעטספייִקײַט, געמוזט (לויטן זין פונעם געזעץ) אריבערוואנדערן צוריק אין „טכום". בא אזעלכע וויכטיקע „באמערקונגען" צום „ליבעראלן" געזעץ פון 1865 יאָר פלעגן געוויינלעך די יידישע קוסטארן ניט אײַלן זיך אויסצונוצן זייערע „פּריווי־לעגיעס". דעריבער האָט זיך צום סאָף פונעם פּאָריקן יאָרהונדערט געפונען אויסערן „טכום" מער ניט ווי בא 2 פּראָצענט פון דער גאנצער צאָל יידישע קוסטארן פון דער געוו. רוסלענדישער אימפּעריע.

באגלײַך מיט דער קאָנצענטרירונג פון באדײַטנדיקע מאסן יידישע קוס־טארן אין די גרענעצן פונעם „טכום" איז פּאָרגעקומען א צווייטע קאָנצענ־טרירונג זייערע לויטן פּראָפעסיאָנעלן סימען. מיר האָבן דאָ אין זינען די פּרעוואלירונג פון די פּראָפעסיעס, וואָס זײַנען פארבונדן מיטן אויסארבעטן קליידער און שוכווארג. אזוי, איז אין די 15 „טכום"-גובערניעס און אינעם געוועזענעם פּוילן דער פּראָפעסיאָנעלער באשטאנד פון די יידישע קוסטארן און האנטווערקער געווען אזא:

נאָדל־ארבעטער (שנײַדער, נייטערנס, היטלמאכער)	32,6	פּראָצענט
לעדער־ארבעטער (שוסטער, לעדערניקעס, רימער)	16,8	„
בויער (סטאָליער, טעסלער, מוליער)	12,8	„
שפּײַזלער (בעקער, קאצאָווים)	9,0	„
מעטאל־ארבעטער (שמידן, בלעכער, שלאָסער)	6,6	„
אנדערע	11,0	„
ניט אָנגעוויזן	11,2	„
סאכאקל	100,0	„

1 זאמלבוך פון מאטעריאלן וועגן דער עקאָנאָמישער לאגע פון די יידן אין רוסלאנד, ב. I, ז. 192 (רוסישע אויסגאבע), פּעטערבורג, „יידישע קאָלאָניזאציאָנס־געזעלשאפט", 1904.

ווען מיר וועלן נעמען אין באטראכט, אז אין דער לעצטער גרופּע האָט זיך אויך געפונען א געוויסער פּראָצענט נאָדל-ארבעטער און לעדער־ניקעס, וועלן מיר קומען צום אויספיר, אז די אבסאָליוטע מערהייט יידישע קוסטארן איז טאקע באשטאנען הויפּטזאכלעך פון שניידער און שוסטער, און די דאָזיקע צוויי פּראָפעסיעס האָבן פּרעוואלירט סיי אין ליטע און ווייסרוסלאנד, סיי אין די דאָרעם-מיירעוודיקע און דאָרעמדיקע קאנטן און אין דעם געוועזענעם פּוילן. זעלבסטפארשטענדלעך, אז אזא איינ-ארטיקן פּראָפעסיאָנעלן באשטאנד פון די יידישע קוסטארן האָט זיך די קאָנקורענץ צווישן זיי נאָך מער פארשטארקט.

אנטשפּרעכיק צום געשילדערטן פּראָפעסיאָנעלן באשטאנד איז אויך גע-ווען דער פארדינסט און דער אַלגעמיינער וווילשטאנד פון די יידישע קוס-טארן און האנטווערקער. צום ביישפּיל, אינעם צאָפן-מיירעוודיקן קאנט פונעם „טכום" האָבן די שניידער פארדינט דורכשניטלעך ביז 250 רובל א יאָר. פיל שניידער האָבן נאָך ווייניקער פארדינט. די פארדינסטן פון די שוסטער זיינען געווען נאָך קלענער: דורכשניטלעך האָט א שוסטער אינעם אָנגע-וויזענעם קאנט פארדינט 150—200 רובל יערלעך; נייטערנס פלעגן פארדינען פון 100 ביז 150 רובל יערלעך; אין דעם דאָרעם-מיירעוודיקן קאנט פלעגט זיך דער יערלעכער פארדינסט פון שניידער און שניידערנס וואקלען צווישן 100 און 300 רובל; שוסטער פלעגן פארדינען ווייניקער; טעסלער —150—200 רובל; נייטערנס—100—120 רובל; אין דעם דאָרעמדיקן קאנט פונעם „טכום" זיינען די קוסטאר׳שע פארדינסטן געווען נאָך נידעריקער.

די געבראכטע ציפערן באצייגן זיך צו אזעלכע פעריאָדן, ווען די קוס-טארן פלעגן מער-ווייניק זיין געזיכערט מיט ארבעט. אָבער דאָס איז געווען זייער א זעלטענע דערשיינונג. אָט וואָס עס זיינען געצוווּנגען צו זאָגן וועגן דער פראגע אפילו די אווטאָרן פונעם „יעקאָ"-זאמלבוך:

„ארבעטלאָזיקייט — דאָס איז דער שרעקלעכסטער סוינע פון דעם יידישן האנטווערקער. א שטענדיקער אָרעמאַן, וואָס שלאָגט זיך איבער קוים-קוים אפילו דאן, ווען ער האָט ארבעט, פאלט אריין דער יידישער האנטווערקער באם ערשטן פעריאָדישן קריזיס, ווען באשטעלונגען זיינען ניטאָ, אין אן אויסגאנגסלאָזער אָרעמקייט... עס זיינען פאראן גאנצע קאטעגאָריעס פון פּראָפעסיעס, וועלכע שפּייזן די באשעפטיקטע מער ניט אין א באשטימטן סעזאָן. פון די „טויטע" סעזאָנען ליידן אָפּט טעסלער, קוימענקערער. גלע-זער פארלירן מערסטנטייל זומער זייער ארבעט; פארקערט, מאליער, מוליער פארמאָגן ניט קיין ארבעט ווינטער-צייט" [1]. קומען טאקע די אווטאָרן פונעם זאמלבוך צו א גאנץ קאטעגאָרישן אויספיר, אז „די איבערוועגנדיקע מער-

---

1 „יעקאָ"-זאמלבוך, ב. I, ז 222—224.

הײַט פון די ייִדישע האַנטווערקער אין אַלע שטעט פונעם „טכום“ געפינט זיך אַפן ראַנד פון דאַלעס“ [1].

בײַ דער געשילדערטער לאַגע פון די צוויי גרינטלעכסטע סאָציאַלע קאַטעגאָריעס — הענדלער און קוסטאַרן — איז געווען גאַנץ נאַטירלעך, אַז די דאָזיקע סאָציאַלע שיכטן האָבן פון זיך אומפאַרמײַדלעך אויסגעטיילט אַ באַדײַטנדיקע צאָל עקאָנאָמיש דעקלאַסירטע עלעמענטן, פּאַופּעריזירטע אין פולסטן זין פונעם וואָרט. לויט די אָנגאַבן פון די „יעקאָ“-קאָרעספּאָנדענטן, האָבן אין אָנהייב פון אונדזער יאָרהונדערט בײַ 20 פּראָצענט פון דער ייִדישער „טכום“-באַפעלקערונג געלעבט פון געזעלשאַפטלעכער צדאָקע-שטיצע. דער דאָזיקער ניט געהערטער גרויסער פּראָצענט איז אינדערעמעסן געווען נאָך גרעסער, מאַכמעס אַ באַדײַטנדיקע צאָל ניט-קוואַליפיצירטע און אַרבעט-לאָזע קוסטאַרן, הענדלער און שוואַרצאַרבעטער האָבן זיך געפונען אַפן ראַנד פון פּאַופּעריזם, נאָר פירנדיק אַ שרעקלעכן קאַמף פאַר זייער עקזיסטענץ, האָבן זיי מיט אַלע קויכעס זיך געסטאַרעט ניט אָנצוקומען צו דער הילף פון די צדאָקע-אַנשטאַלטן.

דער פּאַופּעריזם אינעם ייִדישן „טכום“ האָט זיך וואָס ווײַטער אַלץ מער פאַרגרעסערט. לויט די אויסרעכענונגען פון די אויטאָרן פונעם דער-מאָנטן „יעקאָ“-זאַמלבוך, איז מער ניט פאַר די פינף יאָר צײַט (פון 1894 ביזן 1899) די צאָל מישפּאָכעס, וואָס האָבן זיך גענייטיקט אין געזעלשאַפט-לעכער שטיצע, געשטיגן קימאַט אַף 30%. דער דאָזיקער וווּקס פון דער ייִדישער אָרעמשאַפט איז געווען אַ רעזולטאַט פון דער אַלגעמיינער אַנט-וויקלונג פונעם קאַפּיטאַליזם, וועלכער האָט אַרויסגעשלאָגן דעם עקאָנאָמישן באָדן פון אונטער די פיס פון די פאַרמיטלונגס-עלעמענטן. די דאָזיקע אַלע פּילצאָליקע קאָמיסיאָנערן, פאַקטערס, מעקלער, קליינהענדלער אַדג. פלעגן זייער שנעל רויִנירט ווערן אונטער דער ווירקונג פון דער וואַקסנדיקער אײַזנבאַן-נעץ, פונעם באַנק-קרעדיט, פונעם אײַנאָרדענען בײַ די סטאַנציעס ברויט-עלעוואַטאָרן, פונעם אײַנפירן די מעלוכישע בראַנפן-מאָנאָפּאָליע אאַוו.

די גרויזאַמקײַט פון דער צאַרישער פּאָליטיק בענעגייע אַלע נאַציאָנ-דערהײַטן פון דעם געוועזענעם רוסלאַנד ביכלאַל און בענעגייע דער ייִדישער נאַציאָנאַליטעט ביפראַט האָט זיך באַזונדערס גרעלאָזט פילן אין די אַזויגע-רופענע שטעטלעך פונעם געוועזענעם „טכום“. דאָ איז די אומנאָרמאַלקײַט פונעם סאָציאַלן באַשטאַנד פון דער ייִדישער באַפעלקערונג געווען נאָך גרעסער. פּאָלגנדיקע טאַבעלע, וואָס איז צוזאַמענגעשטעלט אַפן סמאַך פון די אָנגאַבן פון דער ציילונג פון 1897 יאָר, איליוסטרירט עס אין אַ גע-וויסער מאָס:

---

1 „יעקאָ“-זאַמלבוך, ב. I, ז. 222—224.

באשעפטיקונג פון דער ידישער באפעלקערונג אינעם געוועזענעם „טכום"

ראיאָנען און וווינ־ערטער	אינ דער אינדוסטריע (הויפּטזאכלעכ קוס־טארנ־אינדוסטריע)	מיט האנדל און אנ־דערע ניט־פּראָדוק־טיווע באשעפטיקונ־גענ
	אינ פּראָצענטנ	
צ אָ פ נ ־ מ יַ ר ע ו ו ד י ק ע ר ר א י אָ נ		
שטעט מיט א באפעלקערונג ביז 10 טויזנט נעפּאשעס	39,2	41,7
„ „ „ „ פונ 10—50 „ „	40,6	38,3
„ „ „ „ 50—100 „ „	42,8	36,0
„ „ „ „ העכער 100 „ „	45,9	33,4
ד אָ ר ע מ ־ מ יַ ר ע ו ו ד י ק ע ר ר א י אָ נ		
שטעט מיט א באפעלקערונג ביז 10 טויזנט נעפּאשעס	31,4	51,5
„ „ „ „ פונ 10—50 „ „	32,1	48,2
„ „ „ „ 50—100 „ „	36,2	44,9
„ „ „ „ העכער 100 „ „	36,3	43,7
ד אָ ר ע מ ־ מ י ז ר ע כ ד י ק ע ר ר א י אָ נ		
שטעט מיט א באפעלקערונג ביז 10 טויזנט נעפּאשעס	31,5	52,8
„ „ „ „ פונ 10—50 „ „	37,6	47,2
„ „ „ „ 50—100 „ „	56,9	44,6
„ „ „ „ העכער 100 „ „	40,3	41,0

פונ די געבראכטע אָנגאבנ איז צו זענ, ווי אינ אלע ראיאָנענ פונעמ געוועזענעמ „טכום" פלעגט זיכ פארקלענערנ (אינ דער ריכטונג פונ שטעט צו שטעטלעכ) דער טייל ידישע באפעלקערונג, וועלכער האָט געלעבט פונ אינדוסטריעלע באשעפטיקונגענ; פארקערט, יענער טייל, וועלכער האָט גע־לעבט פונ האנדל און פונ אנדערע ניט־פּראָדוקטיווע באשעפטיקונגענ, פלעגט זיכ פארגרעסערנ קעסיידער אינ די קלייגע שטעט און אינ די שטעטלעכ. די שטעטלשע באפעלקערונג האָט באטראָפנ בא 40 פּראָצ. פונ דער גאנצער ידישער באפעלקערונג פונעמ „טכום"; אזויארום איז לײַכט פעסטצו־שטעלנ, אז די עקאָנאָמישע לאגע פונעמ שטעטלשנ טייל ידישע באפעל־קערונג איז געווענ נאָכ א מער קלאָגעדיקע און די סאָציאלע דעגראדאציע פונ דער שטעטלשער ידישער אָרעמשאפט איז אָנגעגאנגענ נאָכ שנעלער.

די ידישע אָרעמלײַט האָבנ ניט פאָרגעשטעלט מיט זיכ א וועלכע־ניט־איז שטרענג באשטימטע סאָציאלע קאטעגאָריע. פאר אָרעמלײַט פלעגט מענ רעכענענ אי א באדײַטנדיקנ טייל „זעלבשטענדיקע" פּראָדוצירער (קוס־טארנ), אי א גרויסע צאָל קליינהענדלער, אי פארשיידענע לופט־מענטשנ.

סובאָטין, צום בײַשפּיל, דערציילט אין זײַן באַוווּסטן ווערק וועגן דעם ייִדישן „טכום", אַז ער האָט זיך אין מינסק אָנגעשטויסן אָפּ „ייִדן מיט זעק, וואָס מאַרשירן איבערן פּלאַץ און קלײַבן אונטער היי; ווי עס האָט זיך אַרויסגעוויזן, גיט זיי די שטאָט אָפּ פון טאָרגעס דאָס רעכט אָפּ אונטער-קלײַבן היי, וואָס שיט זיך פון די וואָגנס; זיי צאָלן אַ באַוווּסטע סומע, פאַרקויפן דאָס אונטערגעקליבענע היי און אָפּ די דאָזיקע נעבעכדיקע מיט-לען עקזיסטירן זיי"[1]. אין געגעבענעם פאַל האָבן מיר פאַר זיך טיפּישע אָרעמעלײַט, וועלכע סטאַרען זיך אײַנצוהיטן דעם אָנשטעל פון „פּראָדוקטיווע אַרבעטנדיקע".

פאַר דער צײַט, וואָס איז דורכגעגאַנגען זינט דער לעצטער אַלרוסלענדישער ציילונג פון 1897 יאָר ביזן אויסברוך פון דער ערשטער אימפּעריאַליסטישער וועלט-מילכאָמע, האָט זיך די לאַגע פון די ייִדישע מאַסן אין רוסלאַנד ווייניק-וואָס געענדערט. וואָס אָנבאַלאַנגט דער מילכאָמע-צײַט גופע, האָט מען דאַן יאָ געקאָנט אָפּמערקן געוויסע ענדערונגען אינעם סאָציאַל-עקאָנאָמישן באַשטאַנד פון דער ייִדישער באַפעלקערונג. אָבער אין טאָג געקומענע איז די לאַגע געבליבן די זעלבע, ערשטנס, דערפאַר, ווײַל די דאָזיקע ענדערונגען האָבן געשטאַמט פון צײַטווײַליק-קאָניונקטורישע פאַקטאָרן און, צווייטנס, ווײַל זיי זײַנען פאָרגעקומען אין צוויי קעגנזעצלעכע ריכטונגען.

די מילכאָמע-קאָניונקטור האָט געשאַפן געוויסע פּאָרהאַנאָכעס פאַרן ווײַטערדיקן וווּקס פון די האַנדל-פאַרמיטלערישע באַשעפטיקונגען, וואָס זײַנען דעריקער געווען פאַרבונדן מיט באַדינען די אַרמיי אינעם בײַ-פראָנט-פּאַס. אין די דאָזיקע ערטער האָט זיך פאַרגרעסערט די צאָל אײַנפאָר-הײַזער, ס'איז געשטיגן דער האַנדל מיט שפּײַז-פּראָדוקטן און אַרטיקלען פון טאָגטעגלעכן געברויך. דאָס האָט בא געוויסע שיכטן פון דער ייִדישער באַפעלקערונג אַרויסגערופן באַשטימטע איליוזיעס און געבראַכט צו אַן אָפּפלוס פון קוסטאַרעײַ און פון לוינ-אַרבעט אין די צווײַגן פון האַנדל און פאַרמיטלערײַ. עמעס, גלײַכצײַטיק איז אויך מעגלעך געוואָרן צו פאַרברייטערן די אינדוסטריעלע און קליין-אינדוסטריעלע באַזע פאַר ייִדן (אַפּן כעזשבן פון אויספילן די באַשטעלונגען פון דער אַרמיי). די אַנטיסעמיטישע פּראַקטיק פון דער צאַרישער אינטענדאַנטסטווע האָט אָבער געשטערט צו פאַרווירקלעכן די דאָזיקע מעגלעכקײַטן; אַזוי-אַרום זײַנען זיי אויסגענוצט געוואָרן בלויז דורך אַ קליינעם שיכט גרויס-אינדוסטריעלער און פאַרמעגלעכע קוסטאַרן.

וואָס שײַעך די ערטער, וועלכע זײַנען געלעגן ווײַטער פונעם פראָנט,

---

1 אַ. פּ. סובאָטין, „אינעם ייִדישן טכום" (רוסיש), ב. I, ז. 19—20, פּעטערבורג, 1888.

איז דאָרט האָט אמערסטן געווירקט דער אינפֿליאַציע-פֿאַקטאָר, וועלכער האָט ארויסגערופֿן א שטייַגונג פֿון די פּרייַזן און אן אראָפּזעצונג פֿון די רעאַלע פֿאַרדינסטן. דאָס האָט ווידער טאַקע געשאַפֿן א קינסטלעכן „בום" אויפֿן האַנדל-ספּעקולאַטיוון געביט, און אלס רעזולטאַט דערפֿון איז געשטיגן די צאָל הענדלער. דערבייַ האָט זיך געוויינלעך שאַרף פֿאַרערגערט די מאַטעריעלע לאַגע פֿון די האַנטווערקער און לוין-אַרבעטער.

אייניקע באַאָבאַכטער פֿונעם יידישן עקאָנאָמישן לעבן האָבן געוואָלט אייַנזען אין דער פּראָדוקטיוויזירונג פֿון די יידישע הײמלאָזע („בעזשעניצעס") א פֿאַקטאָר פֿון סאָציאַלער איבערשיכטונג פֿון די יידישע מאַסן, אויף וויפֿל די מערהייַט היימלאָזע האָט אין די נייַע וווין-ערטער אָנגעהויבן זיך צו פֿאַרנעמען מיט פּראָדוקטיווער אַרבעט. דער דאָזיקער פּראָדוקטיוויזירונג-פּראָצעס האָט אָבער אין די באַדינגונגען פֿון דער פּריציש-קאַפּיטאַליסטישער אָרדענונג לאַנג ניט געקאָנט אָנגיין. אוןווירקלעך זעען מיר, אז האַגאַם די היימלאָזע יידן האָבן אַריבערגעטראָגן אויפֿן מיזרעך פֿונעם „טכום" און אין די אינערלעכע גובערניעס א רייַ פֿאַר די דאָזיקע ערטער געווערבן (דער זאָקן-געווערב אין פּאָלטאַווע, דער בערשטערײַ-געווערב אין האַדיאַטש, גאַרבערייַ אין באָגאָראָדסק אאַוו.), האָבן דאָך די דאָזיקע געווערבן צוגעצויגן צו זיך מער ניט ווי א גרויסע צאָל קאָנקורירנדיקע קוסטאַרן, בייס דער יידישער לוין-אַרבעט איז דאָרט ניט געלונגען אייַנצוגלידערן זיך ווי געהעריק. אזוי, צום בייַשפּיל, איז אין די זאָקן-אונטערנעמונגען פֿון פּאָלטאַווע, וועלכע האָבן אין דער מילכאָמע-צייַט געהערט אָן אויסנאַם צו די יידן, די אַבסאָליוטע מערהייַט לוין-אַרבעטער באַשטאַנען פֿון ניט-יידן.

בכלל, איז די עקאָנאָמישע געשיכטע פֿון דער יידישער באַפֿעלקערונג אין רוסלאַנד בײַס דער מילכאָמע-צייַט נאָך זייער ווייניק דערלעדנט. די קנאַפּע ציפֿער-מאַטעריאַלן פֿאַרן דאָזיקן צייַט-פּעריאָד ווידערשפּרעכן שטאַרק איינע די צווייטע און גיבן אונדז ניט קיין מעגלעכקייַט אויפֿצושטעלן א ריכטיק בילד פֿון דער דעמאָלטדיקער עקאָנאָמישער ווירקלעכקייַט. דערצו באַציִען זיך די דאָזיקע מאַטעריאַלן מערסטנטייל צו דער לאַגע פֿון די היימלאָזע גופֿע. אָבער שוין אליין דער פֿאַקט, וואָס פֿון די מייַרעוודיקע גובערניעס האָט זיך מיטאַמאָל א לאָז געטאָן א האַלב-מיליאָניקער שטראָם היימלאָזע יידן, וואָס די מערהייַט זייערע האָט זיך באַזעצט אין די „טכום"-ערטער, האָט באַדאַרפֿט נאָך מער פֿאַרגרעסערן די קאָנקורענץ, וואָס האָט געהערשט צווישן די יידישע מאַסן, און נאָך מער פֿאַרשווערן זייער עקאָנאָמישע לאַגע. און אזוי איז עס טאַקע פֿאָרגעקומען אין דער ווירקלעכקייַט.

די דרייַ קאַטעגאָריעס, וואָס מיר האָבן אויבן דערמאָנט: אָרעמע קוסטאַרן, קליינהענדלער און די פּילצאָליקע אָרעמשאַפֿט — צוזאַמען גענומען,

האָבן מיט זיך פאָרגעשטעלט די איבערוועגנדיקע מערהייט פון דער ייִדי־שער באַפעלקערונג אין דעם ביז־אָקטיאַבערישן רוסלאַנד. דער אויסערסט אומנאָרמאַלער סאָציאַלער באַשטאַנד פון דער ייִדישער באַפעלקערונג, די קלאָגעדיקע עקאָנאָמישע לאַגע פון די ברייטע ייִדישע מאַסן איז געווען אַ וויכטיקער טייל פון דער „ירושה", וועלכע די ראַטנמאַכט האָט באַקו־מען פון דעם צאַריזם און וועלכע זי (די ראַטנמאַכט) האָט גאַנץ גיך ליק־ווידירט דורך אַ ראַדיקאַלער סאָציאַלער רעקאָנסטרוקציע פון די ייִדישע מאַסן.

* * *

די גרויסע פירער פון דעם אַלוועלטלעכן פּראָלעטאַריאַט לענין און סטאַלין האָבן פיל מאָל אָנגעוויזן אויף דער צעקאַליעטשעטער סאָציאַלער סטרוקטור פון דער ייִדישער באַפעלקערונג אין דעם צאַרישן רוסלאַנד. דער כאַווער סטאַלין האָט באַזונדערס אונטערגעשטראָכן דעם פאַקט, וואָס בײַ די ייִדן פעלט אַ שטאַנדהאַפטיקער שיכט ערדאַרבעטער. „בײַ די ייִדן — האָט גע־שריבן כאַווער סטאַלין — איז ניטאָ קיין ברייטער שטאַנדהאַפטיקער שיכט, וואָס איז פאַרבונדן מיט ערד, אַ שיכט, וואָס צעמענטירט אויף אַ נאַטירלעכן אופן די נאַציע ניט נאָר אַלס איר סקעלעט, נאָר אויך אַלס „נאַציאָנאַלן" מאַרק. פון די 5—6 מיליאָן רוסישע ייִדן זײַנען נאָר 3—4 פּראָצענט אַזוי אָדער אַנדערש פאַרבונדן מיט לאַנדווירטשאַפט. די איבעריקע 96 פּראָצענט זײַנען פאַרנומען אין דעם האַנדל, אין דער אינדוסטריע, אין די שטאָטישע אַנשטאַלטן און וווינען בכלל אין די שטעט"[1]...

אַ קורצער איבערבליק איבער דער געשיכטע פון די פּרוּוון, וואָס זײַ־נען געמאַכט געוואָרן דורך דער צאַרישער רעגירונג, „צוציִען" די ייִדן צו ערדאַרבעט — וועט באַווײַזן די נישטיקע רעזולטאַטן פון די דאָזיקע פּרוּוון.

אין 1800־טן יאָר האָט פּאַוועל I דער קאָמאַנדירט אין ווײַסרוסלאַנד דעם סענאַטאָר דערזשאַווינ[ען] אויסצופאָרשן די לאַגע פון דעם פּויערטום אין צוזאַמענהאַנג מיטן הונגער, וואָס האָט דאָרט געהערשט. בײַ דער דאָזיקער געלעגנהייט האָט זיך דערזשאַווינ אָנגעשטויסן אויף דער „ייִדן־פראַגע" און איז געקומען צום אויספיר, אַז מע מוז אָננעמען וועלכע־ניט־איז דרינגענ־דיקע מאָסמיטלען אין דעם דאָזיקן געביט. אין זײַן מעמאָראַנדום וועגן דער דאָזיקער פראַגע האָט ער דאָס מאָטיווירט אויף אַ גאַנץ אָריגינעלן אופן: „אויב גאָטס ווילן איז אַזאַ, אַז צוליב אויספילן זײַנע פּלענער, וועלכע זײַנען אונדז ניט באַוווּסט, לאָזט ער איבער דאָס דאָזיקע געפערלעכע לויט זײַן מאָראַלישקייט פאָלק אויף דער ערד־אויבערפלאַך און פאַרטיליקט עס

[1] י. סטאַלין, דער מאַרקסיזם און די נאַציאָנאַלע פראַגע, מעלוכע־פאַרלאַג „דער עמעס", 1941, ז. 34.

זיט, מוזן דאָס דאָזיקע פאָלק דולדן אויך די רעגירונגען, צו וועמענס הער־שונג דאָס פאָלק האָט זיך אונטערגעוואָרפן... זיי מוזן פארשפרייטן זייער האַזשגאָכע אויך אף די זשידעס אף אזא אופן, אז זיי זאָלן זײַן נוצלעך סײַ פאר זיך, סײַ פאר דער געזעלשאפט, צווישן וועלכער זיי האָבן זיך אײַנגעאָרדנט" [1].

אין צוזאמענהאנג מיט דערזשאווינס מעמאָראנדום איז געשאפן געוואָרן א ספעציעלער קאָמיטעט, וועלכער האָט אויסגעארבעט די „גרונט־טאקאָנעס וועגן די יידן" (באשטעטיקט געוואָרן דורך אלעקסאנדער דעם I סאָף 1804 יאָר). צווישן א ריי אנדערע מאָסמיטלען האָט דער דאָזיקער קאָמיטעט פאָר־געלייגט צו באזעצן יידישע איבערוואנדערער אף די סטעפּישע מאסיוון פון די געוו. יעקאטערינאָסלאווער און כערסאָנער גוּבערניעס. די לאגע פון דער יידישער באפעלקערונג אינעם „טכום" איז צו יענער צײַט געווען אזא שוידערלעכע, אז ניט געקוקט אף דעם אומצוטרוי פון די יידישע מאסן צו די מאָסמיטלען פון דער צארישער מאכט, האָט זיך דאָך פונעם 1806 יאָר אָן אָנגעהויבן א מערקבארע באוועגונג פון יידן „אף ערד".

שוין פאר די ערשטע צוויי איבערוואנדערונגס־יאָרן האָבן זיך אף די אָנגעוויזענע פּאָנדן באזעצט העכער צוויי טויזנט יידן. אין 1807 יאָר האָבן זיך אף די אוקראַינישע סטעפּעס אויסגעבילדעט פיר קאָלאָניעס: באָבראָווי קוט, סיידע־מענוכע, דאָבראַיע און איזראַי'לעווקע. אין 1809 יאָר האָבן זיך געשאפן די קאָלאָניעס: אינגולעץ, קאמענקע, נאהארטאָוו און יעפינהאר. צום אָנהייב 1810 יאָר געפינען זיך שוין אין אלע נײַ־אויסגעבילדעטע קאָ־לאָניעס בא 9 טויזנט נעפאשעס פון דער יידישער איבערוואנדערישער בא־פעלקערונג.

די צארישע מאכט איז אָבער קלאָל ניט געווען פארינטערעסירט אף־אנעמעסן צו באזעצן יידן אף ערד. די קאָלאָניעס זײַנען אבסאָליוט ניט געווען צוגעגרייט צום אופנעמען די איבערוואנדערער. גלײַך ווי ס'האָט זיך אָנגעהויבן די איבערוואנדערונג, האָט זיך אין די קאָלאָניעס אָנגעהויבן פילן א מאנגל אין טויגבאר וואסער. צווישן די איבערוואנדערער האָבן זיך פארשפרייט עפּידעמישע קראנקײַטן. מאכמעס דער גוואלדיקער אומגערעטע־ניש איז די לאגע געוואָרן אבסאָליוט אומדערטרעגלעך. טויט־פאלן פון מענ־טשן און פון פי האָבן זיך פארמערט.

די ווײַטערדיקע איבערוואנדערונג האָט זיך אָפּגעשטעלט אף צען יאָר. פאר דעם דאָזיקן צײַט־אָפּשניט האָט זיך די איבערוואנדערישע באפעלקע־רונג שטארק פארקלענערט. די איבערוואנדערער פלעגן פאָשעט באגאנוועט ווערן דורך די צארישע טשינאָווניקעס, וואָס האָבן געבאלעבאטעוועט באם

1 ציטירט לויט באָראָוואָיס בוך: די יידישע לאנדווירטשאפטלעכע קאָלאָניזאציע אין דעם אלטן רוסלאנד, מאָסקווע, 1928.

פינאנסירן די איבערוואנדערונג און באַם אײַנאָרדענען די קאָלאָניעס. די לאגע איז געווען שרעקלעך. צו דער צײַט, ווען מע האָט אָפּגעשטעלט די איבער-וואנדערונג, איז 60 פראָצענט פון דער באַפעלקערונג אין סיידע-מענוכע געווען קראנק, אין אײנגולעצ האָבן די אײַנוווינער צו יענער צײַט שוין „עטלעכע וואָכן ניט געהאט קיין ברויט... און דעריבער האָבן זיי זיך פרילינגס-צײַט דערנערט מיט שטשאַוועל, און אז זיי האָבן דעם שטשאַוועל אויפגעגעסן, האָבן זיי געקוילעט און אויפגעגעסן די אָקסן, און דאָך זײַנען עטלעכע מענטשן גע-שטאָרבן פון הונגער" [1]. אין קאמענקע איז „געשטאָרבן קינדער מער פון דערוואקסענע" [2]. אפילו די צארישע טשינאָווניקעס, די אויפזעער איבער די קאָלאָניעס, זײַנען געווען געצוווּנגען צו מעלדן, אז „פאר זיי איז קלאָר געוואָרן דער דאלעס און די ברויטלאָזיקײַט בא א גרויסער צאָל ייִדן, וועלכע נייטיקן זיך אין א שנעלער שטיצע" [3].

בײַם דער צווייטער „ערד-אײַנאָרדענונג" האָט זיך די צאָל ייִדישע איבערוואנדערער ניט אפ א סאך פארגרעסערט. בײַם דער דריטער און פערטער „ערד-אײַנאָרדענונגען", וואָס זײַנען פאָרגעקומען אין די 40–50-ער יאָרן פון פאָריקן יאָרהונדערט, און אדאנק דעם זעלבשטענדיקן צופלוס פון איבערוואנדערער אין די 60–70-ער יאָרן פון פאָריקן יאָרהונדערט איז די צאָל ייִדישע קאָלאָניעס אין די געוו. כערסאָנער און יעקאטערינאָסלאווער גובערניעס געשטיגן ביז 39 מיט אן איבערוואנדערישער באַפעלקערונג פון העכער 26 טויזנט נעפאשעס.

גלײַכצײַטיק מיט דער איבערוואנדערונג איז געווען אויך צו באמערקן א וווּקס פון דער צאָל ייִדן, וואָס האָבן זיך אָנגעהויבן צו פארנעמען מיט לאנדווירטשאפט אין די שטעטלעך גופא אָדער ארום זיי. אכוץ פעלדצוכט, וואָס איז דאָ געווען קנאַפּ אנטוויקלט, האָבן זיך די בײַשטעטלדיקע ייִדישע פויערים פארנומען מיט גערטנערײַ, סעדערײַ, ווײַנגערטנערײַ, פיצוכט, בינען-צוכט אדג. דער ווײַטערדיקער וווּקס פון דער בײַשטעטלדיקער ייִדישער ערדארבעט איז אָפּגעשטעלט געוואָרן, מאכמעס אין 1859 יאָר האָט די צארישע רעגירונג פארווערט צו קױפן מעלוכישע ערד אין די מײַרעווודיקע גובערניעס. די „צײַטווײַליקע טאקאָנעס" פונעם 1882 יאָר און די ווײַטער-דיקע פארשטארקונג פון רעפּרעסיעס קעגן ייִדן האָבן נאָך מער פארשוועריקט דעם אריבערגאנג פון ייִדן אפ ערד אין די ערטער, וועלכע האָבן זיך געפונען אויסער די קאָלאָניעס פון דאָרעם-רוסלאנד.

ארום און ארום האָט אפ דער טעריטאָריע אין די גרענעצן פון פססר

---

1 וו. ניקיטין, ייִדן ערדארבעטער, ז. 35, פעטערבורג, 1887.
2 דאָרט.
3 דאָרט.

צום 1/I 1939 יאָר צום אָנהייב פון איצטיקן יאָרהונדערט געלעבט פון לאַנדווירטשאַפט:

אין די קאָלאָניעס: פון פעלדצוכט	5	טויזנט יידישע מישפּאָכעס
אויסער די קאָלאָניעס: פון פעלדצוכט . . .	3	״ ״ ״
אויסער די קאָלאָניעס: פון ספּעציעלע לאַנד־ווירטשאַפט־צווייגן	3	״ ״ ״
סאַכאַקל	11	טויזנט מישפּאָכעס.

עלף טויזנט מישפּאָכעס — אָט דאָס איז די גרייס פון דעם טייל יידישע באַפעלקערונג, וועלכן ס׳איז געלונגען אין די באַדינגונגען פונעם צאַרישן רעזשים צו באַהעפטן זיך צו לאַנדווירטשאַפט אין פאַרלויף קימאַט פון הונדערט יאָר.

צווישן די יידישע קאָלאָניסטן איז אָנגעגאַנגען דער אַלגעמיינער פּראָצעס פון קלאַסן־דיפערענצירונג און קלאַסנקאַמף. אַף וויפל די ערד־כאַלאָקים פלעגן ניט איבערפאַרטיילט ווערן און די פליסיקייט פון דער באַפעלקערונג איז געווען א קאָלאָסאַלע, האָט דאָס מיטגעבראַכט צו א באַדייטנדיקער דיפערענצירונג פון דעם יידישן פּויערטום. פאַר די יאָרן קאָלאָניזאַציע איז באַ א פינפטל פון דער גאַנצער צאָל יידישע פּויערים געבליבן ערדלאָז, גלייכצייטיק האָט זיך פון צווישן זיי אויסגעטיילט א מערקבאַרער באַלעגופישער טייל, אַזוי אַז צום סאָף פון דעם קאָלאָניזאַציע־פּעריאָד האָבן 14 פּראָצענט פון די יידישע פּויערים געהאַט אין זייער רעשוס העכער א העלפט פון דעם גאַנצן פאַרזיי־שעטעך; אַן ערעך 6 פּראָצענט פון דער גאַנצער צאָל קאָלאָניסטן האָבן צום סאָף פון פאַריקן יאָרהונדערט געהאַט באַ זיך באַשטענדיקע באַטראַקעס. קאָמבינירן מיר די דאָזיקע ציפער מיט די יעדיעס וועגן דער גרייס פון די אינדיווידועלע ערד־באַצירקן און וועגן דער צאָל הויפן, וואָס האָבן אַרענדירט צוגאָב־כאַלאָקים, קומען מיר צו דער האַשאָרע, אַז צום אָנהייב פון איצטיקן יאָרהונדערט האָט זיך אין די יידישע קאָלאָניעס אויסגעבילדעט א באַלעגופישער שיכט, וואָס האָט באַטראָפן באַ 5 פּראָצענט פון דער דאָרטיקער באַפעלקערונג, בייס דאָס ספּעציפישע געוויכט פון די ערדלאָזע ווירטשאַפטן און פון די ווירטשאַפטן מיט קליינע ערד־כאַלאָקים האָט אויסגעמאַכט פון 50 ביז 60 פּראָצענט. פאַרשטענדלעך, אַז דאָס האָט געשאַפן א באָדן פאַר קלאַסנקאַמף, וועלכער האָט טאַקע אינעם יידישן דאָרף אָנגענומען גאַנץ שאַרפע פאָרמען. וועגן דעם זאָגן איידעס פאַרשיידענע מעלדונגען פון די דעמאָלטדיקע אויספאָרשער. דער אויספאָרשער כאָלאָדקאָווסקי, לעמאָשל, האָט געשריבן: „די פאַרמעגלעכע יידן לאָזן זיך צוליב זייערע נוצן אַף פאַרשיידענע שפּיצלעך: צום בייַשפּיל, בייסן פאַרזיי לאָזן זיי ניט צו די אָרעמפּויערים אַראָפּצונעמען דאָס גראָז פון די פעלדער, וועלכע זיינען א רעשוס־האָראַבים. דער טערעץ איז—

דאָס גראָז איז נאָך ניט צײַטיק געוואָרן. דערווײַל נעמען זיי אָן א געוואגנדיקע צאָל לוין-ארבעטער און דורך פארשטארקטע מיטלען סטארען זיי זיך צו פאַרגרייטן פאר זיך וואָס מער היי, און די אָרעמעלײַט — קוים וואָס זיי באוויַיזן אראָפּצונעמען פאר זיך דעם קלענסטן טייל"[1]. א צווייטער אויספאָרשער האָט געשריבן וועגן דער קאָלאָניע איזראַילעווקע, אז „אפּ וויפל די ערד איז דאָרט ניט פארטיילט אפּ כאלאָקים, האָט דער רײַכער קאָלאָניסט פיל ערד און פארן אָרעמאן בלײַבט גאָרניט"[2]. פארשטענדלעך, אז די קאזיאָנע אדמיניסטראציע האָט שטענדיק געהאָלפן די ייִדישע טאקיפים צו דריקן די אָרעמע קאָלאָניסטן.

אויב מיר וועלן דיסקאָנטירן די אויסערסט שווערע באדינגונגען, אין וועלכע די איבערוואנדערונג איז פאָרגעקומען, וועלן מיר דארפן אָנערקענען, אז די פארהעלטניסמעסיק היפשע צאָל ייִדישע איבערוואנדערער זאָגט איידעס וועגן דעם, אז באדײַטנדיקע מאסן פון דער ייִדישער „טכום"-באפעלקערונג האָבן שטענדיק געשטרעבט אריבערצוגיין צו ערדארבעט. ווען מיר נעמען אָבער אין אכט דעם פארנעם פון דער עקאָנאָמישער באָדנלאָזיקײַט צווישן דער דאָזיקער באפעלקערונג, מוזן מיר קומען צום אויספיר, אז די קוואנטיטאטיווע רעזולטאטן פון דער דאָזיקער הונדערטיאָריקער קאָלאָניזאציע זײַנען געווען נישטיקע. זעלבסטפארשטענדלעך, אז די דאָזיקע קאָלאָניזאציע האָט אפילו אין דער מינדסטער מאָס ניט געלייזט די פּראָבלעם פון נאָרמאליזירן די סאָציאַל-עקאָנאָמישע לאגע פון דער ייִדישער „טכום"-באפעלקערונג. די צארישע זעלבסטהערשונג איז דערין אבסאָליוט ניט געווען פארינטערעסירט.

1 ציטירט לויט באָראָוואָיס דערמאָנטער ארבעט, ז. 171.
2 דאָרט.

II. די וויכטיקסטע מאָסמיטלען פון דער ראטנמאכט אפן געביט פון סאָציאַלער איבערגעשטאלטונג פון די ייִדישע מאסן

די סאָוועטן-מאכט האָט גלייך פון די ערשטע טעג אָן פון איר עקזיסטענץ ליקווידירט די ייִדישע רעכטלאָזיקייט. פארווירקלעכנדיק דעם באָלשעוויסטישן פרינציפ וועגן רעכט פון די פעלקער אפ זעלבסטבאשטימונג ביזן אָפטיילן זיך איינגעשלאָסן, האָט די ראטנמאכט אויך פאר דער ייִדישער נאציאָנאליטעט געשאפן די ברייטסטע מעגלעכקייטן פאר איר עקאָנאָמישער און קולטורעלער אנטוויקלונג. אלע צארישע פאראָרדענונגען און באגרענעצונגען בנוגע ייִדן זיינען אָפגעשאפן געוואָרן. ייִדן האָבן באקומען אומבאגרענעצטע וווינרעכט, דעם פרייען צוטריט אין אלע פאבריקן און זאוואָדן, צו ערדארבעט, אין מעלוכע-אפאראט; ייִדישע קינדער און יוגנטלעכע האָבן געקראָגן דאָס רעכט פריי אָנקומען אין אלע מינים שולן, אָנגעהויבן פון דער אָנפאנג-שול און געענדיקט מיט די פארשיידענע הויכשולן און אקאדעמיעס; כוץ דעם איז אָרגאניזירט געוואָרן א ברייט פארצווייגטע נעץ קולטור- און בילדונגס-אנשטאלטן (שולן, קלובן, ביבליאָטעקן, טעאטערן אדג.), וואָס ארבעטן אין ייִדיש.

געוויינלעך זיינען דורך דער סאָוועטן-מאכט אָנגענומען געוואָרן אויך די אנטשיידנדיקסטע מיטלען אפ צו ליקווידירן די רעשטלעך אנטיסעמיטיזם. אין זיין באוווּסטער רעדע, וואָס איז אין 1919 יאָר פארשריבן געוואָרן אפ א גראמאָפאָן-פלאט, האָט לענין דערקלערט די סיבעס, צוליב וועלכע „די צארישע פאָליציי, אין בונד מיט די פריצים און קאפיטאליסטן, האָט איינגעאָרדנט ייִדישע פאָגראָמען. די סינע פון די אויסגעפייניקטע דורך דער נויט ארבעטער און פויערים האָבן די פריצים און קאפיטאליסטן זיך באמיט צו ווענדן קעגן די ייִדן. אויך אין אנדערע לענדער קומט אויס צו זען ניט זעלטן, אז די קאפיטאליסטן צעצינדן די סינע צו די ייִדן, כדי צו פארבלענדן די אויגן פונעם ארבעטער, כדי אָפצווענדן זייערע בליקן פונעם עמעסן סוינע פון די ארבעטנדיקע—פונעם קאפיטאל"[1]. לענין האָט אין דער דערמאָנטער רעדע אָנגעוויזן, אז די ארבעטנדיקע באטרעפן די מערהייט פון דעם ייִדישן פאָלק, און האָט געמאָלדן: „שאנדע דעם פארשאָלטענעם צאריזם, וואָס האָט געפייניקט און פארפאָלגט די ייִדן. שאנדע

1 לענין, אויסגעוויילטע ווערק, ב. XXIV, ז. 203.

צו די, וועלכע זייַנען פֿייַנטשאַפֿט צו ייִדן, וועלכע זייַנען האַס צו אַנדערע באַציִעס״ [1]. צווישן די ערשטע דעקרעטן פֿון דער ראַטנמאַכט געפֿינען מיר אויך דעם דעקרעט וועגן קאַמף קעגן אַנטיסעמיטיזם. די פּראָדוקטיוויזירונג פֿון די ייִדישע מאַסן האָט, נאַטירלעך, אויך באַדייַטנדיק מיטגעווירקט צו באַקעמפֿן די רעשטלעך אַנטיסעמיטיזם.

אַדאַנק דעם, וואָס ס'איז ליקווידירט געוואָרן דער „טכום״, האָט זיך גלייַך געביטן אויך די געאָגראַפֿישע פֿאַנאַנדערטיילונג פֿון דער ייִדישער באַפֿעלקערונג. די שטעטלשע באַפֿעלקערונג, וואָס האָט זיך געשטיקט אין ענגשאַפֿט, האָט מאַסנווייַז גענומען אַריבערקלייַבן זיך אין די בייַליגנדיקע גרויסע שטעט און אויך אין ערטער, וואָס געפֿינען זיך אויסער די גרענעצן פֿונעם פֿריִערדיקן „טכום״. דאָס טאַקע האָט אין אַ געוויסער מאָס געבראַכט צו די ערשטע פּאָזיטיווע רעזולטאַטן אינעם אויסבילדן אַ צאָלרייַכע ייִדישע אינדוסטריעלע אַרבעטערשאַפֿט: עס האָבן זיך באַוויזן — האַגאַנץ צוערשט ניט אין אַ גרויסער צאָל — פֿאַבריק-זאַוואָדישע אַרבעטער פֿון צווישן דער ייִדישער באַפֿעלקערונג.

די סאָוועטן-מאַכט, וואָס איז צו יענער צייַט געווען פֿאַרנומען מיטן קאַמף קעגן די פּילצאָליקע סאָנים אַף די פֿראָנטן פֿונעם בירגערקריג, האָט פֿונדעסטוועגן שוין דאַן געשאָנקען פֿיל אויפֿמערקזאַמקייט די פֿראַגן פֿון דער סאָציִאַלער איבערבויִונג פֿון דער ייִדישער נאַציאָנאַלער מינדערהייט. שוין אין פֿעריִאָד פֿונעם בירגערקריג האָט די רעגירונג אויסגעטיילט פֿיל ערד-כאַלאָקים מיטן צוועק צו באַזעצן דאָרט ייִדישע אַרבעטנדיקע און ייִדישע אָרעמשאַפֿט, און אַזויאַרום איז אַוועקגעלייגט געוואָרן אַן אָנהייב פֿאַר דער לאַנדווירטשאַפֿטלעכער אייַנאָרדענונג פֿון די ייִדן, וואָס האָט אַף וויַטער אָנגענומען אַזאַ באַדייַטנדיקן פֿאַרנעם.

אין דער ערשטער העלפֿט 1919 יאָר האָט דער צענטראַל-קאָמיטעט פֿון דער ר.ק.פּ.(ב) באַהאַנדלט די פֿראַגע וועגן צוציִען די ייִדישע אַרבעטנדיקע און ייִדישע אָרעמשאַפֿט צו ערדאַרבעט. אַפֿן סמאַך פֿון דער דאָזיקער באַהאַנדלונג האָט די קאָלעגיע פֿונעם פֿאָלקאָמערד דעם 12 יול 1919 יאָר באַופֿטראָגט דעם „צענטראָערד״ („צענטראָזיעמ״) פֿאַנאַנדערצואַרבעטן די פֿראַגע וועגן די פֿרייַע ערד-פֿאָנדן, וועלכע קאָנען אויסגענוצט ווערן פֿאַר דער ייִדישער ערד-אייַנאָרדענונג. ענלעכע באַשלוסן און מאָסמיטלען זייַנען אָנגענומען און אָנגעווענדט געוואָרן אַף די ערטער, איבערהויפּט — אַף אוקראַיִנע.

אין דעם אופֿשטעלונגס-פֿעריִאָד האָט די ראַטן-רעגירונג דורכגעפֿירט אַ רײ מאָסמיטלען אַפֿן געביט פֿון לאַנדווירטשאַפֿטלעכער אייַנאָרדענונג פֿון דער ייִדישער אָ־עמשאַפֿט אַף דורכוויסיקע ערד־מאַסיוון אין קרים, אַף אוקראַיִנע און טיילווייַז אין ווייַסרוסלאַנד. אַזוי, אַשטייגער, האָט אין 1924

[1] לענין, אויסגעוויילטע ווערק, ב. XXIV, ז. 203.

יאָר דער צענטראלער אויספיר-קאָמיטעט פונ ווססר אָנגענומענ א ספעציעלנ באשלוס וועגנ אויסטיילנ פאר דער ייִדישער ערד-אײַנאָרדענונג די געהעריקע ערד-פאָנדנ אונ דורכפירנ דאָרט די נייטיקע מעליִאָראטיווע ארבעטנ אונ אײַנאָרדענונגס-ארבעטנ; עס איז אויכ אויסגעארבעט געוואָרנ דער סיידער פונ קרעדיטירנ די דאָזיקע אלע אָפעראציעס. אײנצײַטיק מיט ווײַסרוסלאנד האָט אויכ דער פרעזידיום פונעמ אלוקראַיִנישנ אויספיר-קאָמיטעט ארויסגעטראָגנ א באשלוס וועגנ דער ייִדישער ערד-אײַנאָרדענונג אפ אוקראַיִנע, פאָרויסזעענדיק די צוועקמעסיקײַט פונ אויסטיילנ פאר די איבערוואנדערער ערד-פאָנדנ אפ די ערטער, וווּ עס האָבנ זיכ געפונענ די פריִערדיקע ייִדישע קאָלאָניעס.

אינ דער געמיינזאמער באשטימונג פונעמ צענטראלנ אויספיר-קאָמיטעט אונ ראטפאָלקאָמ פונ ווססר אונ אינ די אנטשפרעכיקע באשטימונגענ פונ די אוקראַיִנישע ערד-אָרגאנענ, וואָס באציִענ זיכ צום אָנהייב 1925 יאָר, זײַנענ די מאָסמיטלענ אפנ געביט פונ דער ייִדישער ערד-אײַנאָרדענונג קאָנקרעטיזירט געוואָרנ גענויער. דערבײַ זײַנענ אויכ אָנגעמערקט געוואָרנ א רײ להאָטעס, וואָס האָבנ באדארפט סטימולירנ די לאנדווירטשאפטלעכע איבערוואנדערונג פונ די ארבעטנדיקע ייִדנ. עס איז אײַנגעשטעלט געוואָרנ א פארביליקטער אריבערפאָר-טאריפ פאר די איבערוואנדערער מיט זייערע פאמיליעס אונ פאר טראנספאָרטירנ זייער אינווענטאר אונ פארמעגנ. אינ די אײַנוואנדערונגס-ערטער איז אײַנגעפירט געוואָרנ א רײ להאָטעס באמ אײַנצאָלנ דעמ לאנדווירטשאפטלעכנ שטײַער אאוו.

צומ סאָפ פונעמ אופשטעלונגס-פעריִאָד ווענדט די ראטנמאכט איר אופמערקזאמקײַט אויכ אפנ געביט פונ פלאנמעסיקנ ארײַנציִענ די ייִדישע מאסנ אינ דער אינדוסטריע. אינ א ספעציעלער באשטימונג פונ דעמ אלוקראַיִנישנ צענטראלנ אויספיר-קאָמיטעט אונ ראטפאָלקאָמ פונעמ 19 מײַ 1926 יאָר איז אָנגעוויזנ געוואָרנ אפ דער נייטיקײַט ארײַנצוציִענ די יוגנט פונ דער ייִדישער אָרעמשאפט אינ די אינדוסטריעלע אונטערנעמונגענ אונ מאקסימאל באפרידיקנ די ייִדישע יוגנטלעכע מיט פראָפעסיִאָנעלער בילדונג.

שפעטער-צו — אינ דעמ פעריִאָד פונ אינדוסטריִאליזאציע אונ קאָלעקטיוויזאציע, אינעמ פעריִאָד, ווענ עס זײַנענ רעאליזירט געוואָרנ די ערשטע צוויי סטאלינישע פינפיאָר-פלענער, — האָט די פלאנעווע לאנדווירטשאפטלעכע אײַנאָרדענונג פונ די ייִדנ באקומענ די נייטיקע אָרגאניזיר-פאָרמענ. אינ 1927 יאָר איז אפ אוקראַיִנע געשאפנ געוואָרנ דער ערשטער ייִדישער אדמיניסטראטיווער ראיאָנ — קאלינינדאָרפער, אינ 1928 יאָר — דער צווייטער ייִדישער אדמיניסטראטיווער ראיאָנ — נײַ-זלאטאָפאָליער, אונ אינ 1930 יאָר — דער דריטער: סטאלינדאָרפער. אויכ אינ דער קרימער אססר איז אינגיכנ נאָכ דעמ אפ דער טעריטאָריע פונ די ייִדישע איבערוואנדערישע קאָלווירטנ געשאפנ געוואָרנ א ייִדישער אדמיניסטראטיווער ראיאָנ. ענדלעכ, איז אינ

1928 יאָר (דעם 28 מאַרט) פֿאַר די צוועקן פֿון דער ייִדישער לאַנדווירט־שאַפֿטלעכער און אינדוסטריעלער איבערוואַנדערונג אויסגעטײלט געוואָרן אַפֿן ווײַטן מיזרעך דער גוואַלדיק־גרויסער ביראָבידזשאַנער ראַיאָן. שוין דאַן האָט דער פּרעזידיום פֿונעם צענטראַלן אויספֿיר־קאָמיטעט פֿאָרויסגעזען (אין דעם פֿינפֿטן פּאַראַגראַף פֿון זײַן באַשטימונג), אַז „בײַ גינסטיקע רע־זולטאַטן פֿון דורכויסיקער באַזעצונג... פֿונעם ראַיאָן דורך אַרבעטנדיקע ייִדן האָבן אין זינען די מעגלעכקײַט אויסצובילדן אַפֿן דער טעריטאָריע פֿונעם אָנגעוויזענעם ראַיאָן א ייִדישן נאַציאָנאַלן אַדמיניסטראַטיוו־טעריטאָריעלן איינס". עס זײַנען דורכגעגאַנגען זעקס יאָר אָנגעשטרענגטע אַרבעט, ענער־גישער קאַמף אַפֿן בײַצוקומען די ערנסטע, אָבער אומפֿאַרמײַדלעכע שווערי־קײַטן, וואָס זײַנען פֿאַרבונדן מיטן באַהערשן א נײַע, ווייניק־באַפֿעלקערטע טעריטאָריע, ביפֿראַט נאָך אין די באַדינגונגען פֿון ווײַטן מיזרעך, און די סאָוועטן־מאַכט, זײַענדיק טרײַ די פּרינציפּן פֿון דער לעניניש־סטאַלינישער נאַציאָנאַלער פּאָליטיק, האָט פֿײַערלעך דעקלאַרירט די פֿאַרוואַנדלונג פֿונעם ראַיאָן אין א ייִדישער אווטאָנאָמער געגנט (7 מײַ 1934 יאָר). דערמיט האָט די ייִדישע נאַציאָנאַליטעט אין פּסח געקראָגן, ווי כ' קאַלינין האָט זיך אויסגעדריקט, איר „מעלוכע־טיטל".

זעלבסטפֿאַרשטענדלעך, אַז דער באַשלוס וועגן פֿאַרוואַנדלען דעם בי־ראָבידזשאַנער ראַיאָן אין א ייִדישער אווטאָנאָמער געגנט איז געווען אָנגע־נומען ניט לעשעם דעקלאַראַטיווע צילן. דאָס איז געטאָן געוואָרן מיטן ציל, פֿון איין זײַט, צו פֿאַרשטאַרקן די סאָציאַליסטישע בויונג אַפֿן ווײַטן מיזרעך און, פֿון דער צווייטער זײַט, ביזן סאָף לייזן די נאַציאָנאַלע פֿראַגע בענוגייע דער ייִדישער נאַציאָנאַליטעט אין פּסח. די ייִדישע אווטאָנאָמע געגנט, א באַשטאַנד־טייל פֿונעם ווײַטן מיזרעך, איז די גרויסע באַקרוינונג פֿון דער גראַנדיעזער אַרבעט, וואָס די קאָמוניסטישע פּאַרטײַ און ראַטן־רעגירונג האָבן דורכגעפֿירט אַפֿ צו געזונט מאַכן די סאָציאַל־עקאָנאָמישע לאַגע פֿון די ייִדישע מאַסן. די פֿאַרשטאַרקטע אופֿמערקזאַמקײַט, וואָס די פּאַרטײַ און רעגירונג, פּערזענלעך דער כאַווער סטאַלין, ווי אויך די כאַ־ווײרים מאָלאָטאָוו, קאַלינין, קאַגאַנאָוויטש, האָבן געשאָנקען און שענקען די פֿראַגן פֿון פּאַרפּעסטיקן און אַנטוויקלען די פּאָליטיש־ווירטשאַפֿטלעכע און קולטורעלע בויונג אין דער ייִדישער אווטאָנאָמער געגנט, באַווײַזט, ס'אַרא וויכטיקן באַטײַט זיי גיבן צו דער דאָזיקער געגנט. די פּילצאָליקע רעגירונג־באַשטימונגען וועגן דער דאָזיקער פֿראַגע באַשטעטיקן עס אַמבוי־לעטסטן.

די פּלאַנעווע מעלוכישע מאָסמיטלען אַפֿן געביט פֿון פּראָדוקטיוויזירן די ייִדישע מאַסן האָבן זיך אין דער ערשטער צײַט באַגרענעצט מיט ערד־אײַנאָרדענונג, אָבער גאָר אינגיכן, ווי מיר האָבן שוין אָנגעוויזן, האָט די ראַטן־רעגירונג אָנגענומען אַנטשיידענע מאָסמיטלען אַפֿ אַרײַנציִען א באַ־

דײַטנדיקן טייל יידישע באַפעלקערונג אויך אין דער אינדוסטריע און באַ־זונדערס אין דער גרויס־אינדוסטריע.

די קאָמוניסטישע פּאַרטיי און די ראַטן־רעגירונג האָבן שטענדיק צו־געגעבן אַ גרויסע באַדײַטונג דער אויסבילדונג און דעם וווּקס פונעם אינ־דוסטריעלן פּראָלעטאַריאַט צווישן די פעלקער און פעלקערשאַפטן, וועלכע זײַנען בייסן צאַרישן רעזשים געווען פאַרפאַלגט און עקאָנאָמיש אָפּגע־שטאַנען. אויפן XII צוזאַמענפאָר פון דער אַלקפּ(ב) האָט כאַווער סטאַלין גע־זאָגט:

„אַלע אָפּגעשטאַנענע נאַציאָנאַליטעטן און אַלע שוואַטים האָבן פאָרמעל פונקט אַזויפיל רעכט, ווי אַלע אַנדערע נאַציאָנאַליטעטן אין באַשטאַנד פון אונדזער פעדעראַציע, וואָס זײַנען אַוועק פאַרויס. די צאָרע איז אָבער, וואָס אייניקע נאַציאָנאַליטעטן האָבן ניט קיין אייגענע פּראָלעטאַריער, זיי זײַנען קיין אינדוסטריעלע אַנטוויקלונג ניט דורכגעגאַנגען, זיי האָבן זי אַפילע ניט אָנגעהויבן, אין פראַט פון קולטור זײַנען זיי שרעקלעך אָפּגעשטאַנען און זײַנען אַבסאָליוט ניט בעקויעך אויסצונוצן די רעכט, וואָס די רעוואָלוציע האָט זיי געגעבן“ [1].

אַזויאַרום איז די אָפּוועזנהייט אָדער די ניט־גענוגנדיקע צאָל פונעם פּראָלעטאַריאַט אינעם סאָציאַלן אָרגאַניזם פון באַזונדערע פעלקערשאַפטן געווען איינע פון די הויפּט־סיבעס פון דער פאַקטישער נאַציאָנאַלער אום־גלײַכהייט, וואָס איז נאָך צו יענער צײַט ניט געווען אויסגעלעבט. אין העסקעם מיט די אָנווײַזונגען פונעם כאַווער סטאַלין, איז אין דער רע־זאָלוציע פונעם XII פּאַרטיי־צוזאַמענפאָר אָנגעוויזן געוואָרן, אַז ליקווידירן די דערמאָנטע אומגלײַכהייט „איז מעגלעך נאָר דורך אַ ווירקלעכער און דויערנדיקער הילף מיצאַד דעם רוסישן פּראָלעטאַריאַט די אָפּגעשטאַנענע פעלקער פונעם פאַרבאַנד אין זייערווירטשאַפטלעכער און קולטורעלער אַנטוויקלונג. די דאָזיקע הילף דאַרף זיך אין דער ערשטער ריי אויסדריקן אינעם אָנעמען אַ ריי פּראַקטישע מאָסמיטלען אַף אויסצובילדן אין די רעפּובליקן פון די פריער אונטערדריקטע נאַציאָנאַליטעטן אינדוסטריעלע צענטערס, מאַקסימאַל אַרײַנציִענדיק אין זיי די אָרטיקע באַפעלקערונג“.

עס איז פאַרשטענדלעך, אַז די געבראַכטע אָנווײַזונגען און באַשלוסן האָבן באַדאַרפט אָנגעווענדט ווערן אויך בענעגייע דער יידישער נאַציאָנאַליטעט. עמעס, די פראַגע וועגן שאַפן אינדוסטריעלע צענטערס אַף אַ נאַציאָנאַלער טעריטאָריע פון יידישע אַרבעטנדיקע איז נאָך צו יענער צײַט ניט רײַף געוואָרן, דערפאַר איז אָבער קלאָר געווען די נייטיקייט אײַנצושליסן אין דעם קרײַז מאָסמיטלען אַפן געביט פון דער סאָציאַלער רעקאָנסטרוקציע

1 י. סטאַלין, מאַרקסיזם און די נאַציאָנאַל־קאָלאָניאַלע פראַגע, פּאַרטיזדאַט, 1939, ז. 152.

פון דער ייִדישער באפעלקערונג אויך די ארבעט פון אויסבילדן א צאָלרײַכערע ייִדישע אינדוסטריעלע ארבעטערשאפט. און כאָטש דער פראָצעס פון אויסבילדן און פארגרעסערן די ייִדישע ארבעטערשאפט איז אָנגעגאנגען באנאנד און טאקע אפ דער באזע פון דער אלגעמיינער סאָציאליסטישער בויונג אין אונדזער לאנד, אפ דער באזע פון דער אינדוסטריאליזאציע און קאָלעקטיוויזאציע, — דאָך האָבן די פארטיי און רעגירונג געפונען פאר נייטיק אָנצווענדן בענעגייע דער ייִדישער נאציאָנאליטעט אויך א ריי ספעציעלע פלאנעווע מאָסמיטלען, וועלכע האָבן פארשנעלערט דעם פראָצעס פון ארײַנציִען די ייִדישע ארבעטנדיקע אין די רייען פונעם אינדוסטריעלן פראָלעטאריאט.

לויט ספעציעלע באשטימונגען פון די סאָוועטישע מאכט-אָרגאנען זײַנען אין די יאָרן 1929—1930 פאָרויסגעזען געוואָרן אליע־לעכע אסיגנירונגען אפ דער אינדוסטריעלער קוואליפיצירונג און איבערקוואליפיצירונג פון דער ייִדישער יוגנט; עס איז סטימולירט געוואָרן דאָס אָננעמען ניט-קוואליפיצירטע ארבעטס-קראפט פון צווישן דער ייִדישער אָרעמשאפט פאר די בוי-ארבעטן, וואלד-פארגרייטונגען, אין די קוילנגרובן און פארשיידענע אינדוסטריעלע אונטערנעמונגען. אין ראיאָנען מיט א קאָמפאקטער ייִדישער באפעלקערונג איז אײַנגעשטעלט געוואָרן א ספעציעלע אָרדענונג פון רעגיסטרירן די ארבעטלאָזע ייִדישע יוגנט אפ די ארבעט-ביוראָס, וואָס דאָס האָט געגעבן א מעגלעכקייט שנעלער זי באזאָרגן מיט ארבעט.

אינעם רעאליזירן די מאָסמיטלען, וואָס די פארטיי און רעגירונג האָבן אָנגעמערקט אפן געביט פון אינדוסטריאליזירן די ייִדישע יוגנט, האָט א באדײַטנדיקן אָנטייל גענומען דער קאָמיוג. אין א ספעציעלער גרעסערער באשטימונג פון 20 יונ 1930 יאָר האָט די ביוראָ פון צענטראל-קאָמיטעט פונעם אלפארבאנדישן לענינישן קאָמיוג פארשארפט די פראגע, אז ס'איז נייטיק וואָס שנעלער ליקווידירן די ארבעטלאָזיקייט צווישן דער ייִדישער יוגנט, קוואליפיצירן און איבערקוואליפיצירן זי, אריבערווארפן א גרעסערע צאָל ייִדישע יוגנטלעכע אין די אינדוסטריעלע ראיאָנען אאוו. אין דער דערמאָנטער באשטימונג איז אויך פאָרויסגעזען געוואָרן דער אָנטייל פון די קאָמיוגישע אָרגאניזאציעס אין דער לאנדווירטשאפטלעכער איבערוואנדערונגס-ארבעט צווישן די ייִדישע ארבעטנדיקע.

אין די יאָרן 1928—1929 האָט די מעלוכע אסיגנירט באדײַטנדיקע געלט-מיטלען אפ אָרגאניזירן ספעציעלע קורסן פאר צוגרייטן אינדוסטריעלע ארבעטער פון צווישן דער ייִדישער יוגנט. די דאָזיקע געלט-מיטלען זײַנען אויסגענוצט געוואָרן אין אוססר און ווססר. אין דעם זעלביקן יאָר זײַנען אפ א פלאנעווען אופן געשיקט געוואָרן ייִדישע יוגנטלעכע אפ דעם קערטשער מעטאלורגישן זאוואָד אפ וואָיקאָווס נאָמען און שפעטער אויך אפ די מעטאל-באארבעטנדיקע אונטערנעמונגען פון אוראל, אין די אינדוסט-

ריעלע אונטערנעמונגענ פונ גאָרקער קאנט אונ צאָפנ-קאווקאז, אפ די בוי-
קורסנ פונעמ צענטראלנ ארבעט-אינסטיטוט („ציט”) אאוו. סאכאקל איז פאר
די יאָרנ 1929 אונ 1930 אפ א פלאנעוונ אויפנ אריבערגעוואָרפנ געוואָרנ אינ
די אינדוסטריעלע אונטערנעמונגענ אונ אפ די בויונגענ בא 16 טויזנט
ייִדישע ארבעטנדיקע. דאָס האָט באטראָפנ בא א דריטל פונעמ גאנצנ צאָל-
צוווּקס פונ ייִדישע ארבעטער, וואָס איז פאָרגעקומענ פאר די דערמאָנטע
צוויי יאָר.

שפעטער — אינ צוזאמענהאנג מיטנ דערפאָלגרײַכנ רעאליזירנ די סטא-
לינישע פינפיאָר-פלענער אונ מיטנ געשטיגענעמ נאָכפרעג אפ ארבעטס-קראפט
אינ אלע צווײַגנ פונ דער פאָלקסווירטשאפט — איז דער ווײַטערדיקער וווּקס
פונ דער ייִדישער אינדוסטריעלער ארבעטערשאפט פאָרגעקומענ אינעמ אלגע-
מיינעמ גאנג פונ דער אינדוסטריאַליזאציע פונעמ לאנד אונ אָנ דעמ אָנ-
ווענדנ ספעציעלע מאָסמיטלענ.

דורכ א ריי וויכטיקע רעגירונגס-באשלוסנ זײַנענ פאָרויסגעזענ געוואָרנ
מאָסמיטלענ, וואָס האָבנ באדארפט מיטהעלפנ אויכ דער אנטוויקלונג פונ
דער קוסטאר-אינדוסטריע צווישנ דער ייִדישער ארבעטנדיקער באפעלקערונג.
אינ דער באשטימונג פונעמ ראטפאָלקאָמ פונ אוססר אָנהייב 1929 יאָר איז
אָנגעוויזנ געוואָרנ אפ דער נייטיקײַט צו שאפנ א ספעציעלנ פאָנד פאר
דער אנטוויקלונג פונ דער קרעדיט- אונ געווערב-קאָאָפעראציע צווישנ די
ייִדישע קוסטארנ. עס זײַנענ אויסגעטיילט געוואָרנ ספעציעלע רעזערוו-
קאָנטינגענטנ פאר די שטעטלשע קוסטארנ, אונ עס זײַנענ אָנגענומענ גע-
וואָרנ מאָסמיטלענ אפ צו פארשטארקנ די עקזיסטירנדיקע לײַ- אונ שפּאָר-
קאסעס. דער פאָלקאָמארבעט איז דאנ באופטראָגט געוואָרנ צו שאפנ
ארבעטס-קאָלעקטיווּנ אונ געזעלשאפטלעכע ווארשטאטנ פאר דער ייִדישער
אָרעמשאפט. דער פאָלקס-קאָמיסאריאט פאר סאָציאַלער פארזיכערונג האָט באקו-
מענ א דירעקטיוו צו פארשטארקנ אינ די ערטער, ווו עס זײַנענ געווענ
קאָנצענטרירט די ייִדישע מאסנ, די געזעלשאפטנ פאר הילפ אונ קעגנזײַ-
טיקער הילפ.

באגלײַכ מיט די ספעציעלע מעלוכישע מאָסמיטלענ אפנ געביט פונ
ייִדישער ערד-אײַנאָרדענונג אפ די דורכויסיקע ערד-מאסיווּנ אונ פונ ארײַנ-
ציִענ גרעסערע ייִדישע מאסנ אינ דער אינדוסטריע האָבנ די סאָוועטישע
מאכט-אָרגאנענ אינ מעשעכ פונ די יאָרנ 1928—1930 דורכגעפירט א ריי
מאָסמיטלענ ספעציעל בענעגײַע דער שטעטלשער ייִדישער באפעלקערונג.
דער צוועק איז געווענ צו שאפנ אפנ אָרט, אינ די שטעטלעכ גופע, אזעל-
כע באדינגונגענ, וועלכע זאָלנ דערלויבנ צו פראָדוקטיוויזירנ א געוויסנ טייל
באפעלקערונג דירעקט אינ די שטעטלעכ. דער ערשטער פרווו אינ דער
דאָזיקער הינזיכט איז געמאכט געוואָרנ אינ ווססר. דאָרט זײַנענ אָנהייב 1928
יאָר אויסגעטיילט געוואָרנ 9 אינ עקאָנאָמישנ זינ אמערסטנ אָפגעשטאנענע

שטעטלעך (בעשענקאָוויטשי, הלוסק, קראַסנאָפּאָליע, קאָפּאַטקעוויטשי, קאָ-פּיל, סמילאָוויטשי, אָסוועיע, אוואראָוויטשי און טשעריע), און מע איז צוגעטראָטן ווירטשאַפטלעך אײַנאָרדענען זייער באַפעלקערונג — אויסטיילן ספּעציעלע ערד-שטעטכן, מעליאָרירן די זומפּן, פאַרשטאַרקן די קוסטאַרן-קאָאָפּערירונג, אַנטוויקלען די אָרטיקע אינדוסטריע, בויען עלעקטראָסטאַנ-ציעס, מילן, פאַרשיידענע רעמאָנט-וואַרשטאַטן אאַוו.

אין משך פון דרײַ יאָר (1928—1930) זײַנען אין ווסר אַף אַזאַ אופן ווירטשאַפטלעך אײַנגעאָרדנט געוואָרן 16 שטעטלעך, ווו מיט דער געווערב-קאָאָפּעראַציע און אָרטיקער אינדוסטריע זײַנען געווען אַרומגעכאַפּט באַ 2,5 טויזנט יידישע מישפּאָכעס און מיט בײַשטעטלדיקער ערדאַרבעט — העכער 2 טויזנט מישפּאָכעס.

אויך אין דער אוקראַינישער ססר, און באַזונדערס אין דער פּריער-דיקער מאָלדאַווישער אויטאָנאָמער ססר, זײַנען לויט ספּעציעלע באַ-שטימונגען פון די מעלוכע-אָרגאַנען דורכגעפירט געוואָרן אַ ריי פאַר-שיידענע מאָסמיטלען ווירטשאַפטלעך אײַנצואָרדענען די שטעטלעך. די דאָ-זיקע מאָסמיטלען האָבן באַדאַרפט מיטהעלפן: 1) קאָאָפּערירן (אין פּראָדו-ציר-הינזיכט) די שטעטלשע קוסטאַרן און איבערקוואַליפיצירן אַ געוויסן טייל פון זיי; 2) אײַנפּלאַנצן אין די שטעטלעך אַ ריי געווערבן, וואָס זאָלן זיך באַזירן אַף אָרטיקן ניט-דעפיציטן רוישטאָף; 3) מאַקסימאַל אַרײַנציִען די שטעטלשע יוגנט אין די אינדוסטריעלע אונטערנעמונגען און אין דעם טראַנספּאָרט; 4) אָרגאַניזירט צוציִען די באַפעלקערונג צו בײַשטעטלדיקער ערדאַרבעט; 5) אַרײַנציִען די שטעטלשע יוגנט אין די אָרטיקע צוקער- און ספּירט-זאַוואָדן.

ענדלעך, אויך אין דער געוועזענער מײַרעוו-געגנט פון רספסר זײַנען דורכגעפירט געוואָרן אייניקע מאָסמיטלען אַף דעם דאָזיקן געביט, הויפּט-זאַכלעך לויט דער ליניע פון שאַפן בײַשטעטלדיקע קאָלווירטן און פאַר-שטאַרקן די געווערב-קאָאָפּעראַציע.

די סאָוועטן-מאַכט האָט דורכגעפירט אירע היסטאָריש וויכטיקע מאָסמיט-לען בנוגע די יידישע אַרבעטנדיקע און דער יידישער אָרעמשאַפט אין פּולן העסקעם מיט די יעסוידעס פון דער לעניניש-סטאַלינישער נאַציאָנאַלער פּאָליטיק. דערבײַ האָט זי דיסקאָנטירט סײַ די פּײַנפולע אונטערדריקונג, וואָס די יידישע באַפעלקערונג האָט געהאַט אויסצושטיין פונעם צאַריזם, סײַ די רעזולטאַטן פון די בלוטיקע פּאָגראָמען, וועלכע עס האָבן בייסן ביר-גערקריג אײַנגעאָרדנט אין די שטעט און שטעטלעך פונעם געוועזענעם „טכום” די פאַרשיידענע קאָנטררעוואָליוציאָנערע אַרמייען און באַנדעס.

די סיסטעם פון ספּעציעלע מאָסמיטלען בנוגע דער יידישער באַ-פעלקערונג אַף צו פאַרגעזינטערן איר עקאָנאָמישע לאַגע איז געווען זייער אַ פאַרצווײַגטע. זיי זײַנען געווען צוזאַמענגעבונדן קימאַט מיט אַלע געביטן

פֿון דער פּאָלקסווירטשאַפֿט פֿונעם לאַנד און האָבן באַקומען אַן אָפּשפּיג-
לונג אין די פּלענער פֿון אַלע פּאָלקאָמאַטן און פֿון די געהעריקע רעגו-
ליר- און אויספֿיר-אַנשטאַלטן (פּאָלקאָמפֿין, פּאָלקאָמערד, פּאָלקאָמאַרבעט,
פּאָלקאָמבילד, פּאָלקאָמיוסטיץ, אַלפֿאַרבאַנדישער געווערב-ראַט אאַ.).

דאָס אויסשטעלן דעם בירָאָבידזשאַנער ראַיאָן, קעדיי צו באַזעצן אים דורך
אַרבעטנדיקע ייִדן, און שפּעטער די פֿאַרוואַנדלונג פֿון דעם דאָזיקן ראַיאָן
אין אַ נאַציִאָנאַלן אווטאָנאָמען אייגנס — אין דער ייִדישער אווטאָנאָמער
געגנט — האָט, אייגנטלעך, באַטײַט, אַז דער קרײַז מאָסמיטלען, וואָס די
פּאַרטיי און רעגירונג האָבן אין משך פֿון אָנדערהאַלבן יאָרצענדליק
דורכגעפֿירט אַפֿן געביט פֿון לייזן די אַזוי־גערופֿענע „ייִדן-פֿראַגע",
איז פֿאַרענדיקט. די פֿולשטענדיקע ליקווידירונג פֿון דער פֿריִערדיקער
רעכטלאָזיקייט; דער אומדאַכמאָנעסדיקער קאַמף קעגן אַלערליי אַנטפּלע-
קונגען פֿון אַנטיסעמיטיזם; די אויסשטײַלונג פֿון דורכויסיקע ערד-
מאַסיוון פֿאַר דער לאַנדווירטשאַפֿטלעכער אײַנאָרדענונג אין אוסער און אין
דער קרימער אַסער; די אויסבילדונג פֿון נאַציִאָנאַל-ייִדישע אַדמיניסטראַטיווע
ראַיאָנען אין די דאָזיקע צוויי רעפּובליקן; די ווירטשאַפֿטלעכע אײַנאָרדע-
נונג פֿון די שטעטלעך אין אוסער, ווסער און אין דער געוועזענער מײַ-
רעוו-געגנט פֿון רספֿסר; די פּלאַנמעסיקע אַרײַנציִונג פֿון דער ייִדישער
יוגנט אין די גרויסע אינדוסטריעלע אונטערנעמונגען און אויף די בויונגען;
די גרינדונג פֿון אַ פֿאַרצווײַגטער נעץ שולן און אַנשטאַלטן פֿאַר אַלגעמיי-
נער בילדונג אויף דער מוטערשפּראַך — אַזאַ איז אײַנקורצן אָט דער קרײַז
מאָסמיטלען, וואָס זײַנען ענערגיש און דערפֿאָלגרײַך פֿאַרווירקלעכט גע-
וואָרן. דאָס אויסבילדן די ייִדישע אווטאָנאָמע געגנט, ווי מיר האָבן שוין
געזאָגט, איז געווען די באַקרוינונג פֿון דער דאָזיקער גראַנדיעזער רעקאָנסט-
רוקטיווער אַרבעט.

באַם דורכפֿירן די דאָזיקע רעקאָנסטרוקציע איז נייטיק געווען בײַצו-
קומען ביט נאָר די אַלטע סאָציִאַל-עקאָנאָמישע „טראַדיציעס" פֿון די ייִדישע
מאַסן, נאָר אויך די באַוווּסטזיניקע קעגנווירקונגען און צעשטערערישע אַר-
בעט פֿון פֿאַרשיידענע אַנטיסאָוועטישע גרופּירונגען פֿון די רעשטלעך
קאָלערליי ייִדישע נאַציִאָנאַליסטישע פּאַרטייען, וואָס האָבן געשטרעבט צו
איזאָלירן דעם ייִדישן אַרבעטער און האָרעפּאַשניק פֿון די רוסישע, אוק-
ראַיִנישע און ווײַסרוסישע אַרבעטנדיקע, געשטרעבט אײַנצוהיטן די ספּע-
ציפֿישקייט פֿון דער צעקאַליעטשעטער סאָציִאַלער סטרוקטור פֿון דער ייִדי-
שער באַפֿעלקערונג, צוגעבן דער גאַנצער עקאָנאָמישער אַרבעט צווישן דער
ייִדישער אָרעמשאַפֿט אַ שטרענג סעפּאַראַטן, נאַציִאָנאַליסטישן כאַראַקטער.
דער דאָזיקער אַנטיסאָוועטישער אַרבעט און זייער טרעגער איז באַצײַטנס
בעגעבן געוואָרן דער נייטיקער ווידערשטאַנד, די שעדיקער האָבן באַקומען
לויט זייערע פֿאַרדינסטן.

אינ אנ אומגעהערט קורצנ טערמינ האָבנ די ייִדישע מאסנ פונ פססר אונטער דער עגידע פונ דער ראטנמאכט זיכ באפרײַט פונ אלע זײערע סאָציאַל-עקאָנאָמישע אומנאָרמאלקײַטנ, דה. — האָבנ געקראָגנ פאקטישע גלײַכבארעכטיקונג אונ האָבנ זיכ אָרגאניש, אפ פולקומ גלײַכע יעסוידעס אײַנגעשלאָסנ אינ דער ברידערלעכער פעלקער-מישפּאָכע פונ פססר, אינ איר אײַנגעשפּארטער ארבעט אפ אופבויענ דעמ קאָמוניזמ. די טרויעריק-בארימטע „ייִדנ-פראגע", וועלכע איז אינ מעשעכ פונ יאָרהונדערטער ניט אראָפּ פונ דער טאָג-אָרדענונג פונ דער מענטשלעכער געשיכטע, איז אינ פססר געוואָרנ אויס פראגע, זי איז געלייזט געוואָרנ איינמאָל פאר אלעמאָל.

III. צאָל אונ פאנאנדערטיילונג פונ דער ייִדישער באפעלקערונג לויט די ציילונגענ פונ די יאָרנ 1926 אונ 1939

די אלפארבאנדישע פאָלקס-ציילונג, וואָס איז דורכגעפירט געוואָרנ אָנ-הייב 1939 יאָר, איז געווענ א וויכטיקע געשעעניש אינ דעמ ווירטשאפט-לעכ-קולטורעלנ לעבנ פונ די פעלקער פונעמ ראטנפארבאנד. הונדערטער טויזנטער סטאטיסטיקער אונ געזעלשאפטלעכע טוער זײַנענ געווענ פארנומענ מיט צונויפקלײַבנ די נייטיקע יעדיִעס וועגנ דעמ סאָציאַל-קולטורעלנ אויס-זענ פונ דער פילנאציאָנאלער באפעלקערונג פונעמ ראטנפארבאנד. די באַ-אַרבעטונג פונ די דאָזיקע מאטעריאלנ ווערט איצט פארענדיקט אונ טיילווײַז פארעפנטלעכט. שוינ די ערשטע פארעפנטלעכטע סאכאקלענ פונ דער ציי-לונג באווײַזנ די קאָלאָסאלע דערפאָלגנ, וואָס עס האָט דערגרייכט בא דער ראטנמאכט דאָס סאָוועטישע פאָלק אינ הינזיכט פונ באפעלקערונגס-צוּוווּקס, פונ געזעלשאפטלעכער איבערגרופּירונג, פונ גראמע נעקײַט, בילדונג אדג. די מאטעריאלנ פונ דער ציילונג באווײַזנ גלײַכצײַטיק די דערפאָלגרײַכע רעזולטאטנ פונ דער לענינ-סטאלינישער נאציאָנאלער פּאָליטיק, דעמ סאָ-ציאַל-עקאָנאָמישנ אונ קולטורעלנ אויפבלי פונ אלע אָנ אויסנאמ פעלקער אונ פעלקערשאפטנ, וואָס לעבנ אפ דער טעריטאָריע פונעמ ראטנפארבאנד.

מיר וועלנ זיכ דאָ באמיענ צו באווײַזנ די דעמאָגראפישע ענדערונגענ, וואָס זײַנענ פאָרגעקומענ צווישנ דער ייִדישער באפעלקערונג פונ פסער פארנ פעריאָד, וואָס איז דורכגעגאנגענ פונ דער ציילונג פונ 1926 יאָר ביז דער ציילונג פונ 1939 יאָר. דאָס זײַנענ דערווײַל די ערשטע סאכאק-לענ, וואָס וועלנ אפ ווײַטער דארפנ גענויער אונ טיפער באארבעט ווערנ.

* * *

אינ פארגלײַכ מיטנ 1897 יאָר האָט זיכ די ייִדישע באפעלקערונג אפ דער טעריטאָריע פונעמ ראטנפארבאנד צומ סאָפ 1926 יאָר פארגרעסערט מער ניט ווי אפ 3,9 פראָצענט, דה. ווייניקער ווי אפ 100 טויזנט ייִדנ. אזא נישטיקע פארגרעסערונג פאר א קימאט דרײַסיקיאָריקנ פעריאָד איז צו דער-

קלערן מיט דער באַדײַטנדיקער עמיגראַציע פֿון דער ייִדישער באַפֿעלקערונג אינעם צאַרישן פֿעריאָד און אויך דערמיט, וואָס בײַס די קאָנטררעוואָלוציאָנערע פּאָגראָמען אין צײַט פֿון בירגערקריג איז אַ געוויסער טייל פֿון דער ייִדישער באַפֿעלקערונג פֿיזיש פֿאַרניכטעט געוואָרן. לויט באַזונדערע קאַלקולירטע אויסרעכענונגען ווײַזט זיך אַרויס, אַז זינט דעם 1897 יאָר ביזן אָנהייב פֿון די רעוואָלוציע־יאָרן האָבן פֿון דער טעריטאָריע אין די גרענעצן פֿון פֿססר צום סאָף 1926 יאָר עמיגרירט אין די צאָפּן־אַמעריקאַנישע פֿאַראייניקטע שטאַטן און אין אַנדערע לענדער אַרום 600 טויזנט ייִדן. די צאָל ייִדן, וואָס זײַנען דערמאָרדעט געוואָרן אין די קאָנטררעוואָלוציאָנערע פּאָגראָמען, באַטרעפֿט אומגעפֿער 90—100 טויזנט מאַן. צוגעבנדיק צו די דאָזיקע ציפֿערן דעם אומגעפֿער אויסגערעכנטן נאַטירלעכן צוּוווּקס פֿון די עמיגרירטע, באַקומען מיר אַן ענטפֿער אויף דער פֿראַגע, פֿאַרוואָס דער צוּוווּקס פֿון דער ייִדישער באַפֿעלקערונג פֿאַרן צײַט־פֿעריאָד 1897—1926 האָט פֿאַרלאָרן ניט ווייניקער ווי 750 טויזנט נעפֿאַשעס, אָדער בײַ 90 פּראָצענט. און אויב פֿאַר דעם דערמאָנטן פֿעריאָד איז אין אַלגעמיין דאָך פֿאָרגעקומען אַן אַבסאָלוטע פֿאַרגרעסערונג פֿון דער צאָל ייִדן אויף דער טעריטאָריע פֿונעם ראַטנפֿאַרבאַנד, איז די דאָזיקע פֿאַרגרעסערונג הויפּטזאַכלעך אויסגעפֿאַלן אויפֿן כּעזשבן פֿונעם צײַט־אָפּשניט 1923—1926, בײַס דאָס סאָוועטישע לעבן איז אַריבערגעפֿירט געוואָרן אויף נאָרמאַלע אַנטוויקלונגס־רעלסן.

גאָר אַן אַנדער בילד זעען מיר, ווען מיר גייען אַריבער צום אַנאַליז פֿון די אָנגאַבן, וואָס כאַפּן אַרום דעם צײַט־אָפּשניט פֿונעם סאָף 1926 ביזן אָנהייב 1939. אויף דער אַלגעמיינער צאָל־דינאַמיק פֿון דער ייִדישער באַפֿעלקערונג פֿון פֿססר פֿאַר דעם צײַט־אָפּשניט 1926—1939 האָבן זיך אין אַ היפּשער מאָס אָפּגערופֿן (פֿאַרשטייט זיך, העכסט פּאָזיטיוו) די שטורמישע אַנטוויקלונג פֿון דער סאָוועטישער פֿאָלקסווירטשאַפֿט און דער געשטיגענער מאַטעריעלער וווילשטאַנד פֿון דער באַפֿעלקערונג. דאָס אַריבערגיין פֿונעם אויפֿשטעלונג־פֿעריאָד צום רעקאָנסטרוקטיוון פֿעריאָד, צום פֿעריאָד פֿון אינדוסטריאַליזאַציע און קאָלעקטיוויזאַציע; די ענדגילטיקע ליקווידאַציע פֿון אַרבעטלאָזיקייט; די ספּעציעלע מאָסמיטלען פֿון דער ראַטנמאַכט אויפֿן געביט פֿון מוטער־ און קינדער־שוץ — די דאָזיקע אַלע וויכטיקסטע היסטאָרישע פֿאַקטן פֿון דער סאָוועטישער פּאָליטיק און עקאָנאָמיק פֿאַר די 12 יאָר, וואָס צווישן די צוויי אַלפֿאַרבאַנדישע פֿאָלקס־ציילונגען, האָבן פֿאַרורזאַכט אַ הויכן צוּוווּקס פֿון דער גאַנצער פֿילנאַציאָנאַלער באַפֿעלקערונג פֿונעם ראַטנפֿאַרבאַנד, דערין אויך פֿון דער ייִדישער באַפֿעלקערונג.

לויט די אָנגאַבן פֿון דער אַלפֿאַרבאַנדישער פֿאָלקס־ציילונג פֿון 1939 יאָר, האָבן זיך אויף דער טעריטאָריע פֿונעם ראַטנפֿאַרבאַנד צו יענער צײַט געפֿונען העכער 170 מיליאָן מאַן, וואָס האָט אויסגעמאַכט אין פֿאַרגלײַך מיטן סאָף 1926 יאָר אַ צוּוווּקס קימאַט אויף 16 פּראָצענט. דער נאַטירלעכער

צוווּקס פון דער ייִדישער באפעלקערונג פארן דאָזיקן צײַט-אָפּשניט שטייט קימאט אפן ניוואָ פונעם נאטירלעכן צוווּקס פון דער גאנצער באפעלקערונג פון לאנד און באטרעפט 13 פראָצענט.

די גאנצע דינאמיק פון דער ייִדישער, אין פארגלײַך מיט דער אל-געמיינער, באפעלקערונג זעט אויס אזוי:

פססר (אין די גרענעצן צום 16 יאנוואר 1939)	1926	1939	צוווּקס פאר 12 יאָר — אין טויזנט.	צוווּקס פאר 12 יאָר — אין פראָצ.
די גאנצע באפעלקערונג (אין טויזנטער) . .	147 028	170 467	23 439	15,9
ייִדן (אין טויזנטער)	[1] 2 672	3 020	348	13,0
פראָצענט פון ייִדן צווישן דער אלגעמיינער באפעלקערונג	1,82	1,78		

צו דער צײַט פון דער לעצטער פאָלקס-ציילונג האָט זיך אפ דער טעריטאָריע פונעם ראטנפארבאנד געפונען 3 020 טויזנט ייִדן, וואָס האָבן באטראָפן 1,78 פראָצענט פון דער גאנצער באפעלקערונג פון פססר. אין דעם ספעציפישן געוויכט פון די ייִדן צווישן דער גאנצער באפעלקע-רונג זײַנען אזויארום ניט פאָרגעקומען קימאט קיין שום ענדערונגען.

* * *

די פאנאנדערטיילונג פון דער ייִדישער באפעלקערונג לויט די פריִער-דיקע עלף פארבאנדישע רעפובליקן האָט אויסגעזען צו דער צײַט פון דער ציילונג פון 1939 יאָר אפ אזא אופן:

---

1 אין אונטערשייד פון 1926 יאָר האָט די ציילונג פון 1939 יאָר ניט אויסגעטיילט באזונדער די עטנישע גרופעס פונעם ייִדנטום: די בארג-ייִדן, די קרימטשאקעס, די גרוזינישע און מיטל-אזיאטישע ייִדן. צוליב פארגלײַכונגס-צוועקן האָבן מיר זיי אײַנגעשלאָסן אויך אין דער צאָל ייִדן, וואָס ווערט אָנגעוויזן פארן 1926 יאָר. מיר דארפן באמערקן, אז אפ ווײַטער, באם אנאליזירן די סטרוקטור, וועלן מיר פארן 1926 יאָר נעמען אין באטראכט נאָר די אזויגערופענע איראָפּייִשע ייִדן. די ניט-פינקטלעכקײַט פון דער אנאליטישער פאר-גלײַכונג, וואָס וועט זיך דערבײַ באקומען, איז א נישטיקע, מאכמעס די איבערגערעכנטע עטנישע גרופן האָבן אין 1926 יאָר באטראָפן מער ניט ווי עטוואָס העכער פון 2,5 פראָ-צענט פון דער גאנצער ייִדישער באפעלקערונג אין פססר.

פאַרבאַנדישע רעפּובליקנ (1939)	יִדישע באַפעלקערונג (אינ טויזנטער)	פּראָצ. צומ סאַכאַקל	פּראָצ. צו דער גאַנצער באַפעלק.
רספסר	948	31,4	0,9
אוקראַיִנישע ססר.	1 533	50,8	4,9
ווײַסרוסישע ססר	375	12,4	6,7
אַזערבײַדזשאַנישע ססר	41	1,3	1,3
גרוזינישע ססר.	42,5	1,4	1,2
אַרמענישע ססר.	0,5	0,01	0,05
טורקמענישע ססר	3	0,09	0,2
אוזבעקישע ססר	51	1,7	0,8
טאַדזשיקישע ססר.	5	0,2	0,3
קאַזאַכישע ססר.	19	0,6	0,3
קירגיזישע ססר	2	0,1	0,1
סאַכאַקל אינ פססר	3020	100	1,8

אינ פאַרגלײַכ מיט דער געאָגראַפישער פאַנאַנדערטײלונג פונ דער יִדישער באַפעלקערונג צומ סאָפ 1926 יאָר זײַנענ צו דער צײַט פונ דער לעצטער צײלונג פאָרגעקומענ פאָלגנדיקע ענדערונגענ:

געאָגראַפישע קאַטעגאָריעס [1]	פּראָצענט צומ סאַכאַקל 1926	פּראָצענט צומ סאַכאַקל 1939	פּראָצענט צו דער גאַנצער באַפעלקערונג 1926	פּראָצענט צו דער גאַנצער באַפעלקערונג 1939	צווווקס פונ דער יִדישער באַפעלקערונג פאַר דער צײַט 1926 — 1939 אינ טויזנט.	צווווקס פונ דער יִדישער באַפעלקערונג פאַר דער צײַט 1926 — 1939 אינ פּראָצ.
רספסר, קאַזאַכסטאַנ און קירגיזיע	22,6	32,1	0,5	0,8	+ 366	+ 60,3
אוססר	58,7	50,8	5,4	4,9	— 41	— 2,6
ווססר	15,2	12,4	8,2	6,7	— 32	— 7,8
אַזערבײַדזשאַנ, גרוזיע און אַרמעניע	1,9	2,7	0,5	0,5	+ 33	+ 64,7
טורקמעניסטאַנ	0,1	0,1	0,2	0,2	+ 1	+ 49,0
אוזבעקיסטאַנ און טאַדזשיקיסטאַנ	1,5	1,9	0,4	0,7	+ 13	+ 34,2
פססר . . .	100,0	100,0	1,82	1,78	+ 340	+ 12,7

1 צוליב פאַרגלײַכונגס־צוועקנ סומירנ מיר די אָנגאַבנ פאַר פססר, קאַזאַכסטאַנ און קירגיזיע, גלײַכ ווי פאַר די טראַנסקאַווקאַזישע און צוויי מיטל־אַזיאַטישע רעפּובליקנ, אַנטשפּרעכיק צו דער אַדמיניסטראַטיוו־טעריטאָריעלער טײלונג, וואָס איז געווענ גילטיק צומ סאָפ 1926 יאָר.

פון די געבראכטע אַנגאבן איז צו זען, אז דער דעצענטראליזירונגס-פּראָצעס פון דער ייִדישער באפעלקערונג, וועלכער האָט זיך אָנגעהויבן שוין אין די ערשטע רעוואָליוציע-יאָרן אין צוזאמענהאנג מיט דער אָפּשאפונג פונעם „תּחום״, האָט איצט דערגרייכט דעם קולמינאציע-פונקט פון זײַן אנטוויקלונג. די אָקאָרשט געבראכטע טאבעלע באווײַזט, אז קימאט 40 פּראָצענט פון דער סאָוועטישער ייִדישער באפעלקערונג געפינט זיך שוין איצט אויסער די גרענעצן פונעם געוועזענעם „תּחום״. אין רעזולטאט פון דער אינדוסטריאליזירונג פון לאנד און טיילווײַז אין רעזולטאט פון דער לאנד-ווירטשאפטלעכער איבערוואנדערונג האָבן זיך באדײַטנדיקע מאסן פון דער ייִדישער באפעלקערונג קאָנצענטרירט אין נײַע טעריטאָריעלע איינסן, וווּ פריִער איז ייִדן געוועגן זייער ווייניק אָדער גאָר ניט געווען בענימצע. פאר דעם צײַט-פעריאָד 1926—1939 איז אין אוססר פאָרגעקומען אן אבסאָליוטע פארקלענערונג פון דער ייִדישער באפעלקערונג אף 41 טויזנט, אָדער אף 2,6 פּראָצ. אויב מיר וועלן נעמען אין באטראכט, אז פאר דעם דערמאָנטן צײַט-אָפּשניט האָט די ייִדישע באפעלקערונג פון דער אוקראַיִנישער ססר געהאט נאָך א באדײַטנדיקן נאטירלעכן צוּוואוקס, וועלן מיר קומען צום באשלוס, אז פון אוססר, הויפטזאכלעך פון די שטעטלעך, זײַנען אריבערגעפאָרן אין אנדערע טעריטאָריעלע טיילן פון פססר ניט ווייניקער פון א פערטל מיליאָן ייִדן. לויט אנאלאָגישע אויסרעכענונגען קאָנען מיר פעסטשטעלן, אז פון ווססר, אויך דעריקער פון די שטעטלעך, זײַנען פאר דעם זעלבן צײַט-אָפּשניט אריבערגעפאָרן אין אנדערע טיילן פונעם ראטנפארבאנד העכער 80 טויזנט ייִדן. אפּן כעזשבן פון די דאָזיקע צוויי רעפּובליקן און אדאנק דעם נאטירלעכן צוּוואוקס האָט זיך פארגרעסערט די ייִדישע באפעלקערונג: אין רספסר, קאזאכסטאן אין קירגיזיע — מער איידער אף 60 פּראָצענט; אין די דרײַ טראנסקאווקאזישע רעפּובליקן — קימאט אף 65 פּראָצענט; אין טורקמעניסטאן — קימאט אף א העלפט; אין אוזבעקיסטאן און טאדזשיקיסטאן — מער איידער אף א דריטל.

אלס רעזולטאט פון אזא דינאמיק האָט זיך באדײַטנדיק געענדערט די פאנאנדערטיילונג פון דער ייִדישער באפעלקערונג איבער פארשיידענע טיילן פונעם ראטנפארבאנד. רספסר צוזאמען מיט קאזאכסטאן און קירגיזיע פארמאָגן שוין איצט קימאט א דריטל פון דער ייִדישער ראטנפארבאנדישער באפעלקערונג — אָנשטאָט א פינפטל, וועלכן זיי האָבן פארמאָגט צו דער צײַלונג פון 1926 יאָר. באמערקבאר האָט זיך די ייִדישע באפעלקערונג פארגרעסערט אויך אין די טראנסקאווקאזישע און מיטל-אזיאַטישע רעפּובליקן. פארקערט, אין אוססר און אין ווססר האָט זיך דאָס ספּעציפישע געוויכט פון דער ייִדישער באפעלקערונג פארקלענערט פארהעלטניסמעסיק אף 14 און אף 20 פּראָצענט.

באם דערלערנען די דינאמיק-פּראָצעסן, וואָס זײַנען פאָרגעקומען אין

דער טעריטאָריעלער פאַנאַנדערטיילונג פֿון דער יידישער באַפעלקערונג, דאַרף מען פֿונדעסטוועגן די זאַך ניט אויסטייטשן אויף אַזאַ אופן, אַז עס קומט, קלוימערשט, פֿאַר אַן אומופהערלעכע „איבערפעקלונג" פֿון די אוקראַינישע און ווייסרוסלענדישע ייִדן אויף דער טעריטאָריע פֿון די איבעריקע פֿאַרבאַנדישע רעפּובליקן. פֿאַרקערט, פּילע אַנגאַבן זאָגן איידעס וועגן דעם, אַז דער דאָזיקער פּראָצעס ווערט וואָס ווייטער אַלץ לאַנגזאַמער. דערמיט איז צו דערקלערן, וואָס אין אוססר געפינט זיך נאָך איצט די אַבסאָליוטע מערהייט (50,8 פּראָצענט) פֿון דער גאַנצער יידישער באַפעלקערונג פֿונעם ראַטנפאַרבאַנד.

* * *

צו דער צייט פֿון דער ציילונג פֿון 1926 יאָר האָט זיך שוין דער איבערוועגנדיקסטער טייל פֿון דער יידישער באַפעלקערונג געפֿונען אין די שטאָטישע וווינ-ערטער פֿונעם ראַטנפאַרבאַנד. שוין דאַן איז עטוואָס מער פֿון 82 פּראָצענט פֿון דער יידישער באַפעלקערונג געווען קאָנצענטרירט אין פּונקטן פֿון שטאָטישן טיפּ. דאָס כּפעציפּישע געוויכט פֿון יידן צווישן דער גאַנצער באַפעלקערונג איז דאַן געווען אַמערסטנס באַדייטנדיק נעמלעך אין די שטאָטישע פּונקטן. פֿאַר דער צייט, וואָס איז דורכגעגאַנגען צווישן די ציילונגען פֿון די יאָרן 1926 און 1939, איז די סאָציאַל-עקאָנאָמישע איבערגרופּירונג פֿון דער יידישער באַפעלקערונג פֿאָרגעקומען אין צוויי ריכטונגען, וועלכע האָבן דיאַמעטראַל קעגנזעצלעך געווירקט אויף דער פֿאַנאַנדערטיילונג פֿון דער יידישער באַפעלקערונג צווישן שטאָט און דאָרף. פֿון איין זייט, איז טאַקע אין דעם דאָזיקן פּעריאָד דורך דער פּאַרטיי און רעגירונג דורכגעפֿירט געוואָרן די קאָלאָסאַלע אַרבעט אויף צו באַזעצן מאַסן יידישע איבערוואַנדערער אין די נאַצראַיאָנען פֿון אוקראַינע, אין די קאַלווירטן פֿון דער יידישער אווטאָנאָמער געגנט אין פֿון דער קרימער אססר, ווי אויך אין די אָרגאַניזירטע ביישטעטלדיקע קאָלווירטן (אין אוססר, ווססר און אין דער געוועזענער בײַרעוו-געגנט); פֿון דער צווייטער זייט, האָט די סטאַלינישע אינדוסטריאַליזאַציע פֿאַרורזאַכט אַ מאַסן-איבערפֿאָר פֿון יידישע אַרבעטנדיקע אין די גרויסע און גרעסטע אינדוסטריעלע צענטערס פֿון לאַנד און האָט אַזוי אַרום פֿאַרשטאַרקט די קאָנצענטרירונג פֿון דער יידישער באַפעלקערונג אין די גרויסע און מיטעלע שטעט. אין די ווייטערדיקע קאַפּיטלען וועלן מיר גענויער אַנאַליזירן די ביידע ריכטונגען, דערווייל אָבער דאַרפֿן מיר באַמערקן, אַז דער אינדוסטריאַליזאַציע-פּראָצעס האָט אַרומגעכאַפּט אַ פּיל גרעסערע צאָל יידישע באַפעלקערונג איידער די קאָלווירטישע איבערוואַנדערונג. דעריבער האָט זיך דאָס ספּעציפֿישע געוויכט פֿונעם שטאָטישן טייל יידישע באַפעלקערונג צום אָנהייב 1939 יאָר נאָך מער פֿאַרגרעסערט, באַטרעפֿנדיק איבערן גאַנצן ראַטנפאַרבאַנד 87 פּראָצענט

פונ דער ייִדישער באַפעלקערונג. אינ באַזונדערע רעפּובליקנ איז די פּאַ־נאַנדערטיילונג פונ דער ייִדישער באַפעלקערונג צווישנ עטאָט אונ דאָרפ אַזאַ:

פאַרבאַנדישע רעפּובליקנ (1939)	שטאָטישע ייִדישע באַפעלקערונג		דאָרפישע ייִדישע באַפעלקערונג		סאַכאַקל ייִדישע באַפעלקערונג	
	אינ טויזנטער	אינ % %	אינ טויזנטער	אינ % %	אינ טויזנטער	אינ % %
רספסר, קאַזאַכישע אונ קירגיזישע ססר	861,9	88,9	107,1	11,1	969,0	100,0
אוססר	1 310,3	85,5	222,5	14,5	1 532,8	100,0
ווססר.	329,4	87,8	45,7	12,2	375,1	100,0
אַזערבייַדזשאַנישע, גרוזינישע אונ אַרמענישע ססר . . .	73,5	87,3	10,6	12,7	84,1	100,0
טורקמענישע ססר	2,7	87,1	0,4	12,9	3,1	100,0
אוזבעקישע אונ טאַדזשיק. ססר	49,8	88,9	6,2	11,1	56,0	100,0
פססר	2 627,6	87,0	392,5	13,0	3 020,1	100,0

אינ פאַרגלייַכ מיטנ סאָפ פונעמ אופשטעלונגס-פעריאָד באַווייַזנ די אָנ־גאַבנ פונעמ 1939 יאָר א פאַרגרעסערונג פונעמ ספּעציפישנ געוויכט פונעמ שטאָטישנ טייל ייִדישע באַפעלקערונג אינ אַלפאַרבאַנדישנ מאַסשטאַב. די דאָזיקע פאַרגרעסערונג באַקומט זיכ אויסשליסלעכ אפנ כעזשבנ פונ אוססר אונ ווססר, אינ די איבעריקע רעפּובליקנ איז דאַפקע פאָרגעקומענ א פאַרגרעסערונג פונ דעמ דאָרפישנ טייל באַפעלקערונג. בענעגייע רספסר האָט דאָ געהאַט א ווירקונג די אויסגעוואַקסענע פאַר דער צייַט קאָלווירטישע באַפעלקערונג אינ דער ייִדישער אווטאָנאָמער געגנט, אינ דער קרימער אַססר אונ אינ דער געוועזענער מייַרעוו-געגנט אונ אויכ דאָס צורעכענענ צו דער דאָרפישער באַפעלקערונג די דאָרפישע באַרג-ייִדנ. אויכ אינ די טראַנסקאַווקאַזישע אונ מיטל־אַזיאַטישע רעפּובליקנ האָט געהאַט, ווייַזט אויס, א געוויסע באַדייַטונג דאָס צורעכענענ צו דער דאָרפישער באַפעל־קערונג די גרוזינישע אונ מיטל-אַזיאַטישע ייִדנ. מע דאַרפ ווייַטער נעמענ אינ אַכט, אַז א באַדייַטנדיקער טייל פונ דער ייִדישער באַפעלקערונג איז באַ־שעפטיקט אינ די דערפער אַלס אַרבעטער אונ אָנגעשטעלטע אינ ראַט־ווירטנ, דאָרפישע קליינ-אינדוסטריעלע אונטערנעמונגענ, אַדמיניסטראַטיווע אַנשטאַלטנ אאַז. ענדלעכ, האָט זיכ אפ דער פאַנאַנדערטיילונג פונ דער ייִדישער באַפעלקערונג צווישנ שטאָט אונ דאָרפ אָפגערופנ א ריי ענדע־רונגענ, וואָס זייַנענ פאַר דער צייַט פאָרגעקומענ אינ דעמ אַדמיניסטראַ־

טיוו-טעריטאָריעלן געבוי פון פססר. צום בײַשפּיל, די באַדײַטנדיקע פאַר־קלענערונג פון דער ייִדישער דאָרפישער באַפעלקערונג אין אוססר און ווססר איז פאָרגעקומען הויפּטזאַכלעך אָפּן כעזשבן פון די שטעטלעך. ווען מיר וועלן ווײַטער אַנאַליזירן די ציילונגס-אָנגאַבן בענעגייע צו די באַשעפּטיקונגען פון דער ייִדישער באַפעלקערונג, וועלן מיר באַקומען די מעגלעכקײַט גענויער צו אורטיילן וועגן דער פאַרהעלטעניש צווישן דער שטאָטישער און דאָרפישער ייִדישער באַפעלקערונג פונעם ראַטנפאַרבאַנד. דערווײַל קאָן מען אין אַלע עלף פאַרבאַנדישע רעפּובליקן זען אַן אַנאַלאָגיש בילד, וואָס ווײַזט אונדז, אַז די שטאָטישע ייִדישע באַפעלקערונג באַטרעפט 85—89 פראָצענט פון דער אַלגעמיינער צאָל ייִדישער באַפעלקערונג און די דאָרפישע—11—15 פראָצענט.

אויך דאָס ספּעציפישע געוויכט פון די ייִדן צווישן דער אַלגעמיינער באַפעלקערונג איז לויט די אָנגאַבן פון דער ציילונג פון 1939 יאָר באַדײַטנדיקער בא דער שטאָטישער איידער בא דער דאָרפישער באַפעלקערונג. דאָך איז פאַראַן, ווי מיר וועלן זען, אַן אונטערשייד צווישן די אָנגאַבן פון דיביידע ציילונגען אין דער דאָזיקער הינזיכט. די אָנגאַבן פונעם 1939 יאָר גיבן אונדז פאָלגנדיק בילד:

פאַרבאַנדישע רעפּובליקן	% ייִדן צווישן דער שטאָטישער באַפעלקערונג		% ייִדן צווישן דער דאָרפישער באַפעלקערונג		% ייִדן צווישן דער גאַנצער באַפעלקערונג	
	1926	1939	1926	1939	1926	1939
רספסר, קאַזאַכסטאַן און קירגיזיע . .	3,1	2,2	—	0,1	0,5	0,8
אוססר	22,7	11,7	1,5	1,1	5,4	4,9
ווססר	40,2	23,9	1,6	1,1	8,2	6,7
אַזערבײַדזשאַן, גרוזיע און אַרמעניע . .	2,1	2,8	—	0,2	0,5	0,5
טורקמעניע	1,3	0,7	—	0,05	0,2	0,2
אוזבעקיסטאַן און טאַדזשיקיסטאַן . . .	1,8	2,9	—	0,1	0,4	0,7
פססר	8,2	4,7	0,3	0,3	1,8	1,8

לויט די אָנגאַבן פונעם 1926 יאָר איז דער פראָצענט ייִדן אין די שטעט פון אוססר געווען 4 מאָל גרעסער איידער זייער ספּעציפיש געוויכט אין דער גאַנצער רעפּובליק, איצט איז דער דאָזיקער פראָצענט — ווייניקער פון 3 מאָל; אין ווססר אַנטשפּרעכיק איז דער פראָצענט ייִדן געווען אין די שטעט 5 מאָל העכער, איצט — ווייניקער פון 4 מאָל. אין רספסר (צוזאַמען מיט קאַזאַכסטאַן און קירגיזיע) איז דער פראָצענט ייִדן

אינ די שטעט געווענ 6 מאָל העכער, איצט — מער ניט ווי אינ דרײַ מאָל. די דאָזיקע אלע פארגלײַכונגענ זאָגנ אײדעס וועגנ א באדײַטנדיקער פאר-קלענערונג פונעמ ייִדנ-געוויכט אינ די שטעט, וועלכע האָט זיכ באקומענ אדאנק דעמ מאסעווג צופלוס פונ דער ניט-ייִדישער באפעלקערונג פונ די דערפער אינ די שטעט. מע דאַרפ נעמענ אינ אכט, אז דער אורבאניזי-רונג-פראָצעס האָט היפּש פארכאַפּט די גאנצע באפעלקערונג פונעמ לאנד. די גאנצע דאָרפישע באפעלקערונג פונעמ ראטנפארבאנד האָט פאר די יאָרנ 1926—1939 ניט נאָר אָפּגעגעבנ דער שטאָט איר גאנצנ נאטירלעכנ צוּווּקס, וועלכער האָט פאר דעמ דאָזיקנ פעריאָד אויסגעמאכט העכער 18 מיליאָנ מאנ, נאָר זי האָט דערצו צוגעגעבנ נאָכ 6 מיליאָנ מאנ, איבערגעבנדיק אזוי־ארומ דער שטאָט פאר די 12 יאָר העכער 24 מיליאָנ מאנ[1]! אָט מיט וואָס פאר א קראַפט עס האָט געווירקט דער פראָצעס פונ אינ-דוסטריאליזאציע אפ דער פאנאנדערטיילונג פונ דער באפעלקערונג צווישנ שטאָט אונ דאָרפ. אינ רעזולטאט פונ אזא באדײַטנדיקער איבערגרופּירונג פונ דער אלגעמיינער באפעלקערונג אינ דער ריכטונג פונ דאָרפ אינ שטאָט האָט זיכ פארקלענערט דאָס ייִדנ-געוויכט אינ די שטעט.

* * *

לויט דער ציילונג פונ 1926 יאָר איז אפ יעדע טויזנט מאנצבלענ פונ דער ייִדישער באפעלקערונג אינ פססר געווענ 1 115 פרויענ. אינ פארגלײַכ מיט דער אלגעמיינער באפעלקערונג פונעמ ראטנפארבאנד, צווישנ וועלכער ס'איז אפ יעדע טויזנט מאנצבלענ אויסגעקומענ 1 069 פרויענ, האָט זיכ דער געשלעכט-צוזאמענשטעל פונ דער ייִדישער באפעלקערונג צומ סאָפ פונעמ אופשטעלונגס-פעריאָד אויסגעטיילט מיט א באדײַטנדיקנ איבערגע-וויכט פונ פרויענ. די ציילונג פונ 1939 יאָר האָט באוויזנ צווישנ דער ייִדישער באפעלקערונג פונ פססר אפ יעדע טויזנט מאנצבלענ 1 102 פרויענ לעגאבע 1 087 בא דער אלגעמיינער באפעלקערונג. אזוי־ארומ איז צו זענ, אז די פרויענ-פרעוואלירונג צווישנ דער ייִדישער אינ פארגלײַכ מיט דער אל-געמיינער באפעלקערונג איז פארבליבנ, נאָר זי האָט זיכ באדײַטנדיק פאר-קלענערט, אונ דאָס איז א גאנצ נאטירלעכע דערשײַנונג: דאָס הויכע פרויענ-געוויכט צו דער צײַט פונ דער ציילונג פונ 1926 יאָר איז געווענ א פּראָ-דוקט פונ דעמ מאנצבלענ-פארלוסט, וועלכער האָט זיכ באקומענ אינ רעזולטאט פונ דער וועלט-מילכאָמע, פונ דעמ בירגערקריג אונ פונ די אנטי-ייִדישע פּאָ-גראָמענ[2]. אויכ די עמיגראציע אינעמ צארישנ פעריאָד האָט אָפּגענומענ בא

1 זע „באָלשעוויק" נומ. 15—16, 1939, ז. 120.

2 עס איז באוווּסט, אז דער מאנצבלשער טייל פונ דער ייִדישער באפעלקערונג האָט פונ די אנטי־ייִדישע פּאָגראָמענ פיזיש געליטנ פיל מער ווי די פרויענ. צומ בײַשפּיל, אינ די פּעטליורישע אונ דעניקינישע פּאָגראָמענ אפ אוקראַיִנע האָבנ די מאנצבלענ, לויט אייני־קע אויסרעכענונגענ, אויסגעמאכט 76 פּראָצענט פונ אלע דערמאָרדעטע.

דעם רוסלענדישן ייִדנטום א רעלאטיוו גרעסערע צאָל מאנצבלען. פאר די יאָרן 1939–1926, ווען די אנטוויקלונג פונעם לאנד איז געגאנגען אונטערן צייכן פון סאָציאַליסטישער רעקאָנסטרוקציע, איז דאָס פרויען-געוויכט נאָרמאליזירט געוואָרן. די געשלעכט-סטרוקטור פון דער ייִדישער באפעלקערונג איז אין באזונדערע רעפובליקן פונעם פארבאנד א פארשיידענע, ווי עס איז צו זען פון די פאָלגנדיקע אָנגאבן:

פארבאנדישע רעפובליקן	אף יעדע טויזנט ייִדן מאנצבלען קומט אויס ייִדישע פרויען 1926	1939
רספסר קאזאכישע ססר קירגיזישע ססר	1 040	1 013
אוקראיִנישע ססר	1 140	1 160
ווײַסרוסישע ססר	1 122	1 139
אזערבײַדזשאנישע ססר גרוזינישע ססר ארמענישע ססר	1 028	1 045
טורקמענישע ססר	819	844
אוזבעקישע ססר טאדזשיקישע ססר	1 108	1 001
פססר	1 115	1 102

פון די געבראכטע רעלאטיווע אָנגאבן איז צו זען, אז די פארקלענערונג פון דער פרויען-איבערוואָג צווישן דער ייִדישער באפעלקערונג איז פאָרגעקומען אפּן כעזשבן פון רספסר, קאזאכסטאן, קירגיזיע, אוזבעקיסטאן און טאדזשיקיסטאן. דאָס איז צו דערקלערן דערמיט, וואָס די ייִדישע באפעלקערונג פון די דערמאָנטע רעפובליקן האָט זיך אויסגעבילדעט אין איר גרעסטער מערהייט פון פּערזאָנען, וואָס זײַנען אהין אריבערגעפאָרן פון דעם געוועזענעם „טכום". אין דער דאָזיקער מיגראציע, ווי שטענדיק אין מיגראציע-באוועגונגען, האָבן דעם גרעסטן אָנטייל גענומען מאנצבלען. פארשטענדלעך, אז דער זעלביקער פאקט האָט ארויסגערופן אין אוססר און אין ווססר א פארקערטע דערשײַנונג, דה. א פארגרעסערט פרויען-געוויכט, וועלכעס איז פאר דעם אָנגעוויזענעם פעריאָד נאָך מער געשטיגן.

דער געשלעכט-צוזאמענשטעל פון דער ייִדישער באפעלקערונג איז אָפּהענגיק אויך פון איר פארטיילונג לויט פארשיידענע קאטעגאָריעס ווינ-

ערטער. מיטן אויסנאם פֿונ די טראנסקאווקאזישע רעפּובליקנ אינ 1926 יאָר אונ אָנ שום אויסנאם אינ 1939 יאָר איז די פּרויענ-איבערוואָג בא די יידנ א מער באדײַטנדיקע אינ די שטאָטישע וווינ-ערטער איידער אינ די דאָרפישע. דאָס איז צו זענ פֿונ פֿאָלגנדיקער טאבעלע:

פארבאנדישע רעפּובליקנ	אפ יעדע טויזנט יידנ מאנצבלעצ קומט אויס יידישע פּרויענ			
	שטאָטישע וווינ־ערטער		דאָרפישע וווינ־ערטער	
	1926	1939	1926	1939
רספפסר, קאזאכישער ססר, קירגיזישע ססר	1 061	1073	846	674
אוקראינישע ססר	1 161	1 191	1 091	994
ווײַסרוסישע ססר	1 143	1 173	1 044	925
אזערבײַדזשאנישע ססר, גרוזינישע ססר, ארמענישע ססר	1 014	1 092	1 484	765
טורקמענישע ססר	844	971	—	291
אוזבעקישע ססר, טאדזשיקישע ססר	1 029	1 058	514	633
פססר	1 125	1 141	1 065	862

א לאכלוטנ פארקערט בילד זעענ מיר בא דער אלגעמיינער באפעלקערונג, וועלכע גיט דאפקע אינ די דערפער א גרעסערע פרויענ-איבערוואָג. אזוי, לעמאָשל, איז לויט די אָנגאבנ פונ דער ציילונג פונ 1926 יאָר אינ אוססר בא דער גאנצער באפעלקערונג אויסגעקומענ אפ יעדע טויזנט מאנצבלענ: אינ די שטעט — 1 033 אונ אינ דערפער — 1 064 פּרויענ. די זעלביקע דערשײַנונג האָבנ מיר געקאָנט באמערקנ אינ רספפסר, ווו ס'איז אינ 1926 יאָר אפ יעדע טויזנט מאנצבלענ אויסגעקומענ בא דער אלגעמיינער באפעלקערונג: אינ די שטעט — 1 062 אונ אינ די דערפער — 1 101 פּרויענ. דורכשניטלעכ אינ פססר האָבנ מיר דאנ געהאט פאר דער אלגעמיינער באפעלקערונג: אינ די שטעט — 1037 אונ אינ די דערפער — 1077 פרויענ אפ יעדע טויזנט מאנצבלענ. אזא בילד האָבנ מיר געהאט אויכ צו דער ציילונג פֿונ 1939 יאָר. דעם אונטערשייד אינ דער געשלעכט-סטרוקטור בא דער

אלגעמיינער און ייִדישער באַפעלקערונג, אָפּהענגיק פון דער קאַטעגאָריע ווינ-ערטער, איז צו דערקלערן דערמיט, וואָס ביים פאר דער גאנצער דאָרפישער באפעלקערונג איז די לאנדווירטשאפט די אורשפרינגלעכע באַשעפטיקונג, איז בא די ייִדן אין דער לאנדווירטשאפט פארנומען א רעלאטיוו קלענער טייל באפעלקערונג, און אפ וויפל דאָס אריבערגיין צו ערדארבעט איז בא די ייִדן געווען פארבונדן מיט איבערוואנדערונגס-פּראָצעסן, האָט דער דאָזיקער ווירטשאפט-צווייַג ארייַנגעצויגן א רעלאטיוו גרעסערע צאָל מאנצבלען.

IV. רעקאָנסטרוקציע פונעם סאָציאַלן באַשטאַנד. געזעלשאַפטלעכע גרופּן צווישן דעם סאָוועטישן ייִדנטום

די גרויסע סאָציאַליסטישע אָקטיאַבער-רעוואָלוציע, וואָס האָט באַפרייט די אונטערדריקטע פעלקער און פעלקערשאַפטן און האָט ראַדיקאַל געלייזט די נאַציאָנאַלע פראַגע אין גייסט פון לענין — סטאַלינס אָנווייזונגען, האָט געשאַפן אויך פאַר די אַרבעטנדיקע ייִדן די ברייטסטע מעגלעכקייטן פאַר זייער באַהעפטונג צו דער סאָציאַליסטישער בויונג. די דאָזיקע מעגלעכקייטן זיינען דורך די ייִדישע מאַסן אויסגענוצט געוואָרן אין דער פולסטער מאָס. די געאָגראַפישע איבערגרופּירונג, וואָס איז פאָרגעקומען אין צוזאַמענהאַנג מיט דער ליקווידירונג פון דעם „טכום“, האָט באַדייטנדיק פאַרקלענערט די ניט-נאָרמאַלקייט פון דער סאָציאַל-פּראָפעסיאָנעלער סטרוקטור פון דער ייִדישער באַפעלקערונג. דאָס איז אָבער געווען נאָך צו ווייניק. עס האָט זיך געפאָדערט א דיי דעקרעטירטע דורך דער ראַטנמאַכט ספּעציעלע מאָסמיטלען, עס האָט זיך געפאָדערט א ריי יאָרן, אין משך פון וועלכע עס זיינען פאַרפעסטיקט געוואָרן די דעראָבערונגען פון דער אָקטיאַבער-רעוואָליוציע און ס'איז פאָרגעקומען א קאָלאָסאַלער וווּקס פון דער סאָוועטישער פאָלקסווירטשאַפט, קעדיי ענדגילטיק צו רעקאָנסטרויִרן די סאָציאַלע סטרוקטור פון דער ייִדישער באַפעלקערונג אין פּסטר.

די גרעסטע אומנאָרמאַלקייט אין דער סאָציאַלער סטרוקטור פון דער ייִדישער באַפעלקערונג אין דעם פאַררעוואָליוציאָנערן רוסלאַנד, ווי מיר האָבן שוין פריִער אָנגעוויזן, איז באַשטאַנען דערין, וואָס די ייִדישע נאַציאָנאַליטעט האָט ניט פאַרמאָגט קיין באַמערקבאַרן פּויערים-שיכט, דאָסגלייכן אויך קיין גענוגנדיקן אינדוסטריעלן פּראָלעטאַריאַט. זייענדיק געצווונגען צו פאַרנעמען זיך קימאַט אויסשליסלעך מיט שטאָטישע באַשעפטיקונגען און ניט האָבנדיק אין דער זעלבער צייט קיין וועלכן-עס-איז ברייטן צוטריט אין די גרויס-אינדוסטריעלע אונטערנעמונגען, זיינען די ייִדן געווען גענייט צו פאַרנעמען זיך הויפּטזאַכלעך מיט קליינהאַנדל און פאַרמיטלעריי און אויך מיט אַלערליי מינים האַנטווערקערישע אַרבעט. צו די דאָזיקע צוויי גרינטלעכע סאָציאַלע גרופּן פון דעם ביז־אָקטיאַבערישן רוסלענדישן ייִדנטום דאַרף מען נאָך צוגעבן די צאָלרייכע גרופּע פּערזאָנען פון קלעריקאַלע פּראָפעסיעס (ראַבאָנים, שאָכטים, כאַזאָנים אדג.). די

יידן, וואָס האָבן געאַרבעט פאַר לוין, זיינען געווען פאַרגעשטעלט הויפּט-זאַכלעך דורך געהילף-מײַסטערס פון קוסטאַרישע וואַרשטאַטן און לערנ-ייִנגלעך, ווי אויך דורך האַנדלס-אָנגעשטעלטע, די אַזויגערופענע פּריקאַשטשי-קעס. אָט דאָס זיינען געווען די סאָציאַלע הויפּט-גרופּן פון דער יידישער באַפעלקערונג אין דעם פאַררעוואָליוציאָנערן רוסלאַנד. אַזאַ איז געווען די „יידישע ירושע", וואָס די ראַטנמאַכט האָט איבערגענומען פון דעם פריציש-בורזשואַזן רעושים.

די פאַרגעזינטערונג פון דער סאָציאַלער סטרוקטור פון דער יידישער באַפעלקערונג האָט זיך אָנגעהויבן נאָך אין דעם אופשטעלונגס-פּעריאָד פון דער סאָוועטישער ווירטשאַפט. שוין אין דעם אָנגעוויזענעם פּעריאָד — ניט געקוקט אַף דער באַדײַטנדיקער אַרבעטלאָזיקײַט אין לאַנד — איז פאָרגעקו-מען אַ באַמערקבאַרער וווּקס פונעם ספּעציפישן געוויכט פון די אַרבעטער און אָנגעשטעלטע באַ אַ פאַרהעלטניסמעסיקער פאַרקלענערונג פון דער צאָל ניט-פּראָדוקטיווע און פּאַראַזיטאַרישע עלעמענטן צווישן דעם סאָוועטישן יידנטום. און כאָטש די מאַטעריאַלן פון דער ערשטער אַלפאַרבאַנדישער פאָלקס-ציילונג פון 1926 יאָר האָבן באַוויזן, אַז צום סאָף פונעם אופשטע-לונגס-פּעריאָד איז די סאָציאַלע סטרוקטור פון דער יידישער באַפעלקערונג פון פּסטר געווען נאָך ווײַט ניט קיין נאָ-מאַלע, האָבן זיי אָבער גלײַכ-צײַטיק באַוויזן, אַז די ריכטונג פון די ענדערונגען אינעם דאָזיקן געביט איז שוין געווען מער אָדער ווייניקער דײַטלעך אָנגעצייכנט. דאָס איז צו זען פון די פאָלגנדיקע אָנגאַבן:

סאָציאַלע גרופּן צווישן די יידן פון פּסטר (1926 יאָר)

	פּראָצ. צום סאַכאַקל
אַרבעטער אין דער גרויס-אינדוסטריע און אַף די בויונגען.	11,4
אַרבעטער אין דער קוסטאַר-האַנטווערקערשער אינדוסטריע .	3,7
אָנגעשטעלטע	24,7
פּויערים	8,3
קוסטאַרן און האַנטווערקער	22,6
מעלוכע-פּענסיאָנערן (אײַנגעשלאָסן סטיפּענדיאַטן פון הויכ-שולן)	5,7
הענדלער	8,8
פרײַע פּראָפעסיעס	1,6
אַרבעטסלאָזע	10,0
אַנדערע	3,2
סאַכאַקל	100,0

אַזוי-אַרום איז צו זען, אַז שוין צום סאָף פונעם אופשטעלונגס-פּעריאָד זיינען אין דער סאָציאַלער סטרוקטור פונעם סאָוועטישן יידנטום פאָרגעקו-

מען גאַנץ באַדײַטנדיקע ענדערונגען. די אַרבעטער אין דער גרויס-אינדוס־טריע און אַף בויונגען האָבן צו דער אָנגעוויזענער צײַט באַטראָפֿן העכער 11 פּראָצענט פֿון דער גאַנצער ייִדישער זעלבסטטעטיקער באַפֿעלקערונג פֿון פּסטר, אין דער צײַט, ווען ביז דער רעוואָלוציע (אַף דער זעלבער טערי־טאָריע) האָבן זיי ניט איבערגעשטיגן קיין 4 פּראָצענט. פֿאַרקערט, דאָס ספּעציפֿישע געוויכט פֿון די לוין-אַרבעטער אין דער קוסטאַר-האַנטווערקער־שער אינדוסטריע האָט זיך פֿאַר דעם זעלביקן צײַט-אָפּשניט פֿאַרקלענערט פֿון 11 ביז 3,7 פּראָצענט. דערמיט איז געמאַכט געוואָרן אַ פֿעסטער אָנהייב פֿאַר דער אויסבילדונג פֿון אַן אינדוסטריעלער אַרבעטערשאַפֿט צווישן דער ייִדישער באַפֿעלקערונג. די ייִדן אָנגעשטעלטע, וועלכע זײַנען, ווי געזאָגט, ביז דער רעוואָלוציע באַשטאַנען אין זייער איבערוועגנדיקן טייל פֿון די אויגעראופֿענע פּריקאַשטשיקעס און אַנדערע מינים אָנגעשטעלטע פֿון פּריוואַט־הענדלערישע אַנשטאַלטן, האָבן דאַן באַטראָפֿן בא 10 פּראָצענט צווישן דער גאַנצער זעלבסטטעטיקער ייִדישער באַפֿעלקערונג; צום סאָף 1926 יאָר האָט שוין דאָס ספּעציפֿישע געוויכט פֿון די ייִדישע אָנגעשטעלטע אין די סאָוועטישע מעלוכישע און קאָאָפּעראַטיווע אַנשטאַלטן באַטראָפֿן קימאַט אַ פֿערטל פֿון דער זעלבסטטעטיקער ייִדישער באַפֿעלקערונג.

צום סאָף 1926 יאָר האָט זיך, אין פֿאַרגלײַך מיטן פֿריִערדיקן פּעריאָד, דאָס ספּעציפֿישע געוויכט פֿון די פֿריִערים צווישן די זעלבסטטעטיקע ייִדן פֿאַרגרעסערט מער ווי אין 3,5 מאָל. באַגלײַך מיט דעם איז צום סאָף פֿונעם אופּשטעלונגס-פּעריאָד דאָס ספּעציפֿישע געוויכט פֿון די פּריוואַטע הענדלער געפֿאַלן פֿון 31 פּראָצענט אינעם ביז-אָקטיאַבערישן פּעריאָד ביז 8,8 פּראָצענט צום סאָף 1926 יאָר. עס האָט זיך אויך פֿאַרקלענערט די צאָל אַרבעטסלאָזע, ניט-אַרבעטנדיקע און פּערזאָנען פֿון פֿרײַע פּראָפֿעסיעס. די דאָזיקע דרײַ גרופּעס האָבן צוזאַמען ביז דער רעוואָלוציע באַטראָפֿן 23,4 פּראָצענט און צום סאָף פֿונעם אופּשטעלונגס-פּעריאָד — ווייניקער פֿון 15 פּראָצענט פֿון דער גאַנצער זעלבסטטעטיקער ייִדישער באַפֿעלקערונג.

אַזוי אַרום זעען מיר, אַז אינעם אופּשטעלונגס-פּעריאָד זײַנען פֿאָרגעקו־מען גאַנץ היפּשע ענדערונגען אינעם סאָציאַלן צוזאַמענשטעל פֿון דער ייִדישער באַפֿעלקערונג, אָבער פֿולשטענדיק זײַנען די אומנאָרמאַלקייטן אינעם דאָזיקן צוזאַמענשטעל צו יענער צײַט נאָך ניט ליקווידירט געוואָרן. די ענד־גילטיקע ליזונג פֿון דער „ייִדן-פֿראַגע“, די ענדגילטיקע סאָציאַלע רעקאָנ־סטרוקציע פֿון די ייִדישע מאַסן איז פֿאָרגעקומען שפּעטער, אינעם פּעריאָד פֿון דער סאָציאַליסטישער אינדוסטריאַליזאַציע פֿונעם לאַנד, פֿון דער קאָ־לעקטיוויזאַציע פֿון דער לאַנדווירטשאַפֿט, אינעם פּעריאָד פֿון דער זיגרײַכער פֿאַרווירקלעכונג פֿון די סטאַלינישע פֿינפֿיאָר-פּלענער. די אָנגאַבן מיקויעך דער איצטיקער פֿאַנאַנדערטיילונג פֿון דער ייִדישער באַפֿעלקערונג פֿון פּסטר

לויט געזעלשאַפטלעכע גרופּעס שפּיגלען אַמבּוילעטסטן אָפּ די גראַנדיעזע סאָציאַלע איבּערגעשטאַלטונג פֿונעם ייִדישן פֿאָלק.

די ציילונג פֿון 1926 יאָר האָט אָפּערירט מיט אָנגאַבּן וועגן די באַשעפֿטיקונגען פֿון דעם זעלבּסטעטיקן טייל פֿון דער באַפֿעלקערונג. בייס דער לעצטער ציילונג פֿון 1939 יאָר האָט מען זיך שוין דערמיט ניט גערעכנט באַגרענעצן. די ציילונג פֿון 1939 יאָר איז דורכגעפֿירט געוואָרן אין אַ פּעריאָד, ווען אין פּסער, אין דער סאָציאַליסטישער מעלוכע פֿון אַרבּעטער און פּויערים, איז פֿאַרווירקלעכט געוואָרן אין גרונט די ערשטע פֿאַזע פֿון קאָמוניזם — דער סאָציאַליזם. די סומירטע און פֿאַנאַנדערגעאַרבּעטע ענטפֿערס אָפּ דער פֿראַגע וועגן דער אָנגעהעריקייט צו דער אָדער יענער געזעלשאַפֿטלעכער גרופּע (16-טע פֿראַגע פֿונעם ציילונגס-בּויגן פֿון דער פֿאָלקס-ציילונג פֿון 1939 יאָר) האָבּן באַדאַרפֿט באַווייַזן און האָבּן באַוויזן די פֿולשטענדיקע און ראַדיקאַלע איבּערבּויונג פֿון דער סאָוועטישער געזעלשאַפֿט, ווו ס'איז פֿאַרניכטעט די עקספּלואַטאַציע פֿון מענטש דורך מענטש און וועלכע באַשטייט איצט בּלויז פֿון אַרבּעטנדיקע. אין זיין היסטאָרישן פֿאָרטראָג אָפּן VIII אויסעראָרדנטלעכן אַלפֿאַרבּאַנדישן ראַטן-צוזאַמענפֿאָר האָט דער כאַווער סטאַלין, געבּנדיק אַ גענייִאַלן אַנאַליז פֿון דער איצטיקער סטרוקטור פֿון דער סאָוועטישער געזעלשאַפֿט, דערקלערט: „עס איז געוואָרן אויס קלאַס קאַפּיטאַליסטן אָפּן געביט פֿון דער אינדוסטריע. עס איז געוואָרן אויס קלאַס באַלעגופֿים אָפּן געביט פֿון דער לאַנדווירטשאַפֿט. עס איז געוואָרן אויס סאָכרים און ספּעקוליאַנטן אָפּן געביט פֿון דעם סכוירע-אומזאַץ. אַלע עקספּלואַטאַטאָרישע קלאַסן זיינען אַזוי אַרום ליקווידירט געוואָרן.

עס איז פֿאַרבּליבּן דער אַרבּעטער-קלאַס.
עס איז פֿאַרבּליבּן דער קלאַס פּויערים.
עס איז פֿאַרבּליבּן די אינטעליגענץ"[1].

דער געבּראַכטער סטאַלינישער אַנאַליז פֿון דער געזעלשאַפֿטלעכער סטרוקטור פֿון דער סאָוועטישער באַפֿעלקערונג איז גלענצנדיק באַשטעטיקט געוואָרן דורך די ציילונגס-אָנגאַבּן וועגן דער פֿאַרהעלטעניש צווישן די גרונטיקע געזעלשאַפֿטלעכע גרופּעס פֿון דער באַפֿעלקערונג. עס האָט זיך אַרויסגעוויזן, אַז קימאַט אַ העלפֿט (49,73 פּראָצענט) פֿון דער גאַנצער באַפֿעלקערונג פֿונעם ראַטנפֿאַרבּאַנד באַשטייט פֿון אַרבּעטער און אָנגעשטעלטע, עטוואָס ווייניקער פֿון אַ העלפֿט, נעמלעך, — 46,9 פּראָצענט, קומט אויס אָפּן כּעזשבּן פֿון די קאָלווירטניקעס און קאָאָפּערירטע קוסטאַרן; אַ ניט באַדייטנדיקן פּראָצענט (2,6 פּראָצענט) באַטרעפֿן די פּויערים-אינדיווידואַלן און ניט-

---

1 י. סטאַלין. פֿראַגן פֿון לעניניזם. מעלוכע-פֿאַרלאַג „דער עמעס" 1941, ז. 546.

קאָאָפּערירטע קוסטארנ און גאָר א נישטיקנ (0,04 פּראָצענט) — די רעשט-לעכ ניט-ארבעטנדיקע [1].

דער וויכטיקסטער אונטערשייד צווישנ דער פארטיילונג פונ דער באַ-פעלקערונג לויט די געזעלשאפטלעכע גרופּנ און דער פארטיילונג לויט די באשעפטיקונגען באשטייט, ערשטנס, אינ דעמ, וואָס צו דער אָדער יענער געזעלשאפטלעכער גרופּע ווערנ צוגערעכנט ניט נאָר די עקאָנאָמיש-אקטיווע פערזאָנען, נאָר אויכ די פערזאָנען, וואָס געפינען זיכ אפ זייער אויסהאלט. ווייטער, ווי מיר וועלנ דאָס גלייכ דערקלערנ, בענעגייע דער עקאָנאָמיש-אקטיווער פערזאָנ גופע מוזנ ניט דאפקע צונויפאלנ די ציפערס וועגנ דער באשעפטיקונג אינ מאָמענט פונ דער ציילונג מיט דער געזעלשאפטלעכער גרופּע, צו וועלכער די פערזאָנ ווערט צוגערעכנט. צומ ביישפּיל, באשטענ-דיקע קאָלווירטניקעס, וועלכע זיינענ צומ מאָמענט פונ דער ציילונג געווענ פארנומענ אפ סעזאָנ-ארבעט אינ דער אינדוסטריע, זיינענ צוגערעכנט גע-וואָרנ צו דער געזעלשאפטלעכער גרופּע פונ קאָלווירטניקעס. פּארקערט, ארבעטער און אָנגעשטעלטע, וואָס פארמאָגנ א באהילפיקע ווירטשאפט, זיינענ צוגערעכנט געוואָרנ צו די געזעלשאפטלעכע גרופּעס פונ ארבעטער אָדער אָנגעשטעלטע; מעלוכע-פענסיאָנערנ און סטיפּענדיאטנ, ווידער, זיינענ צוגערעכנט געוואָרנ צו דער גרופּע, מיט וועלכער זיי זיינענ געווענ צוזא-מענגעבונדנ לויט זייער באשעפטיקונג ביזנ באקומענ פענסיע אָדער סטיפּענ-דיע. פונ דער דאָזיקער סכעמאטישער כאראקטעריסטיק איז לייכט צו באַ-קומענ א קלאָרנ באגריפ מיקויעכ דער סאָציאַל-פּאָליטישער און פּאָלקס-ווירטשאפטלעכער באדייטונג פונ דער טיילונג לויט געזעלשאפטלעכע גרופּעס.

לויט גענויע, דערווייל נאָכ לעפּיערעכדיקע, אויסרעכענונגען ווערט די יידישע באפעלקערונג אפ דער טעריטאָריע פונעמ ראטנפארבאנד (אָנ די צוגעקומענע נאָכ דער ציילונג טעריטאָריעס) פארטיילט לויט די געזעלשאפט-לעכע גרופּעס אזוי:

געזעלשאפטלעכע גרופּעס פונ דער יידישער באפעלקערונג (פּסס״ר אינ די גרענעצנ צומ 17 יאנואר 1939)	אינ פּראָצענטנ לעגאבע דער גאנצער יידישער באפעלקערונג
ארבעטער און אָנגעשטעלטע	71,2
קאָלווירטניקעס	5,8
קאָאָפּערירטע קוסטארנ	16,1
ניט-קאָאָפּערירטע קוסטארנ	4,0
פארשיידענע	2,9
סאכאקל	100,0

1 י. סאוטינ — די באפעלקערונג פונעמ לאנד פונ סאָציאַליזמ. „באָלשעוויק״ נומ. 10, 1940.

די דאָזיקע עטלעכע „טרוקענע" ציפערן שפּיגלען בוילעט אָפּ די עכט רעוואָליוציאָנערע ענדערונגען, וואָס זײַנען פאָרגעקומען אין דעם סאָציאַל-קלאַסעוון צוזאמענשטעל פון דער יידישער באפעלקערונג פון פססר פאַר די 22 יאָר רעוואָליוציע. זיי באווײַזן, אז דאָס יידישע פאָלק באשטייט איצט אין זײַן איבערוועגנדיקסטער מערהײַט פון ארבעטער און אָנגעשטעלטע און דער איבעריקער טייל — פון קאָלווירטניקעס און קאָאָפּערירטע קוסטארן. דערבײַ דארף מען נעמען אין אכט, אז אויב צום מאָמענט פון דער ציילונג פון 1926 יאָר איז א באדײַטנדיקער טייל פון די פארעגיסטרירטע יידישע ארבעטער געווען פארנומען אלס לערנייִנגלעך אין די קוסטאר-ווארשטאטן, איז איצט זיי אלס קלאל אין די פאבריק-זאוואָדישע אונטערנעמונגען פון דער גרויס-אינדוסטריע און אפּ די בויונגען. צווישן דער יידישער אינטעליגענץ זײַנען איצט ברייט פאָרגעשטעלט די קאָמאנדירן פון דער סאָציאַליסטישער אינדוסטריע — אינזשעניערן און מעכאניקער, בילדונגס- און מעדיצין-טוער, וויסנשאפטלעכע טוער און פארשיידענע אנדערע פאכלײַט.

די פארהעלטעניש צווישן די ארבעטער און אָנגעשטעלטע אין באַשטאנד פון דער יידישער באפעלקערונג איז איצט אומגעפער ווי 4:3. דערבײַ דארף מען נעמען אין אכט, אז דורך דער ארבעטער-גרופּע איז דורכגעגאנגען א באדײַטנדיקע צאָל יידן, באזונדערס יוגנטלעכע, וואָס א טייל פון זיי איז פונדאנען אריבער אין פארשיידענע ספּעציעלע לערנ-אנשטאלטן און האָט דערנאָך זיך ארײַנגעגאָסן אין די רייען פון די סאָוועטישע פאכלײַט, פון די קאָמאנדירן פון דער אינדוסטריע. אינעם ראטנ-פארבאנד איז עס דורכויס א געוויינלעכע דערשײַנונג, זי רעדט וועגן דעם בעהאדראָגעדיקן פּראָצעס פון ליקווידירן די קעגנזעצלעכקײַט צווישן דער פיזישער און אינטעלעקטועלער ארבעט, א פּראָצעס, וואָס גייט זעלבסטפאַרשטענדלעך אָן אויך צווישן די יידישע ארבעטנדיקע.

די יידישע פּויערים, וועלכע זײַנען קאָלעקטיוויזירט אפּ אלע הונדערט פּראָצענט, באטרעפן צוזאמען מיט זייערע פאמיליעס בא 6 פּראָצענט פון דער גאנצער יידישער באפעלקערונג אין פססר. אויב מיר וועלן נעמען אין אכט, אז די יידישע באפעלקערונג איז איבערהויפּט א שטאָטישע באפעלקערונג, וועלן מיר קומען צו דעם אויספיר, אז דער דאָזיקער צװײַגער אן און פאר זיך איז א באדײַטנדיקער. וויכטיק איז דער דאָזיקער צװײַגער אויך דערמיט, וואָס, נעמלעך, בא דער ערדארבעט האָבן היפּשע מאסן יידישע דעקלאסירטע אָרעמשאפט געקראָגן די געהעריקע געווינשאפטן אפן געביט פון פּראָדוקטיווער ארבעט ביכלאל, — נעמלעך אין דעם דאָזיקן ווירטשאפט-צװײַג האָט די דערמאָנטע סאָציאַלע גרופּע ענדגילטיק געריסן מיט די פריערדיקע לופט-פארנאָסעס און האָט זיך אזויארום באהעפט צו דער סאָציאַליסטישער בויונג. שפּעטער, אין צוזאמענהאנג מיטן פארשטארקטן אינדוסטריאַליזאציע-פּראָצעס, איז א געוויסער טייל פון דעם יידישן פּויערטום —

הויפּטזאַכלעכ פון די בײַשטעטלדיקע קאָלווירטנ — אריבער אפּ ארבעט אינ די שטאָטישע ווינ-ערטער.

דאָס ספּעציפישע געוויכט פון די קוסטארנ צווישנ די געזעלשאַפטלעכע גרופּנ פון דער יִדישער באַפעלקערונג האָט אינ אלגעמײַנ ווייניק-וואָס געביטנ זיכ, אָבער דער סאָציאַל-געזעלשאַפטלעכער אויסזענ פון דער דאָזיקער באַפעלקערונג-קאַטעגאָריע האָט זיכ ראַדיקאַל געענדערט, מאַכמעס די יִדישע קוסטארנ זײַנענ איצט אינ זייער איבערוועגנדיקער מערהײַט פאַראייניקט דורכ פּראָדוציר-ארטעלנ אונ אנדערע קאָאָפּעריר-פאָרמענ פונ דער געווערב-קאָאָפּעראַציע. עס איז קעדײַ צו דערמאָנענ, אז ביז דער גרויסער סאָציאַליסטישער אָקטיאַבער-רעוואָליוציע זײַנענ די קוסטארנ אונ האַנטווערקער לאַכלוטנ ניט געווענ קאָאָפּערירט אינ פּראָדוציר-הינזיכט. א געוויסער טייל יִדישע קוסטארנ איז געווענ ארומגעכאַפּט דורכ די אנשטאַלטנ פונ דער קרעדיט-קאָאָפּעראַציע אינ די אזוי-גערופענע לײַ- אונ שפּאָר-קאַסעס; אָבער דער דאָזיקער ארט קאָאָפּעראַציע האָט דעריקער באַדינט די פאַרמעגלעכערע שיכטנ קוסטארנ (אונ אויכ די מיטעלע אונ קלייִנהענדלער). וואָס אָנבאַלאַנגט פּראָדוציר-ארטעלנ, האָבנ זיי אפילע אינ 1926 יאָר פאַראייניקט מער ניט ווי 5—10 פּראָצענט, בייס איצט זײַנענ קאָאָפּערירט 75—80 פּראָצענט פונ דער גאַנצער צאָל יִדישע קוסטארנ. אזוי ארום איז אויכ די דאָזיקע געזעלשאַפטלעכע גרופּע אינ איר איבערוועגנדיקסטער מערהײַט דירעקט פאַרבונדנ מיטנ סאָציאַליסטישנ סעקטאָר פונ דער פאָלקסווירטשאַפט.

די פּראָדוצירישע קאָאָפּערירונג פונ דער איבערוועגנדיקער מערהײַט יִדישע קוסטארנ האָט געשפּילט אנ אויסערסט וויכטיקע ראָליע סײַ אינ עקאָנאָמישער סײַ אינ סאָציאַל-קולטורעלער הינזיכט. מיר האָבנ שוינ אָנגעוויזנ דערויפ, אז צום סאָפ פונעמ אופשטעלונגס-פּעריאָד איז נאָכ געווענ א געוויסע צאָל יִדישע קוסטארנ, וועלכע האָבנ באַנוצט לוינ-ארבעט. דער דאָזיקער קלײנער צאָל קלײנע אונ מיטעלע אונטערנעמער איז קעגנגעשטאַנענ א גאַנצ באַדײַטנדיקע צאָל לוינ-ארבעטער — געהילפ-מײַסטערס אונ לערנייִנגלעכ, — וועלכע האָבנ געארבעט אפּנ באַלעבאָס אינ א קלייִנבירגערלעכער, פּריוואַט-אייגנטימערישער סוויווע. נאָכ דעמ ווי די יִדישע קוסטארנ זײַנענ מאַסנווײַז קאָאָפּערירט געוואָרנ, איז דער דאָזיקער מינ עקספּלואַטאַציע פאַרשוווּנדנ געוואָרנ.

נאָכ וויכטיקער איז דער פאַקט פונ דער סאָציאַלער איבערגעשטאַלטונג פונ דער גרופּע יִדישע לוינ-ארבעטער, וועלכע זײַנענ פריִער געווענ פאַרנומענ אינ די קוסטאר-האַנטווערקערשע ווארשטאַטנ אונ דערנאָכ זײַנענ זיי אינ זייער גרעסטנ טייל אריבער אפּ ארבעט אינ דער סאָציאַליסטישער גרויס-אינדוסטריע.

אנאַלאָגיש איז געווענ די סאָציאַלע אנטוויקלונג פונ דער גרופּע, וואָס האָט פאַרנומענ דאָס גרעסטע אָרט צווישנ די יִדישע קוסטארנ אונ האָט

פיגורירט אונטערן נאָמען „העלפנדיקע פאמיליע-מיטגלידער". ווײַל צווישן די דאָזיקע פאמיליע-מיטגלידער האָט זיך, אייגנטלעך, געפונען א גאנצע היפשע צאָל פון די זעלביקע לוינ-ארבעטער, וועלכע פלעגן אונטער דער שירמע פון „קרוסווועשאפט" גאנצ פײַנ עקספּלואטירט ווערנ דורך די קוסטארנ באלעבאטים און שפּעטער זײַנען די דאָזיקע לוינ-ארבעטער געוואָרנ ארבעטער פון מעלוכע-פאבריקנ.

ניט ווייניקער וויכטיק איז די ווירטשאפטלעכע באדײַטונג פון דער פּראָדוציר'שער קאָאָפּערירונג. עס איז גאנצ פארשטענדלעך, אז דער קוסטאר דער יאָכיד האָט געארבעט אפ אנ אָפּגעשטאנענער טעכנישער באזע און איז שטענדיק געווענ אָפּהענגיק פון די מארק-וואקלונגענ און צופעליקײַטנ אינ הינזיכט פון רויווארג-באזאָרגונג און פונעם אָפּזאץ פון דער פּראָדוקציע. פארקערט, די פּראָדוציר-ארטעלנ פון דער געווערב-קאָאָפּעראציע פארמאָגנ גרויסע מעגלעכקײַטנ אפ צו שאפנ גרעסערע ווארשטאטנ און אונטערנעמונגענ מיט דער נײַסטער מאָדערנער טעכנישער אויסשטאטונג, מיט א נײטיקער ארבעטס-צעטיילונג אאוו. דאָס אלצ העכערט די ארבעטס-פּראָדוקטיווקײַט און דורך דעם אויכ די פארדינסטנ פונעם קאָאָפּערירטנ קוסטאר.

צווישנ אלע געזעלשאפטלעכע גרופּעס און הויפּטזאכלעך צווישנ די ארבעטער און אָנגעשטעלטע איז באדײַטנדיק גרויס די קאטעגאָריע מיליטער-לײַט. די יידישע ארבעטנדיקע, באגלײַכ מיט די ארבעטנדיקע פון אלע נאציאָנאליטעטנ, וואָס באפעלקערנ דעם ראטנפארבאנד, באטייליקנ זיכ אקטיוו אינעם פעסטיקנ די שוצ-מעכטיקײַט פון אונדזער לאנד. יידנ — מיליטער-לײַט, וואָס האָבנ העלדיש געקעמפט קעגנ די יאפּאָנישע אימפּעריאליסטנ, קעגנ דער פינישער ווײַסגווארדייסטשינע; יידנ — קאָמאנדירנ, גרענעצלער אאוו. זײַנענ ברייט פארטראָטנ אינ דער רומפולער רויטער ארמיי. די העלדישע טאטנ פון דעם קאָמאנדיר מארגוליס אפנ שלאכט-פראָנט קעגנ דער פינישער ווײַסגווארדייסטשינע, די מעסירעסנעפעשדיקע ארבעט פון דעם מעדיצינ-דאָקטער דונאיעווסקי, וואָס האָט אפ דעם זעלבנ פראָנט אומגעקערט דאָס לעבנ און די שלאכטפייקײַט פיל רויטארמייער און קאָמאנדירנ (די רעגירונג האָט אים דערפאר באלוינט מיט אנ אָרדענ פון דעם רויטנ שטערנ), די טעטיקײַט פון די וויסנשאפטלעכע טוער פון דעם גאָרקער ווײַסרוסישנ לאנדווירטשאפטלעכנ אינסטיטוט די כאווײרימ ריווקינ און גאָרדאָנ, וואָס זײַענדיק מאָביליזירט אינ דער ארבעטער-פּויערשער רויטער ארמיי, האָבנ זיי ענערגיש געקעמפט פאר דער אומבאזיגבארקײַט און ניט-צוטריטלעכקײַט פון אונדזערע סאָוועטישע גרענעצנ — דאָס זײַנענ בלויז געציילטע בײַשפּילנ פון די הונדערטער און טויזנטער ענלעכע פאקטנ, וואָס אילוסטרירנ דעם אָנטייל פון די יידישע ארבעטנדיקע אינעם פעסטיקנ די רויטע ארמיי, זייער שטענדיקע גרייטקײַט מאקרעוו צו זײַנ דאָס לעבנ פארנ סאָציאליסטישנ היימלאנד.

מעלוכע-פּענסיאָנערנ זײַנענ אינ דער גרופּירונג לויטנ געזעלשאפטלעכנ

סימענ אײַנגעשלאָסנ אינ באזונדערע סאָציִאלע קאטעגאָריעס, אָפּהענגיק פונ דעמ, מיט וואָס זײ, די פּענסיִאָנערנ, האָבנ זיכ באשעפטיקט, אײדער זײ האָבנ אָנגעהויבנ צו באקומענ מעלוכישע פּענסיע. מע דארפ נעמענ אינ באטראכט, אז צו דער קאטעגאָריע מעלוכע-פּענסיִאָנערנ זײַנענ פארעכנט געוואָרנ אויכ די, וואָס באקומענ מעלוכע-סטיפּענדיעס אינ די הויכשולנ, דה. קינפטיקע מעלוכע-אָנגעשטעלטע, וויסנשאפטלעכע טוער אונ קונסט-טוער.
דער צווײטער טײל פונ דער דאָזיקער קאטעגאָריע באשטײט פונ מענטשנ, וואָס האָבנ אויסגעדינט די יאָרנ, אָדער פארלאָרנ אינגאנצנ צי טײלווײַז די ארבעטספײִקײַט, אונ געפינענ זיכ אפנ אויסהאלט פונ דער מעלוכע. די מעלוכע-סטיפּענדיִאטנ צוזאמענ מיט די מעלוכע-פּענסיִאָנערנ לויטנ געזונט-צושטאנד אָדער עלטער באטרעפנ בא 8 פּראָצענט פונ דער זעלבסטעטיקער יִדישער באפעלקערונג.
אינ דעמ צארישנ רוסלאנד פלעגט דער ארבעטנדיקער נאָכ אנ אומ-גליקס-צופאל אָדער אפ דער עלטער איבערגעלאָזט ווערנ אפ אײגענעמ בא-ראָט, ווײַל ער האָט אופגעהערט צו דינענ אלס אָביעקט פונ עקספּלואטא-ציע. אינ פסםר האָט די סטאלינישע קאָנסטיטוציע פײַערלעכ דעקלארירט, אז די „בירגער פונ פסםר האָבנ רעכט אפ מאטעריעלער פארזיכערונג אפ דער עלטער, אונ אויכ אינ פאל פונ קראנקײַט אונ פונ פארלירנ די אר-בעטספײִקײַט". די מעלוכע-פּענסיִאָנערנ באקומענ אינ די סאָוועטישע אָרגא-נענ פונ סאָציִאלער פארזיכערונג מערסטנטײל בא א דריטל פונ זײער פריִ-ערדיקנ געהאלט—אָפּהענגיק פונ זײער ארבעט-סטאזש אונ פונעמ גראד פאר-לאָרענער ארבעטספײִקײַט. פאר באזונדערע געזעלשאפטלעכע פארדינסטנ אונ ארבעטס-פארדינסטנ באקומענ זײ פּערסאָנעלע געהעכערטע פּענסיעס. זעלבסט-פארשטענדלעכ, אז די פּענסיִאָנערנ — באגלײַכ מיט אלע ארבעטנדיקע פונעמ ראטנפארבאנד — געניסנ פונ אומזיסטיקער מעדיצינישער הילפ אונ באקומענ כוצ דעמ א רײ פּריווילעגיעס אינ היגזיכט פונ דירעגעלט אא.
די ווײַטערדיקע פארטיפערטע באארבעטונג פונ די אָנגאבנ פונ דער צײלונג פונ 1939 יאָר וועט, מעגלעכ, ארײַנטראָגנ א רײ פארפינקטלעכנ-דיקע קאָרעקטיווג אינ אונדזערע בעערעכדיקע, דערווײַל נאָכ פּאָרלויפיקע, אויסרעכענונגענ. נאָר אײנס בלײַבט אבסאָליוט אָנ צווײפל: פונ אײנ זײַט, דער פאקט, אז צווישנ דער יִדישער באפעלקערונג פונ פסםר זײַנענ פאר-שווונדנ די ניט-פּראָדוקטיווע, ניט-ארבעטנדיקע אונ פּאראזיטארע שיכטנ, אונ, פונ דער צווײטער זײַט, — דער פאקט, וואָס צווישנ דער יִדישער באפעל-קערונג פּרעוואלירנ אבסאָליוט די אינדוסטריעלע ארבעטער אונ די אינטע-ליגענצ, אונ ס'איז דערצו פאראנ א היפּשער שיכט קאָלווירטישע פויערטומ אונ קאָאָפּערירטע קוסטארנ. דאָס אלצ באטײַט, אז די סטאלינישע לײזונג פונ דער „יִדנ-פראגע" אינ פסםר האָט זיכ אויסגעדריקט אינ א ראדיקאלער סאָציִאלער איבערגעשטאלטונג פונ דער יִדישער באפעלקערונג.

* * *

מיר געפינען פאר נייטיק צוצוגעבן צו די אלע פריִער געבראַכטע אָנ־
גאבן אויך אייניקע ציפֿערס וועגן דעם אָנטייל פון די ייִדן אין דער
פארטיי- און ראטן-בויונג, האגאמ די יעדיִעס, וואָס מיר פארמאָגן אפ דעם
דאָזיקן געביט, זיינען פארעלטערטע. די יעדיִעס, וואָס באציִען זיך צום אָנ-
הייב 1932 יאָר, באווייזן, אז צום סאָפ פונעם ערשטן פינפיאָר האָט די
צאָל ייִדן קאָמוניסטן (פארטיי-מיטגלידער און קאנדידאטן) דערגרייכט ביז
125 טויזנט מאן, וואָס האָט אויסגעמאכט העכער 4 פראָצענט פון דער גאנ-
צער צאָל קאָמוניסטן אין פססר. געוויס איז פארן פעריאָד, וואָס איז דורכ-
געגאנגען זינט דעם 1932 יאָר, די אבסאָליוטע צאָל ייִדן פארטייער געשטיגן
אדאנק דעם, וואָס עס האָט זיך פארגרעסערט די צאָל ייִדישע ארבעטער
אין דער גרויס-אינדוסטריע, און אדאנק דעם ווּוקס פון דער צאָל ייִדישע
קאָמיוגיסטן, וואָס זיינען ארייַנגעטראָטן אין פארטיי.

גאנץ באדייטנדיק איז אויך דאָס ספעציפישע געוויכט פון די ייִדן
קאָמיוגיסטן.

דאָס פרויען-געוויכט צווישן די ייִדן קאָמיוגיסטן איז צו זען פון די
פאָלגנדיקע אָנגאבן, וואָס באציִען זיך צום I/1 1933 יאָר:

טעריטאָריע	פראָצענט פרויען צווישן די ייִדישע קאָמיוגיסטן
אוקראַינע	42,5
ווייסרוסלאַנד	42,4
קרימער אססר	50,8
מאָלדאווישע אססר	41,1

ניט ווייניקער באדייטנדיק איז אויך דער אָנטייל פון די ייִדישע אר-
בעטנדיקע אין דער ראטן-בויונג. דאָס איז צו זען פונעם געוויכט ייִדישע
מיטגלידער לעגאבע דער אלגעמיינער צאָל מיטגלידער פון די דאָרפ-,
ייִשעוו- און שטאָט-ראטן, פון די ראַיויספירקאָמען אדג. זעלבסטפארשטענד-
לעך, אז די ייִדישע ארבעטנדיקע באגרענעצן ניט זייער אָנטייל אין דער
ראטן-בויונג דערמיט, וואָס זיי נוצן אויס זייערע פאסיווע וואלרעכט. די
פאר די לעצטע יאָרן פאָרגעקומענע וואלן צום אויבער-ראט פון פססר,
צו די אויבער-ראטן פון די פארבאנדישע און אווטאָנאָמע רעפובליקן, צו
די אָרטיקע ראטן האָבן באוויזן די גרויסע אקטיווקייט פון די ייִדישע
מאסן אין די וואל-קאמפאניעס, ווי אויך אין די וואלן גופע. די ייִדישע
ארבעטנדיקע האָבן צוגלייך מיטן גאנצן סאָוועטישן פאָלק איינמוטיק אָפּגע-
געבן זייערע שטימען פאר די קאנדידאטן פונעם סטאלינישן בלאָק פון די
קאָמוניסטן און אומפארטייִשע.

די פילצאָליקע ייִדישע אגיטאטאָרן און פראָפּאגאנדיסטן האָבן אין זייער
אגיטאציִאָנעלער ארבעט געהאט א מעגלעכקייט צו אָפּערירן מיט די איבער-

צײַגנדיקסטע פאקטן פון זײער אײגענעם פרײדיקן לעבן, צו װעלכן זײ זײַנען געקומען אדאנק דער פארװירקלעכונג פון דער לעניניש-סטאלינישער נאציאָנאלער פּאָליטיק. צום בײַשפּיל:

דער דניעפּראָפּעטראָװסקער 70-יאָריקער אײַנװױנער הירש גלאָז, װאָס איז געװען פריִער א שטעטלשער אָרעמער גלעזער און איז פיל אױסגעשטאנען פון די פּעטליוריש-מאכנאָװישע פּאָגראָמשטשיקעס, האָט זיך בײס די װאלן געטײלט מיט די צוהערער מיט די בריװ, װעלכע ער האָט באקומען פון זײַנע דרײַ זין: באָריס — דעם פּילאָט, מאָיִסײ — דעם רויטפלאָטלער און יאָסיף — דעם טאנקיסט, און די צוהערער זײַנען געװען פארכאפּט און טיף גערירט פון די זיכערע רײד פונעם אלטן פּאָטער, װאָס איז אזױ פארליבט אין זײַן סאָציִאליסטיש הײמלאנד. אזעלכע אגיטאטאָרן האָבן די ייִדישע ארבעטנדיקע ארױסגערוקט אין א גרױסער צאָל.

דער פּאָרזיצער פון פרײַדאָרפער ראַיִספּירקאָם (קרימער אססר) דערצײלט אין זײַנער א צײַטונג-קאָרעספּאָנדענצ, אז „אף די װאל-באצירקן זײַנען געקומען 99,2 פּראָצענט װײלער און האָבן אָפּגעגעבן זײערע שט־מען פאר די קאנדידאטן פונעם סטאלינישן בלאָק פון די קאָמוניסטן און אומפּארטײיִשע. אין דער װאל-קאמפּאניע האָבן זיך ארױסגעװיזן גלענצנדע אגיטאטאָרן, אױסגעצײכנטע אָרגאניזאטאָרן". אין דעם זעלביקן פרײַדאָרפער ראַיאָן האָט די װאל-קאמפּאניע מיטגעהאָלפן ארױסרוקן די בעסטע אקטיװיסטן אף פאראנטװאָרטלעכער ראטן-ארבעט. דאָסגלײַכן איז אין צוזאמענהאנג מיט דער װאל-קאמפּאניע אָפּגעמערקט געװאָרן די איבערגעגעבענע ארבעט פון פיל קאָלװירטניקעס איבערװאנדערער.

די זעלבע אקטיװקײַט האָבן אין דער װאל-קאמפּאניע ארױסגעװיזן אױך די ייִדישע קאָאָפּערירטע קוסטארן. די אקטיװקײַט פון די ייִדישע ארבעטער אף די פאבריקן און זאװאָדן, אף די בױונגען איז געװען נאטירלעך נאָך גרעסער.

V. ייִדן אין דער סאָציאַליסטישער גרויס־אינדוסטריע

די גרויסע סאָציאַליסטישע אָקטיאַבער-רעוואָליוציע און די דערפאָלגרײַכע פאַרווירקלעכונג פון דער לעניניש-סטאַלינישער נאַציאָנאַלער פּאָליטיק האָבן גרינטלעך געענדערט די סאָציאַלע סטרוקטור פון דער ייִדישער באַפעלקערונג אין פּסגר — סײַ קוואַנטיטאַטיוו סײַ קוואַליטאַטיוו. און באַזונדערס איז עס שײַעך צו דער ייִדישער אַרבעטערשאַפט, וואָס איז פאַרנומען אין פאַרשיידענע צווײַגן פון דער פאָלקסווירטשאַפט.

די רעזולטאַטן פון דער פאָלקס-ציילונג פון 1926 יאָר האָבן באַוויזן, אַז אין מעשעך פונעם אויפשטעלונגס-פּעריאָד האָט אַ באַדײַטנדיקער טייל פון דער אַרבעטנדיקער ייִדישער באַפעלקערונג באַוויזן זיך אַרײַנצוגיסן אין די רייען פונעם אינדוסטריעלן פּראָלעטאַריאַט, נאָך איידער עס האָט זיך אָנגעהויבן אַ פּלאַנמעסיקע אַרבעט אויף דעם דאָזיקן געביט. שוין דאַן, דה. צו דעקאַבער 1926 יאָר, האָט די צאָל ייִדישע באַשעפטיקטע אַרבעטער אויף דער דערמאָנטער טעריטאָריע פונעם ראַטנפאַרבאַנד דערגרייכט 153 טויזנט מאַן, וואָס האָט באַטראָפן באַ 15 פּראָצענט פון דער גאַנצער זעלבסטעטיקער ייִדישער באַפעלקערונג.

מיר דערמאָנען, אַז צום סאָף פאַבריקן יאָרהונדערט האָט זיך אויף דער זעלבער טעריטאָריע פונעם ראַטנפאַרבאַנד געפונען אומגעפער 137 טויזנט ייִדישע אַרבעטער. אַזוי-אַרום איז די צאָל ייִדישע אַרבעטער פאַר דעם דערמאָנטן צײַט-אָפּשניט געשטיגן אויף 9,5 פּראָצענט, בײַס די גאַנצע ייִדישע באַפעלקערונג האָט זיך פאַר דעם זעלביקן פּעריאָד פאַרגרעסערט מער ניט ווי אויף 3,8 פּראָצענט. אַנדערש גערעדט, דער וווּקס פון דעם אינדוסטריעל-פּראָלעטאַרישן טייל פון דער ייִדישער באַפעלקערונג האָט אין $2^1/_2$ מאָל איבערגעשטיגן דעם וווּקס פון דער ייִדישער באַפעלקערונג אינגאַנצן גענומען.

אויב מיר וועלן ווײַטער באַטראַכטן באַזונדער יענעם טייל פון דער אַרבעטער-גרופּע, וועלכער איז געווען באַשעפטיקט אומיטלבאַר אויף די פאַבריקן און זאַוואָדן, וועלן מיר זיך גלײַך אָנשטויסן אויף אַ פיל גרעסערן

צוווּקס. אזוי האָט די צאָל יידישע פאַבריק-זאַוואָדישע ארבעטער אפ דער טעריטאָריע פון פססר (אין די גרענעצן פון 1926 יאָר) באַטראָפן אין 1897 יאָר 20 טויזנט מאַן און אין 1926 יאָר — 69 טויזנט, א צוווּקס אפ 250 פראָצענט. פאַרקערט, די צאָל לוין-ארבעטער אין די קוסטאַר-האַנטווערקער-שע ווארשטאַטן האָט זיך פאַר דעם זעלבן פעריאָד פאַרקלענערט פון 93 ביז 33 טויזנט, דה. קימאַט אפ 65 פראָצענט.

די דאָזיקע ציפֿערס ווייזן, אז שוין צום סאָף 1926 יאָר איז געווען קלאָר די גרינטלעכע ריכטונג, אין וועלכער עס וועלן פאָרקומען די הויפּט-ענדערונגען אינעם באַשטאַנד פונעם אינדוסטריעלן טייל פון דער יידישער ארבעטערשאַפט; דאָס איז די ריכטונג פון אריבערגיין פון דער קליין-אינ-דוסטריע אין דער גרויס-אינדוסטריע, אן אריבערגאַנג, וואָס האָט אין דער זעלביקער צייט אַנטשפּראָכן דעם אריבערגיין פון דעם פּריוואַטן סעקטאָר אין דעם פאַרגעזעלשאַפטלעכטן סעקטאָר פון דער פאָלקסווירטשאַפט.

מיר האָבן אלזאָ געזען, אז שוין אין די ערשטע יאָרן נאָך דער אָק-טיאַבער-רעוואָליוציע איז פאָרגעקומען א באַדייטנדיקער וווּקס פון דער יידישער פאַבריק-זאַוואָדישער ארבעטערשאַפט. אָט דער וווּקס איז צו דער אָנגעוויזענער צייט פאָרגעקומען אפ דער גאַנצער טעריטאָריע פון פססר, באַזונדערס איז אָבער די צאָל יידישע ארבעטער געשטיגן נעמלעך אין יענע ערטער, אין וועלכע זיי האָבן פריער קיין צוטריט ניט געהאַט. אָט איז, צום ביישפּיל, א טאַבעלע, וואָס כאַראַקטעריזירט דעם פראָצענט פאַבריק-זאַוואָדישע ארבעטער צווישן דער גאַנצער צאָל יידישע ארבעטער אין די ערטער פונעם געוועזענעם „טכום” און אויסער זיי:

טעריטאָריע	פראָצענט יידישע פאַבריק-זאַוואָדישע ארבעטער לעגאַבע דער גאַנצער צאָל יידישע ארבעטער (1926 י.)
אוססר (אין די גרענעצן פון 1926 י.)	43,0
ווססר (אין די גרענעצן פון 1926 י.)	42,2
מאָסקווע	64,2
לענינגראַד	64,1
בריאַנסקער גובערניע.	63,5

די ערשטע צוויי רעפּובליקן — אוקראַינע און ווייסרוסלאַנד — שטעלן מיט זיך פאָר די הויפּט-ראַיאָנען פונעם געוועזענעם „טכום”. דאָרט האָבן זיך צום סאָף פונעם אופשטעלונגס-פעריאָד איינגעהיט פיל קוסטאַרישע וואַר-שטאַטן, וואָס זייערע באַלעבאַטים האָבן נאָך סאָף 1926 יאָר אָנגעווענדט אין א געוויסער מאָס לוין-ארבעט, איבערהויפּט אין דער פאָרם פון פאַכ-שילעריי. דעריבער האָבן דאָרט פאַבריק-זאַוואָדישע ארבעטער אויסגעמאַכט ווייניקער פון א העלפט צווישן אלע יידישע ארבעטער. פאַרקערט, אין די

ערטער, וואָס געפינען זיך אויסער דעם געוועזענעם „טכום", קריגט שוין די ייִדישע ארבעטערשאפט קלאָר אויסגעדריקטע שטריכן פון א נאָכרעוואָ-ליוציאָנערער פאָרמירונג און איר וווקס קומט איבערהויפּט פאָר לויט דער ליניע פון דער פאבריק-זאוואָדישער אינדוסטריע. אָט פארוואָס דאָס ספּע-ציפישע געוויכט פון די ארבעטער, וואָס זײַנען באשעפטיקט אין דעם אָנ-געוויזענעם ווירטשאפט-צווײַג, האָט אין 1926 יאָר באטראָפן אין די דאָ-זיקע ערטער העכער 60 פּראָצענט פון אלע ייִדישע ארבעטער.

צווישן די אָנדערהאלבן הונדערט טויזנט ייִדישע ארבעטער פון פּסטר זײַנען צום סאָפּ 1926 יאָר געווען פארנומען: 44,8 פּראָצענט אין דער פאבריק-זאוואָדישער אינדוסטריע, 24,8 פּראָצענט אין דער קוסטאר-האנט-ווערקערשער אינדוסטריע, 4,3 פּראָצענט אפן טראנספּאָרט, 2,2 פּראָצענט אפּ די בויונגען און 1,6 פּראָצענט אין דער לאנדווירטשאפט. ווען מיר לייגן צונויף די צווײַגערס פון דער פאבריק-זאוואָדישער אינדוסטריע, פון דער בויונג און פונעם טראנספּאָרט, איבערצײַגן מיר זיך, אז האגאם די קוסטאר-פאָרמען פון לויג-ארבעט האָבן נאָך אין 1926 יאָר פארנומען א גאנץ באדײַטנדיק אָרט, האָבן זיי אָבער שוין דאן קענטיק פארלאָרן זייער טיפּישקײַט. דאָס איז אן אלגעמיין בילד פאר אלע אָן אויסנאם טעריטאָ-ריעלע איינסן, נאָר עס זעט זיך בוילעטער אָן אויסער די גרענעצן פונעם געוועזענעם „טכום".

לויט די אָנגאבן פון דער ציילונג פון 1926 יאָר האָבן מיר נאָך א גרופּע „איבעריקע", וואָס באטרעפט 22,3 פּראָצענט פון אלע ייִדישע אר-בעטער. די דאָזיקע גרופּע שליסט ווארשײַנלעך אײַן אין זיך ארבעטער, וואָס זײַנען געווען באשעפטיקט אין ניט-אינדוסטריעלע אונטערנעמונגען (אין די ראטן-אנשטאלטן, לערן-אַנשטאלטן אדג.); צוזאמען מיט ד׳ ארבע-טער פון פארשיידענע ווארשטאטן, וואָס האָבן געהערט צו די געזעלשאפטן פאר הילף און קעגנזײַטיקער הילף (די לעצטע — הויפּטזאכלעך אין די שטעט-לעך), האָט די דאָזיקע גרופּע דאן אויסגעמאכט עטוואָס מער פון א פינפטל פון דער גאנצער צאָל ייִדישע ארבעטער.

דער אריבערגאנג פון ייִדישע ארבעטער פון דער קליינער און מיטע-לער אין דער גרויסער אינדוסטריע, וואָס האָט זיך אָנגעהויבן פאקטיש גלײַך מיט דער אָקטיאבער-רעוואָליוציע, איז נאטירלעך באגלייט געוואָרן מיט א געהעריקער איבערגרופּירונג אין זייער פּראָפעסיאָנעלן באשטאנד. די ייִדישע אינדוסטריעלע ארבעטערשאפט פונעם ביז-אָקטיאבערישן פעריאָד איז באשטאנען, ווי מיר ווייסן, אין איר איבערוועגנדיקסטער מערהײַט פון אר-בעטער (און לערנייִנגלעך) אין די קוסטארישע ווארשטאטן, דעריבער האָט זייער פּראָפעסיאָנעלער באשטאנד אין אלגעמיין אנטשפּראָכן דעם פּראָפע-סיאָנעלן באשטאנד פון די ייִדישע קוסטארן און האנטווערקער. דה., אז אין איר אבסאָליוטער מערהײַט איז די דאָזיקע ארבעטערשאפט באשטאנען

פונ שנײַדער אונ שוסטער אונ פונ א ניט-באדײַטנדיקער צאָל שלאָסער אונ טאָקער. די ייִדישע ארבעטער פונ 1926 יאָר האָבנ שוינ אָבער לאכלוטנ אנ אנדערנ פּראָפעסיִאָנעלנ באשטאנד: בא 15 פּראָצענט פונ דער גאנצער צאָל ייִדישע ארבעטער מאכט אויס די גרופּע מעטאליסטנ; פארקערט, דאָס ספּעציפישע געוויכט פונ די נאָדל-ארבעטער אונ לעדערניקעס האָט זיכ פארקלענערט פונ 54 פּראָצענט אינ 1898 ביז 19,9 פּראָצענט אינ 1926 יאָר. צום ערשטנ מאָל האָבנ זיכ דאנ באוויזנ — עמעס, נאָכ אינ א ניט-באדײַטנדיקער צאָל — לאכלוטנ נײַע פאר דער ייִדישער סוויווע פּראָפעסיעס: בארג-ארבעטער (לויט דער ציילונג פונ 1926 יאָר 100 מאנ), ארבעטער פונ וואסער-טראנספּאָרט (120 מאנ), אײַזנבאנ-ארבעטער (233 מאנ) אאוו. שפּעטער, אינ יאָרנ ארומ, האָט זיכ פארשטענדלעכ די צאָל פונ די דאָזיקע ארבעטער באדײַטנדיק פארגרעסערט.

שטארק אויסגעוואקסנ (קימאט אינ פינפ מאָל) איז דאָס ספּעציפישע געוויכט פונ שווארצארבעטער. זיי האָבנ זיכ ווערבירט הויפּטזאכלעכ פונ יענע עלעמענטנ, וואָס האָבנ ניט פארמאָגט קײנ באשטימטע קוואליפיקאציע אונ פּראָלעטארישע פארהארטעוועטקײַט אונ פלעגנ מאסנווײַז אָנקומענ אינ די גרויס-אינדוסטריעלע אונטערנעמונגענ, קעדיי גופע אינ פּראָצעס פונ דער פּראָדוציר-ארבעט צו באקומענ די דאָזיקע קוואליפיקאציע אונ פארהארטעוועטקײַט.

אנטשפּרעכיק דעמ וווּקס פונ דער אבסאָליוטער צאָל אונ פונעמ ספּעציפישנ געוויכט פונ די גרויס-אינדוסטריעלע ארבעטער האָט זיכ שטארק פארקלענערט דאָס ספּעציפישע געוויכט פונעמ קוסטאר-האנטווערקערשנ פּראָלעטאריאט: פונ 68 (ביז דער רעוואָליוציע) ביז 25 פּראָצענט (צום סאָפ 1926 י.) פונ דער גאנצער צאָל ייִדישע ארבעטער. בײס אינ דעמ פאררעוואָליוציִאָנערנ רוסלאנד איז אפ יעדנ ייִדישנ קוסטאר דורכשניטלעכ אויסגעקומענ צו אײנ לוינ-ארבעטער, איז אינ 1926 יאָר אײנ לוינ-ארבעטער אויסגעקומענ אפ 17 קוסטארנ.

די אויסבילדונג פונ דער ייִדישער אינדוסטריעלער ארבעטערשאפט איז הויפּטזאכלעכ א פּראָדוקט פונ דער גרויסער סאָציִאליסטישער אָקטיאבער-רעוואָליוציע. דערמיט איז טאקע צו דערקלערנ די איבערוואָג פונ יונגע עלטער-גרופּעס צווישנ די ייִדישע ארבעטער: העכער 50 פּראָצענט פונ דער גאנצער צאָל ייִדישע ארבעטער האָבנ צומ מאָמענט פונ דער ציילונג פונ 1926 יאָר ניט דערגרייכט קײנ 25-יאָריקנ עלטער; אפ דער עלטער-גרופּע 25—44 יאָר איז אויסגעקומענ 35,9 פּראָצענט, אונ אפ דער גרופּע אינ עלטער פונ 45 יאָר אונ העכער איז אויסגעקומענ מער ניט ווי 13 פּראָצענט. דער דאָזיקער אויסגעשפּראָכנ יונגער באשטאנד פונ די ייִדישע ארבעטער האָט אינ די ווײַטערדיקע יאָרנ, מיטנ אלגעמײנעמ וווּקס פונ דער סאָוועטישער אינדוסטריעלער ארבעטערשאפט, אָנגענומענ נאָכ בולטערע פאָרמענ.

צו דער צײַט פֿון דער ציילונג פֿון 1926 יאָר באמערקן מיר אויך א באדײַטנדיקן וווּקס פֿון דער צאָל ייִדישע פּרויען צווישן דעם אינדוסטריעלן פּראָלעטאריאט; צווישן אלע ייִדישע ארבעטער האָבן די פּרויען דאן באַטראָפֿן בא 25 פּראָצענט.

אזויארום קען מען אָננעמען אלס פֿאקט, אז צום מאָמענט פֿון דער ציילונג פֿון 1926 יאָר, דה. צום סאָף פֿונעם אופשטעלונגס־פּעריאָד, האָט זיך גלײַך אָנגעהויבן די רעקאָנסטרוקציע פֿון דעם פּראָלעטארישן טייל פֿון דער ייִדישער באפעלקערונג. זי איז געגאנגען אין דער ריכטונג פֿון א פֿארשטארקטן וווּקס פֿון דער אבסאָליוטער צאָל ייִדישע ארבעטער און פֿון זייער ספּעציפֿישן געוויכט צווישן אלע זעלבסטעטיקע ייִדן; פֿון אריבערגייִן פֿונעם פּריוואטן אין דעם פֿארגעזעלשאפֿטלעכטן ווירטשאפֿט-סעקטאָר, פֿון דער קליינער אין דער גרויסער אינדוסטריע און פֿון דער לײַכטער אינדוסטריע אין דער שווערער און ארויסבאקומענדיקער אינדוסטריע. אין די שפּעטערדיקע יאָרן פֿון דער רעקאָנסטרוקציע פֿון דער פֿאָלקסווירטשאפֿט און פֿון רעאליזירן דעם ערשטן סטאלינישן פֿינפֿיאָר-פּלאן זײַנען די געשילדערטע פּראָצעסן אָנגעגאנגען פֿיל שנעלער און האָבן באקומען א גרעסערן פֿארנעם.

* * *

דאָס 1929/30 יאָר, וואָס האָט געשפּילט אזא אנטשיידנדיקע ראָליע אינעם איבערבויען די גאנצע עקאָנאָמיק בא אונדז אין לאנד, איז ארײַן אלס יאָר פֿון גרויסן איבערבראָך אויך אין דער געשיכטע פֿון דער סאָציאַלער רעקאָנסטרוקציע פֿון דער ייִדישער באפעלקערונג אין פֿססר. ווי באוווּסט, האָט זיך נעמלעך פֿון דעם דערמאָנטן יאָר אָנגעהויבן אין אונדזער פֿאָלקסווירטשאפֿט דער גרויסער שווּנג פֿון דער אינדוסטריאַליזאציע און די קאָלעקטיוויזאציע פֿון דער לאנדווירטשאפֿט. אלס דירעקטער רעזולטאט פֿון דער אינדוסטריאַליזאציע איז געווען דער פֿארגרעסערטער נאָכפֿרעג אָפֿ ארבעטס-קראפֿט און די ליקווידאציע פֿון דער ארבעטסלאָזיקײַט. פֿון דעם יאָר אָן איז אויך באדײַטנדיק געשטיגן דער וווּקס פֿון דער ייִדישער אינדוסטריעלער ארבעטערשאפֿט. פֿארן צײַט-אָפּשניט 1930—1935 האָבן מיר א צוּוווּקס פֿון ייִדישע ארבעטער אין 4 מאָל א גרעסערן איידער דער אנטשפּרעכיקער צוּוווּקס פֿאר די יאָרן 1926—1930. אין אלגעמיין האָט זיך פֿאר דער צײַט פֿונעם סאָף אופשטעלונגס-פּעריאָד ביזן אָנהייב 1939 יאָר די צאָל ייִדישע ארבעטער אין דער סאָציאַליסטישער גרויס-אינדוסטריע און אָפֿ די בויונגען פֿארגרעסערט מער ווי אין 4,5 מאָל און האָט דערגרייכט אומגעפֿער 700 טויזנט מאַנ. אזויארום איז די צאָרע, וואָס „אייניקע נאציאָנאַליטעטן האָבן ניט זייערע פּראָלעטאריער" (סטאלין), בענעגייע די ייִדן ווי

בענעגייע אנדערע נאַציאָנאַליטעטן, לאַכלוטן פאַרשווונדן אינעם גאַנג פון דער זיגרײַכער פאַרווירקלעכונג פונעם סאָציאַליזם אין אונדזער לאַנד.

אין די יאָרן פון ערשטן פינפיאָר, ווען די צוּוווּקס-טעמפּן פון דער אַרבעטערשאַפט זײַנען געווען באַזונדערס גרויס, איז דער וווּקס פון דער צאָל ייִדישע אַרבעטער אַמשנעלסטן פּאָרגעקומען אין די ערטער, וואָס געפינען זיך אויסער די גרענעצן פונעם געוועזענעם „טכום". די שטעט און שטעטלעך פון אוססר און ווססר זײַנען אין די ערשטע יאָרן פונעם רעקאָנסטרוקציע-פּעריאָד געווען ווייניקער אינדוסטריאַליזירט איידער די ווינ-ערטער פון רספסר. דעריבער טאַקע איז דער וווּקס פון דער ייִדישער אינ-דוסטריעלער אַרבעטערשאַפט געגאַנגען אַפּן כּעזשבן פון באַדײַטנדיקע מאַסן אַרבעטנדיקע ייִדן, וועלכע זײַנען מאַסנווײַז אַריבערגעפאָרן פון די דאָרעם-און מײַרעוו-קאַנטן אין די צאָפן- און מיזרעכ-קאַנטן פון אונדזער לאַנד. אָבער וואָס ווײַטער, האָט די אינדוסטריאַליזאַציע אַלץ מער אָנגעשפּאַרט אויך אין די ערטער פונעם געוועזענעם „טכום", און ניט נאָר אין אַזעלכע גרויסע אינדוסטריעלע צענטערס ווי אָדעס, דניעפּראָפּעטראָווסק אדג., נאָר אויך אין די קלענערע שטעט און שטעטלעך. צום בײַשפּיל, אַזאַ טיפּישע שטאָט פון דעם געוועזענעם „טכום" ווי וויניצע. ביז דער רעוואָליוציע איז דאָס געווען אַ שטאָט פון ייִדישע הענדלער און קוסטאַרן. די אָרעמשאַפט האָט זיך דאָ אופגעהאַלטן אין אַ ספּעציעלן קוואַרטאַל, אין דער באַרימטער „ירושאַלימקע". איצט פאַרמאָגט די דאָזיקע שטאָט אַ גרויסע נאָדל-פאַבריק, אַ שוך-פאַבריק, אַ סופּערפאָספאַטן-זאַוואָד, אַ מאַשינבוי-זאַוואָד און אַ רײ אַנדערע גרויס-אינדוסטריעלע אונטערנעמונגען.

אָדער אַ צווייטע שטאָט פונעם געוועזענעם „טכום" — זשיטאָמיר. ביז דער רעוואָליוציע איז דאָרט די גרעסטע אינדוסטריעלע אונטערנעמונג געווען די מאַשינבוי-וואַרשטאַטן פון דעם קאַפּיטאַליסט ווײַנשטיין, ווו עס האָבן געאַרבעט בּאַ 100 אַרבעטער. איצט געפינט זיך אין זשיטאָמיר אַ גאַנצע רײ אינדוסטריעלע אונטערנעמונגען: אַ וואָליקעס-פאַבריק, אַ מעטאַל-באַאַרבעטנדיקע פאַבריק, אַ נאָדל-פאַבריק, צוויי מעבל-פאַבריקן, אַ ספּירט-זאַוואָד, אַ ברויט-זאַוואָד און אַ רײ אַנדערע אונטערנעמונגען.

מיר קאָנען ברענגען אַלס אַ בײַשפּיל אויך די שטאָט באָברויסק (ווססר), וואָס איז אין פאַרלויף פון די ערשטע צוויי סטאַלינישע פינפיאָרן באַרײַכערט געוואָרן מיט אַ גרויסער נאָדל-פאַבריק, מעבל-פאַבריק, פאַניער-זאַוואָד, געהילץ-קאָמבינאַט און פלייש-קאָמבינאַט.

אַזעלכע בײַשפּילן, וואָס כאַראַקטעריזירן דעם פאַרשטאַרקטן ווירטשאַפט-לעכן וווּקס פון די שטעט פונעם געוועזענעם „טכום", קאָן מען ברענגען אָן אַ שיר. דערמיט איז צו דערקלערן, וואָס נאָך אויך צום איצטיקן מאָ-

מענט געפינט זיך די אבסאָליוטע מערהייט פון דער יידישער ארבעטער־שאפט אין אוסטר. דעריבער איז אויך באַרעכטיקט, וואָס מער געגויע ציי־גערס פון דעם באשטאנד פון די יידישע ארבעטער גיבן מיר נעמלעך בענעגייע אוסטר און ווסטר (אין די גרענעצן צום 1 יאנוואר 1939 י.).

דער אינדוסטריאַליזירונג־פּראָצעס צווישן דער יידישער באפעלקערונג האָט נאטירלעך געפונען אַן אָפּשפּיגלונג אין דער פאנאנדערטיילונג פון די יידישע לוין־ארבעטער לויטן צווייג־סימען, ווי דאָס איז צו זען פון די פאָלגנדיקע אָנגאבן, וואָס באציען זיך צו די יאָרן 1936—1937:

פאנאנדערטיילונג פון יידן ארבעטער און אָנגעשטעלטע
לויט די וויכטיקסטע צווייגן פון דער פאָלקסווירטשאפט
און קולטור

צווייגן	אוסטר	ווסטר
	אין פּראָצענטן צום סאכאקל	
אינדוסטריע	36,2	45,1
בויונג	4,4	2,4
לאנדווירטשאפט	2,5	1,1
טראנספּאָרט	1,9	3,6
פארבינדונג	0,4	0,5
קאָמונאַלע ווירטשאפט	2,3	3,8
האנדל	11,6	11,1
געזעלשאפטלעכע דערנערונג	4,5	2,4
בילדונג	16,3	13,2
קונסט	1,5	3,3
געזונט־פארהיטונג	9,7	6,4
אנשטאלטן	8,7	7,1
אינגאנצן	100,0	100,0

ווי מיר זעען, פארנעמט דאָס ערשטע אָרט די אינדוסטריע, וואָס צו־זאמען מיט דער בויונג זיינען זיי באשעפטיקט אין אוסטר — העכער 40 פּראָצענט און אין ווסטר — קימאט א העלפט פון אלע יידישע לוין־ארבעטער. גופא אין דער אינדוסטריע איז די פאנאנדערטיילונג פון די יידישע לוין־ארבעטער לויט באזונדערע צווייגן געווען צו דער דערמאָנטער צייט אזא:

אינדוסטריע־צווײַגן	אוסטר	וויסטר
	אין פּראָצענטן צום סאַכאַקל	
עלעקטראָסטאַנציעס	1,0	1,2
שטיינקוילן	0,4	—
טאָרף	0,1	0,5
מעטאַלורגיע	2,7	—
מאַשינבויונג	25,7	12,9
עלעקטראָטעכניק	2,6	0,1
ארץ־ארויסבאַקום	0,1	—
מינעראַלן־ארויסבאַקום	0,5	—
כימיע	2,8	4,9
בוי־מאַטעריאַלן	3,6	13,7
טעקסטיל	2,4	2,3
לעדער און פעלצן	1,4	4,6
שוכוואַרג	5,9	3,8
נאָדל־אינדוסטריע	16,2	25,0
פּאַפּיר	0,5	0,7
דרוקערײַען	4,4	4,8
שפּײַז־אינדוסטריע	17,5	11,3
אַנדערע	12,2	14,2
סאַכאַקל	100,0	100,0

אין פאַרלויף פון די צוויי סטאַלינישע פינפיאָרן איז פאָרגעקומען א באַדײַטנדיקע איבערפאַרטײלונג פון די יידישע לוין־אַרבעטער אויך לויט באַזונדערע צווײַגן פון דער אינדוסטריע. אָט איז, צום בײַשפּיל, א פאַר־גלײַכונג פון דער פּראָצענטועלער פאַנאַנדערטײלונג פון די יידישע אַרבע־טער אין אוסטר לויט א ריי אינדוסטריע־צווײַגן פאַרן יאָרצענדליק 1926—1936:

פּראָפעסיעס	1926	1936
	אין פּראָצענטן צום סאַכאַקל	
באַרג־אַרבעטער	0,1	3,3
מעטאַליסטן	14,1	28,3
(דערין מאַשינבויער)	(—)	(25,7)
כימיקער	0,8	2,8
נאָדל־אַרבעטער	9,8	16,2
אַנדערע	75,2	49,4
סאַכאַקל	100,0	100,0

די געבראכטע אָנגאבן כאראקטעריזירן א רײ אינטערעסאנטע ענדערונגען, וואָס זײַנען פּאָרגעקומען אין דער פּראָדוציר-סטרוקטור פון דער ייִדישער אינדוסטריעלער ארבעטערשאפט. די דאָזיקע אָנגאבן זאָגן איידעס פריִער פון אלץ וועגן דעם, אז די ייִדישע ארבעטער האָבן זיך גענומען מער קאָנצענטרירן אין באזונדערע אינדוסטריע-צווײַגן. אויב פריִער האָט די גרופּע „אנדערע", וואָס האָט פאררייניקט א גרויסע צאָל פּראָפעסיעס, ארומגעכאפּט העכער $^3/_4$ פון דער גאנצער צאָל ייִדישע ארבעטער פון אוססר, איז איצט פאררייניקט די דאָזיקע גרופּע א קנאפּע העלפט. העכער א העלפט פון דער גאנצער צאָל ייִדישע ארבעטער איז ארומגעכאפּט דורך פיר פּראָדוציר-גרופּעס. באזונדערס דארפן מיר דאָ באטאָנען דאָס געשטיגענע ספּעציפישע געוויכט פון די בארג-ארבעטער און כימיקער און די פארטאָפּלונג פון דער צאָל ייִדן מעטאליסטן, וואָס די איבערוועגנדיקע מערהײַט פון זיי זײַנען מאשינבויער. אזוי־ארום האָבן זיך די ייִדישע ארבעטער פון אוססר פעסט אײַנגעוואָרצלט אין די פירנדיקע פּראָדוציר-צווײַגן פון דער פאָלקס-ווירטשאפט פון דער אָנגעוויזענער רעפּובליק.

דאָס געשטיגענע ספּעציפישע געוויכט פון די נאָדל-ארבעטער, וואָס איז אפן ערשטן בליק ניט גאָר פארשטענדלעך, איז אָבער לײַכט צו דערקלערן מיט דעם, וואָס די גרויסע ניי-אינדוסטריע, וועלכע איז אויסגעוואקסן פארן ערשטן און פארן אָנהייב פונעם צווייטן פינפיאָר, האָט ארײַנגענומען א באדײַטנדיקע צאָל ייִדישע ארבעטנדיקע, וועלכע זײַנען ביז דאַן געווען פארנומען אין דער דאָזיקער „טראדיציאָנעל-ייִדישער" פּראָפעסיע אלס קליינע פּראָדוצירער קוסטארן.

אין ווססר איז אן אנאלאָגיש בילד, וואָס איז צו זען פון פאָלגנדיקער טאבעלע:

פאנאנדערטיילונג פון די ייִדישע ארבעטער אין
ווססר לויט א ריי אינדוסטריע-צווײַגן

פּראָפעסיעס	1926	1936
	אין פּראָצענטן צום סאכאקל	
מעטאליסטן	9,2	12,9
כימיקער	1,2	4,9
נאָדל-ארבעטער	9,6	25,0
לעדערניקעס און שוכווארג-ארבעטער . . .	15,3	8,4
אנדערע	64,7	48.8
סאכאקל	100,0	100,0

אויכ אינ ווססר זעענ מיר א פארקלענערונג פונעמ געוויכט פונ דער גרופע „אנדערע" בא א פארגרעסערונג פונ דער צאָל יידנ מעטאליסטנ אונ כימיקער אונ אויכ פונ די נאָדל-ארבעטער, וואָס זײַנענ אָנגעקומענ ארבעטנ אינ די גרויסע אונטערנעמונגענ פונ דער ניי-אינדוסטריע.

באמ אנאליזירנ די פאנאנדערטיילונג פונ די יידישע ארבעטער לויט די אינדוסטריע-צווײַגנ האָבנ מיר דערלאָזנ א געוויסע אומפּינקטלעכקײַט, וועלכע באשטייט אינ דעמ, וואָס פארנ 1926 יאָר האָבנ מיר געבראכט די פאנאנ-דערטיילונג פונ די ארבעטער, אונ פארנ 1936 יאָר — די פאנאנדערטיילונג פונ די ארבעטער אונ אָנגעשטעלטע צוזאמענ גענומענ. דאָס קאָנ אָבער ערנסט ניט ווירקנ אפ די אויספירנ, וואָס מיר מאכנ, מאכמעס די איבער-וועגנדיקע מערהײַט יידנ, וועלכע זײַנענ באשעפטיקט אינ דער אינדוסטריע, באשטייט פונ ארבעטער, ווי דאָס איז צו זענ פונ די פאָלגנדיקע רעלאטיווע אָנגאבנ (זיי באציִענ זיכ צו דער מיט פונ צווייטנ פינפיאָר):

ארבעטער-קאטעגאָריעס צווישנ יידנ, וואָס זײַנענ באשעפטיקט אינ דער אינדוסטריע	אוססר	ווססר
	אינ פראָצענטנ צומ סאכאקל	
ארבעטער	64,2	73,8
שילער	3,5	3,3
אינזשעניר-טעכנישער פערסאָנאל	13,7	9,8
אָנגעשטעלטע	15,0	10,2
באדינונגס-פערסאָנאל	3,6	2,9
אינגאנצנ	100,0	100,0

דער צווייטער סטאלינישער פינפיאָר איז, ווי באוווסט, געווענ א פע-ריאָד פונ באהערשנ ניט נאָר די ניי-אויסגעבויטע אינדוסטריעלע אָביעקטנ, נאָר אויכ — אונ ניט אינ קיינ קלענערער מאָס — א פעריאָד פונ באהערשנ די ארבעטס-קראפט, וואָס איז פארנומענ אפ די דאָזיקע אָביעקטנ. אויב פארנ ערשטנ פינפיאָר איז אינעמ גאנצנ ראטנפארבאנד ליקווידירט געוואָרנ די ארבעטלאָזיקײַט אונ ס'איז געשטיגנ דער נאָכפרעג אפ ארבעטס-קראפט אינ אלע ווירטשאפט-צווײַגנ, איז אינ צווייטנ סטאלינישנ פינפיאָר געשטא-נענ די אופגאבע איבערצוקאָכנ די נײַע ארבעטער-שיכטנ אינעמ קעסל פונ דער סאָציאליסטישער אינדוסטריע, פולשטענדיק ארײַנציִענ זיי אינ די פראָ-פאריינענ, דערציִענ זיי פּאָליטיש אינ גײַסט פונ פראָלעטארישנ אינטערנא-ציאָנאליזמ, אנטוויקלענ צווישנ זיי דעמ סאָציאליסטישנ געוועט אונ דורכ דעמ דערשלאָגנ זיכ צו א מאקסימאלער פארגרעסערונג פונ זייער ארבעט-פראָדוקטיווקײַט. די דאָזיקע אופגאבע איז, געוויינלעכ, געשטאנענ אויכ בע-נעגייע דער יידישער אינדוסטריעלער ארבעטערשאפט אונ איז אויסגעפילט געוואָרנ מיט דערפאָלג.

דער צאָליקער וווקס פונ דער ייִדישער אינדוסטריעלער ארבעטערשאפט איז אינ מעשעכ פונ די צוויי סטאלינישע פינפיאָרנ פאָרגעקומענ פיל שנעלער, איידער דער דורכשניטלעכער צוווקס פונ דער אלגעמיינער ארבעטערשאפט. אזא שנעלער וווקס פונ דער צאָל ייִדישע ארבעטער איז נאטירלעכ, ווענ מיר נעמענ אינ אכט די באדײַטנדיקע אָפּגעשטאנענקײַט, מיט וועלכער עס האָט זיכ פריִער אויסגעצייכנט די סאָציִאלע סטרוקטור פונ דער ייִדישער נאציִאָנאליטעט אינ פארגלײַכ מיט דער סאָציִאלער סטרוקטור פונ דער אלגעמיינער באפעלקערונג. די דאָזיקע פארגיכערטע טעמפּנ פונ דער אויסבילדונג אונ פונעמ וווקס פונ דער ייִדישער אינדוסטריעלער ארבעטערשאפט זײַנענ געווענ דער הויפּט-פאקטאָר פונ דער פאקטישער גלײַכבארעכטיקונג פונ דער ייִדישער באפעלקערונג אינעמ ראַטנפארבאנד.

* * *

די ייִדישע פרויִ פארנעמט אנ אָנגעזעענ אָרט אינעמ צוווקס פונ דער גרויס-אינדוסטריעלער ייִדישער ארבעטערשאפט. זײַענדיק אינ דער פארגאנגענהײַט אמערסטנ דערווײַטערט פונ פּראָדוציר-ארבעט, האָבנ די פרויענ נאָכ אפילע צומ אָנהייב פונעמ רעקאָנסטרוקציע-פעריִאָד פאָרגעשטעלט א ניט-באדײַטנדיקע גרייס צווישנ דער ייִדישער ארבעטערשאפט. לויט די אָנגאבנ פונ דער אלפארבאנדישער ציילונג פונ 1926 יאָר האָט דאָס ספּעציפישע געוויכט פונ די פרויענ צווישנ די ייִדישע ארבעטער באטראָפנ אינ אוססר 25 אונ אינ ווססר 23 פּראָצענט. די דאָזיקע צוויי ציפערס זײַנענ שוינ צומ מיטנ פונעמ צווייטנ פינפיאָר געשטיגנ אנטשפּרעכיק ביז 40 אונ 45 פּראָצענט. דערבײַ איז אינטערעסאנט צו באמערקנ, אז דער וווקס פונעמ פרויענ-געוויכט צווישנ די ייִדישע ארבעטער האָט אריבערגעשטיגנ דאָס פרויענ-געוויכט צווישנ די ייִדישע אָנגעשטעלטע — אינ אוסר אינ 3 מאָל אונ אינ ווססר אינ 8 מאָל.

אינ דער אינדוסטריע גופא ווערנ די ייִדישע פרויענ לויט זייער באשעפטיקונג פאנאנדערגעטיילט אפּ פאָלגנדיקנ אויפנ:

ארבעטער-קאטעגאָריעס אינ דער אינדוסטריע	אוססר	ווססר
	אינ פּראָצענטנ צומ סאכאקל	
ארבעטערנס	72,6	81,4
שילערנס	3,2	3,0
אינזשעניער-טעכנישער פּערסאָנאל	6,8	4,1
אָנגעשטעלטע	14,7	9,9
באדינונגס-פּערסאָנאל	2,7	1,6
אינגאנצנ	100,0	100,0

פארגלײַכנדיק די דאָזיקע צײַגערס מיט די מאַטעריאַלן פון דער פּאָ־דיקער טאַבעלע, קאָנען מיר פעסטשטעלן, אַז דאָס אַרבעטער־געוויכט אין דער אינדוסטריע איז בײַ די ייִדישע פּרויען אַפילו העכער איידער בײַ די מאַנצבילן. און דאָס איז צו זען אויך פונעם באַדײַטנדיקן פּרויען־געוויכט צווישן אַלע ייִדישע לוין־אַרבעטער, וואָס זײַנען באַשעפטיקט אין דער אינ־דוסטריע. פאָלגנדיקע אָנגאַבן באַשטעטיקן עס:

אַרבעטער־קאַטעגאָריעס אין דער אינדוסטריע	אוססר	ווססר
	פּראָצענט פּרויען צווישן די ייִדן	
אַרבעטערנס	45,6	50,2
שילערנס	36,6	40,2
אינזשעניער־טעכנישער פּערסאָנאַל	20,3	18,8
אָנגעשטעלטע	39,9	43,3
באַדינונגס־פּערסאָנאַל	29,9	25,3
אינגאַנצן	40,4	45,4

מיר זעען, אַז 40 פּראָצענט פון אַלע ייִדישע אַרבעטער אין דער אינדוסטריע פון אוסער און 45 פּראָצענט פון זיי אין ווססר זײַנען פּרויען. באַזונדערס גרויס אין דער אינדוסטריע איז דאָס פּרויען־געוויכט צווישן די ייִדישע אַרבעטער, שילער און אָנגעשטעלטע.

קלענער, נאָר אויך גאַנץ באַדײַטנדיק, איז די צאָל פּרויען צווישן די ייִדישע לוין־אַרבעטער, וואָס זײַנען פאַרנומען אין די נאָענטע צו דער אינ־דוסטריע צווײַגן פון דער פאָלקסווירטשאַפט. אין דער בויונג פון אוסער באַטרעפן די פּרויען העכער 17 פּראָצענט פון אַלע ייִדישע אַרבעטער, וואָס זײַנען באַשעפטיקט אין דעם דאָזיקן ווירטשאַפט־צווײַג; אין די ראַטווירטן פון דער זעלבער רעפּובליק באַטרעפן די פּרויען אַנטשפּרעכיק 17,3 פּראָ־צענט, אין די מאַשין־טראַקטאָר־סטאַנציעס — 23 פּראָצענט.

די אַלע געבראַכטע אָנגאַבן באַווײַזן, אַז פאַר די ערשטע צוויי סטאַ־ליניסטע פינפיאָרן זײַנען אַרײַנגעצויגן געוואָרן אין דער סאָציאַליסטישער אינדוסטריע פיל צענדליקער טויזנטער ייִדישע אַרבעט־פּרויען. די ייִדישע פּרויען האָבן אויך אַרויסגערוקט פון זייערע רייען אַ גרויסע צאָל קאָ־מאַנדירן פון דער סאָציאַליסטישער אינדוסטריע.

* * *

אויך אין דער ייִדישער אויטאָנאָמער געגנט האָבן זיך אין אַ געוויסער מאָס פאַרשטאַרקט די צוּוואוּקס־טעמפּן פון דער ייִדישער אינדוסטריעלער

אַרבעטערשאַפט. די פּערספּעקטיוו אוּן אַנטוויקלונג פון די אינדוסטריעלע אונטערנעמונגען פון דער געגנט: פון דעם לאַנדאַקער קאַלכ-זאַוואָד, בי-ראָבידזשאַנער וועגענער-זאַוואָד, פון דער ניי-פאַבריק, וווּרשט-פאַבריק, פון די געהילצ-זאַוואָדן, עלעקטראָסטאַנציעס, מעכאַנישע וואַרשטאַטן און אייזן-באַן-דעפּאָ; די גוואַלדיקע נאַטירלעכע רײַכטימער פון דער געגנט (אײַזן, קוילן, גראַפיט, קאַלכשטיין, מאַרמאָר, אא.), וואָס וואַרטן ערשט, מע זאָל זיי נעמען ווי ס׳דאַרף צו זײַן עקספּלואַטירן; די פאָרשטייענדיקע בויונג פון א ריי נײַע אינדוסטריעלע אונטערנעמונגען — דאָס אַלץ ווירקט און וועט ווירקן פּאָזיטיוו אויף ווײַטערדיקן אינטענסיוון וווּקס פון דער יידישער אינ-דוסטריעלער אַרבעטערשאַפט. א גאַנצע ריי געוויזענע איבערוואַנדערער, וואָס אַרבעטן אין די אונטערנעמונגען פון דער געגנט, זײַנען פאָרגעשריטענע סטאַ-כאַנאָווצעס, שטייען אין דער שפּיץ פון דער באַוועגונג פון פילווערקשטע-לער. אַדאַנק זייער מוסטערהאַפטער אַרבעט האָט זיך די אינדוסטריע אין דער געגנט דערשלאָגן צו באַדײַטנדיקע רעזולטאַטן. באַזונדערס דאַרף מען באַצייכענען די דערפּאָלגרײַכע אַרבעט פון דער בירָאָבידזשאַנער מעלוכישער ניי-פאַבריק, וועלכע האָט פאַר איבערשטײַגן די פּלאַנאָווע צײַגערס באַקו-מען סאָף 1939 יאָר די איבערגייענדיקע רויטע פאָן פונעם שטאָטקאָם אַלקפּ(ב) און פונעם שטאָט-ראַט. גרויסע דערפאָלגן האָבן זיך דערשלאָגן די סטאַכאַנאָווצעס פונעם וועגענער-זאַוואָד, וואָס שטײַגן אַריבער די פּראָדוציר-נאָרמעס.

פון די אינדוסטריעלע אונטערנעמונגען שטייען ניט אָפּ די מאַשינ-טראַקטאָר-סטאַנציעס און די ראַטווירטן, ווו פיל יידישע אַרבעטער זײַנען פאַרנומען אַלס טראַקטאָריסטן, קאָמבײַנערס און אַנדערע.

די אינדוסטריעלע אַרבעטער שטעלן מיט זיך פאָר דעם אַוואַנגאַרד פון דער אַרבעטנדיקער באַפעלקערונג פון דער יידישער אַווטאָנאָמער געגנט און פירן נאָך זיך פאָרויס אַלע איבעריקע אַרבעטנדיקע שיכטן.

* * *

פאַרשטענדלעך, אַז די צאָל יידן סטאַכאַנאָווצעס שעפּט זיך ווײַט ניט אויס מיט די, וואָס געפינען זיך אין דער יידישער אַווטאָנאָמער געגנט. אין אַלע אונטערנעמונגען פון דער סאָציאַליסטישער אינדוסטריע, ווו עס געפינען זיך מער אָדער ווייניקער באַדײַטנדיקע מאַסן יידישע אַרבעטער, האָבן זיי באַגלײַך מיט אַלע איבעריקע אַרבעטער אויסגעטיילט פון זייער סוויווע ענטוזיאַסטן פון סאָציאַליסטישער אַרבעט, שלאָגלערס און סטאַכאַ-נאָווצעס. אין די סאָוועטישע צײַטונגען ווערן גאַנצע אָפּט דערמאָנט אַזעלכע נעמען, ווי אווראָם בלידמאַן, וועלכער האָט באַוויזן אויסגעצייכנטע מוס-טערן פון סאָציאַליסטישער אַרבעטס-פּראָדוקטיווקײַט אויף געביט פון שיפּנ-אָנלאָדונג, פּערלשטיין — א טאָקער פונעם מאָסקווער אַווטאָזאַוואָד אויף סטאַלינס

נאָמענ, וועלכער פלעגט שוינ אינ 1938 יאָר סיסטעמאַטיש אויספילנ זײַנ נאָרמע אפ 300 פּראָצענט; מוישע קאפלאנ — א מאַשיניסט אפ דער אײַזנבאנ, אנ אָרדענטרעגער, סיאָמע ווײַנער — אנ ארבעטער פונ דער אָדעסער 2-טער שוכ-פאבריק אונ פיל-פיל אנדערע.

דער גרויסער אבסאָליוטער וווּקס פונ דער צאָל ארבעטער צווישנ דער ייִדישער נאַציאָנאליטעט; דאָס געשטיגענע ספּעציפישע געוויכט זייערס; זייער מיגראַציע פונ שטעטלעכ אונ שטעט פונעם געוועזענעם „טכום" אינ די צענטראַלע אינדוסטריעלע ראַיאָנענ פונעם ראַטנפאַרבאַנד; דער וווּקס פונ דער צאָל ייִדישע ארבעטער אינ די פירנדיקע צווײַגנ פונ דער סאָציאַליסטישער אינדוסטריע — דאָס אלצ האָט געפאָדערט, אז די נײַע שיכטנ ייִדישע ארבעטער זאָלנ אינ א מאַקסימאַל-קורצנ טערמינ איבערגעקאָכט ווערנ אינעם סאָציאַליסטישנ אינדוסטריעלנ קעסל, זאָלנ זיכ באַפרײַענ פונ אלערליי קליינבירגערלעכע, רעליגיעזע, נאַציאָנאַליסטישע פאָרורטיילנ אונ זאָלנ אָרגאַניש אײַנגעשלאָסנ ווערנ אינ דער אלגעמיינער פילנאַציאָנאַלער ארבעטער-מישפּאָכע. פונ דער צווייטער זײַט, האָט מענ געדאַרפט דורכפירנ א זאָרגזאַמ דורכגעטראַכטע ארבעט צווישנ די רוסישע, אוקראַיִנישע, ווײַסרוסישע אונ אנדערע ארבעטער, קעדיי צו זיכערנ א פרײַנטלעכ צוזאַמענלעבנ צווישנ זיי אונ צווישנ די נײַ-אָנגעקומענע ייִדישע ארבעטער. דאָס איז דערגרייכט געוואָרנ דורכ דער טאָגטעגלעכער אינטערנאַציאָנאַל-דערציִערישער ארבעט, וואָס ווערט געפירט אינ יעדנ זאַוואָד, אינ יעדער פאבריק, שאַכטע, דעפּאָ, אינ יעדנ ראַטווירט.

גופע פאַר דער ייִדישער ארבעטערשאַפט זײַנענ געוועזנ אוועקגעשטעלט גרויסע אונ פאַראַנטוואָרטלעכע אויפגאַבנ. גרויס אונ פאַראַנטוואָרטלעכ זײַנענ זיי סײַ אינ פּראַט פונ דעמ אָנטייל, וואָס די ייִדישע אינדוסטריעלע ארבעטער דאַרפנ נעמענ אינעמ קאַמפּ פאַר דעמ ווײַטערדיקנ וווּקס פונ דער ווירטשאַפט פונ לאַנד, פאַר דעמ ווײַטערדיקנ וווּקס פונ דער סטאַכאַנאָווישער באַוועגונג אינ דער ברייט אונ אינ דער טיפ; סײַ אינ פּראַט פונ דער ראָליע, וואָס זיי זײַנענ באַרופנ צו שפּילנ בענעגייע דער גאַנצער מאַסע ייִדישע ארבעטנדיקע. אינ זײַנער אנ ארויסטרעטונג אינ 1931 יאָר האָט כ' קאַלינינ פאָרמולירט די דאָזיקע צווייטע אויפגאַבע, וואָס שטייט פאַר דער ייִדישער ארבעטערשאַפט, אפ אזא אויפנ: „אפ וויפל דער פּראָלעטאַריאַט איז אנ אינטערנאַציאָנאַלער, אפ וויפל ער ארבעט אינ דער גרויסער אינדוסטריע, אפ אזויפיל באַקומט ער אלגעמיינע שטריכנ — דאָס איז ריכטיק. נאָר פונדעסטוועגנ איז פאַראַנ באַמ פּראָלעטאַריאַט פונ יעטווידער נאַציאָנאַליטעט ניט נאָר אנ אייגענע טעריטאָריע, נאָר אויכ אנ אייגענע שפּראַכ, אייניקע שטייגערישע באַזונדערקײַטנ אאַוו., אונ דאָס איז פאַראַנ אויכ באַ די ייִדישע ארבעטער". דערפונ האָט דער כ' קאַלינינ געמאַכט דעמ אויספיר, אז „אינערלעכ צווישנ דעמ ייִדישנ פאָלק דאַרפ דער

יִדישער פּראָלעטאריאט קעמפן פאר דער לענינישער נאציאָנאלער פּאָליטיק. זײַן אינטערנאציאָנאלע קלאסן-רעוואָליוציאָנערע ראָליע וועט ער אויספילן פעסט און באשטימט צוזאמען מיטן אוקראַינישן פּראָלעטאריאט, מיטן רוסישן פּראָלעטאריאט אאוו. און אָט וואָס פאר א ספּעציפישע רעוואָליוציאָנערע אופגאבע עס פאלט אויס אפן יִדישן פּראָלעטאריאט: מאכן די געוועזענע דערשלאָגענע ארבעטנדיקע יִדן פאר די סאמע איבערגעגעבענע סאָוועטישע בירגער, סאמע געטרײַע זין פונעם סאָציאַליסטישן פּאָטערלאנד".

אלזאָ, פאר פילצאָליקע יִדישע ארבעטער-שיכטן, וואָס זײַנען אָרגאניש פארבונדן מיט דער יִדישער ארבעטנדיקער באפעלקערונג דורך דער שפּראך, שטייגער אדג., איז געשטאנען און שטייט נאָך איצט די אופגאבע אידייִיש צו באווירקן די איבעריקע ארבעטנדיקע שיכטן פון דער יִדישער באפעלקערונג און מיטהעלפן זיי ענדגילטיק זיך באהעפטן צו דער סאָציאַליסטישער בויונג. אויך די דאָזיקע בעקאָוועדיקע אופגאבע פילן די יִדישע ארבעטער אויס אונטערן אָנפיר פון דער קאָמוניסטישער פארטיי מיט ערע און דערפאָלג.

VI. יִידן אין דער געווערב־קאָאָפּעראַציע פֿון פּססר

צום סאָף אופשטעלונגס-פּעריִאָד איז די מאַסע יִידן, וואָס איז געווען באַשעפטיקט אין דער קוסטאַרן-אינדוסטריע, געווען ווײַט ניט קיין אײנהײט־לעכע קאַטעגאָריע. דאָס געוויכט פֿון באַזונדערע סאָציִאַלע שיכטן צווישן אָט דער מאַסע האָט צום סאָף 1926 יאָר אויסגעזען אַזוי:

סאָציִאַלע גרופּעס:	אין %% צום סאַכאַקל
קוסטאַרן יעכידים	50,6
קוסטאַרן, וואָס האָבן געבראַוכט לוין־אַרבעט	7,0
קוסטאַרן, וואָס האָבן אויסגענוצט די הילף פֿון פֿאַמיליע־מיטגלידער	13,9
באַהילפֿיקע פֿאַמיליע־מיטגלידער	10,6
סאַכאַקל יִידן קוסטאַרן	82,1
אַכוץ דעם:	
אַרבעטער און לערנייִנגלעך אין דער קוסטאַרן־אינדוסטריע . .	15,0
אָנגעשטעלטע אין דער קוסטאַרן־אינדוסטריע	2,9
סאַכאַקל יִידן, באַשעפטיקטע אין דער קוסטאַרן־האַנטווערקערשער אינדוסטריע.	100,0

ווי מיר זעען, האָבן נאָך צום סאָף אופשטעלונגס-פּעריִאָד דאָס ערשטע אָרט פֿאַרנומען די קוסטאַרן יעכידים — העכער אַ העלפֿט פֿון דער גאַנצער צאָל; די קוסטאַרן, וואָס האָבן זיך באַנוצט מיט דער הילף פֿון זייערע פֿאַמיליע־מיטגלידער, האָבן צוזאַמען מיט די לעצטע באַטראָפֿן בא אַ פֿערטל פֿון דער גאַנצער צאָל. אַזויאַרום זײַנען בא $^3/_4$ פֿון אַלע יִידן, וואָס זײַנען געווען פֿאַרנומען אין דער קוסטאַרן-אינדוסטריע, באַשטאַנען פֿון פּראָדוצירער, וואָס האָבן געאַרבעט אָן דער הילף פֿון לוין-אַרבעט. דערין האָט זיך אויסגעדריקט די הויפּט-ענדערונג, וואָס איז שוין פֿאָרגעקומען אין באַשטאַנד פֿון דער יִידישער קוסטאַרן-מאַסע צום 1926 יאָר אין פֿאַרגלײַך מיטן פֿאַררעוואָליוציאָנערן פּעריִאָד. און ווירקלעך, די אָנגאַבן, וואָס באַציִען זיך צו רוסלאַנד צום סאָף פֿאָריקן יאָרהונדערט, באַווײַזן, אַז דורכשניטלעך איז אַף יעדע צוויי יִידן באַזיצער פֿון קוסטאַר-וואַרשטאַטן אויסגעקומען צו

איינ לערניינגל אונ איינ געזעל. צו דער צייט אָבער פונ דער ציילונג פונ 1926 יאָר האָבנ די לוינ-ארבעטער (איינגעשלאָסנ די לערניינגלעכ) באטראָפנ צווישנ אלע יידנ, וואָס זיינענ פארנומענ אינ דער קוסטארנ-אינדוסטריע, מער ניט ווי 15% — אָנשטאָט 50% צום סאָפ פאָריקנ יאָרהונדערט.

צו דער צייט פונ דער ציילונג פונ 1926 יאָר איז די געאָגראפישע פאנאנדערטיילונג פונ די יידישע קוסטארנ אונ פונ דער גאנצער יידישער באפעלקערונג איבער די גרונט-טעריטאָריעס פונ פססר געווענ אזא:

טעריטאָריע	% צום סאכאקל: געאָגראפישע פאנאנדערטיילונג פונ דער גאנצער יידישער באפעלקערונג	% צום סאכאקל: געאָגראפישע פאנאנדערטיילונג פונ די יידישע קוסטארנ
אוססר	69,3	70,4
ווססר	17,9	20,0
מאָסקווע	5,8	3,6
לענינגראד	3,7	2,2
סמאָלענסקער גוב.	1,6	2,0
בריאנסקער גוב.	1,7	1,8
סאכאקל	100,0	100,0

עס איז לייכט צו באמערקנ, אז אינ די ערטער פונעמ געוועזענעמ „טכום" איז דער פראָצענט יידישע קוסטארנ געווענ העכער איידער דער פראָצענט פונ דער יידישער באפעלקערונג אינגאנצנ גענומענ. פארקערט, אינ מאָסקווע אונ אינ לענינגראד איז דער פראָצענט יידנ קוסטארנ געווענ באדייטנדיק נידעריקער פונ דעמ פראָצענט יידישע באפעלקערונג. דער דאָזיקער אונטערשייד באווייזט, אז שוינ דאנ — צום סאָפ אופשטעלונגס-פעריאָד — פלעגט די יידישע באפעלקערונג, וואָס איז אריבערגעפאָרנ אויסער דעמ געוועזענעמ „טכום", אריבערגייננ אינ אנדערע ארבעט-צווייגנ — הויפט-זאכלעכ אינ דער מעלוכע-אינדוסטריע, אונ דאָס האָט פארורזאכט א פארקלענערונג פונעמ ספעציפישנ געוויכט פונ דער טראדיציאָנעלער יידישער קוסטארעריי.

א באדייטנדיקע ווירקונג אפ דעמ געוויכט פונ דער יידישער קוסטארנ-מאסע האָט געהאט די גרייס פונ די וווינ-ערטער, ווו ס'האָט זיכ געפונענ די יידישע באפעלקערונג. די ציילונגס-אָנגאבנ פונ 1926 יאָר האָבנ עס באוויזנ אפ פאָלגנדיקנ אופנ:

טעריטאָריע	אין שטעט מיט א באַפעלקערונג פון העכער 100 טויזנט מאַן	אין די איבעריקע שטעט	אין דערפער	אפ דער גאַנצער טעריטאָריע
	% קוסטאַרן צווישן די זעלבסטעטיקע יידן			
אוססר	14,5	22,2	22,7	19,8
ווססר	13,5	23,0	25,8	22,3
מאָסקווע	9,1	—	—	9,1
לענינגראַד	9,2	—	—	9,2
סמאָלענסק. גוב.	—	27,3	24,5	26,2
בריאַנסקער גוב.	—	23,2	19,7	22,0
אפ דער גאַנצער טעריטאָריע	12,6	22,6	23,2	19,1

דאָס ספּעציפישע געוויכט פון די יידישע קוסטאַרן איז העכער אין די קליינע פונקטן און נידעריקער אין די גרויסע. דאָס איז אויך א רעזולטאַט פון די מיגראַציע-פּראָצעסן נאָך דער רעוואָלוציע, וואָס זיינען שוין דאַן באַגלייט געוואָרן מיט א פאַרקלענערונג פונעם קוסטאַרן-געוויכט אין די גרויסע צענטערס אפּן כעזשבן פון דער פאַרגרעסערונג פונעם געוויכט פון די לוין־אַרבעטער. דער גרויסער פּראָצענט יידישע קוסטאַרן אין די דאָרפישע יישובים איז שטאַרק הויפּטזאַכלעך צו די שטעטלעך, וואָס האָבן לויט דער אַדמיניסטראַטיווער ליניע זיך אָנגעהויבן רופן דערפער.

דער פּראָפעסיאָנעלער באַשטאַנד פון די יידישע קוסטאַרן ווערט לויט די אָנגאַבן פון דער ציילונג פון 1926 יאָר כאַראַקטעריזירט אַזוי:

פּראָפעסיאָנעלע גרופּעס	אוססר	ווססר	מאָסקווע	לענינגראַד	סמאָל. גוב.	בריאַנסק. גוב.	סאַכאַקל אַפ דער אָנגעוויז. טעריטאָריע
	אין פּראָצענטן צום סאַכאַקל						
מעטאַליסטן	10,7	11,9	12,6	22,1	13,3	8,3	11,3
באַרד־אַרבעטער	33,6	25,2	35,4	35,0	22,2	31,9	31,7
לעדערניקעס	18,8	26,5	9,1	9,3	23,2	21,3	20,0
האָלץ-באַאַרבעטער	6,8	6,4	2,8	1,0	3,6	2,2	6,3
טעקסטיל- און טריקאָטאַזש-אַרבעטער	5,1	4,3	20,4	8,9	7,3	5,6	5,5
דרוקער און פּאַפּיר־אַרבעטער . .	2,3	1,1	5,6	5,6	1,7	1,5	2,2
שפּייזלער	11,5	14,2	9,5	5,0	17,0	17,4	12,1
בוייער	3,9	6,4	0,5	1,0	3,5	4,6	4,2
אַנדערע	7,3	4,0	4,1	12,1	8,2	7,2	6,7
צוזאַמען	100,0	100,0	100,0	100,0	100,0	100,0	100,0

פון די געבראַכטע אָנגאַבן איז צו זען, אַז העכער א העלפט ייִדישע קוסטארן איז געווען פאַרנומען אלס נאָדל-ארבעטער און לעדערניקעס און קימאט א פינפטל — אלס טריקאָטאַזש-ארבעטער און שפּײַזלער. ווי עס איז אויך צו זען, זײַנען די צײַגערס פון דער פּראָפעסיִאָנעלער סטרוקטור פון די ייִדישע קוסטארן פארשיידענע, אָפּהענגיק פון דער טעריטאָריע. אזוי, האָט זיך מאָסקווע צו יענער צײַט אויסגעצייכנט מיט א גרויסן פּראָצענט נאָדל-ארבעטער און טריקאָטאַזשניקעס און מיט א קליינעם פּראָצענט לעדערניקעס, לענינגראַד — מיט א באַדײַטנדיקן פּראָצענט מעטאַליסטן. אין דעם איבעריקן זײַנען די צײַגערס לויט באַזונדערע טעריטאָריעס געווען מער-ווייניקער די זעלבע.

וואָס אָנבאַלאַנגט דער אינערלעך-רעפּובליקאַנישער פאַנאַנדערטיילונג פון די ייִדישע קוסטארן לויט באַזונדערע פּראָפעסיעס (צו דער צײַט פון דער ציילונג פון 1926 יאָר), זײַנען די הויפּט-געווערבן געווען אַמערסטן פאַרשפּרייט אין פאָלגנדע קרײַזן פון אוקראַיִנע און ווײַסרוסלאַנד (לויט דער אַלטער ראַיאָנירונג):

געווערבן	קרײַזן פון אוססר	קרײַזן פון ווססר
מעטאַל	זאַפּאָראָזשער, אָדעסער, פּרילו-קער, ראָמנער, טשערניגאָווער	אָרשער
באַקליידונג	קאַמענעצער און מאָהילעווער	וויטעבסקער און מאָזירער
לעדער	קאָראָסטענער, כערסאָנער, כאַר-קאָווער און ניקאָלײַעווער	מאָזירער, האָמלער און ווי-טעבסקער
האָלץ-באַאַרבעטונג	קאָראָסטענער, קאַמענעצער און וואָלינער	באָברויסקער און מאָזירער
טריקאָטאַזש-זאָקנמאַכערײַ . . .	פּאָלטאַווער, כאַרקאָווער, אָדע-סער, קיִעווער און לובענער	מינסקער, וויטעבסקער און פּאָלאָצקער

דער אָנטייל פון די ייִדישע פרויען אין דער קוסטאַר-האַנטווערקער-שער אינדוסטריע איז צום סאַך פונעם אופשטעלונגס-פּעריאָד געווען אַן אַמערסטן באַדײַטנדיקער אין די טראַדיציאָנעל-„ייִדישע" צווײַגן: אין דער שנײַדערײַ און אין דעם טעקסטיל-טריקאָטאַזש-געווערב. אין די דאָזיקע צוויי פאַכן האָבן די פרויען אַנטשפּרעכיק באַטראָפן 40 און 38 פּראָצענט פון אַלע ייִדישע קוסטארן. באַדײַטנדיק איז אויך געווען דער פּראָצענט פרויען צווישן די שפּײַזלער (25%) און דרוקער (12%).

באַטרעפנדיק בא א פינפטל פון דער גאַנצער צאָל ייִדישע קוסטארן, האָבן די פרויען צו דער צײַט פון דער ציילונג פון 1926 יאָר זיך קאָנ-צענטרירט הויפּטזאַכלעך אין יענע געווערבן, וואָס האָבן זיך באַזירט אַף דעפיציט רויוואַרג; באַם דעמאָלטיקן נידעריקן גראַד קאָאָפּערירונג האָט עס

באדײַטנדיק פארשוועריקט זייער ארבעט אונ האָט זיכ ניט-גינסטיק אָפגערופנ אפ זייערע פארדינסטנ.

לויטנ עלטער-באשטאנד האָבנ דעמלט צווישנ די יִדישע קוסטארנ פרעוואלירט גרופעס מיט א הויכנ עלטער — דאָס איז אמערסטנ געווענ צו באמערקנ בענעגייע מאנצבלענ.

אינ פארגלײַכ מיט דער פארמילכאָמע-צײַט איז די אבסאָליוטע צאָל יִדישע קוסטארנ אפ דער טעריטאָריע פונ פססר צום סאָפ פונעמ אופשטעלונגס-פעריִאָד געשטיגנ קימאט אפ 25%. אָבער אינ דער פראָפעסיִאָנעלער סטרוקטור זייערער זײַנענ צו יענער צײַט קיינ וועזנטלעכע ענדערונגענ נאָכ ניט פאָרגעקומענ, ווי דאָס איז צו זענ פונ פאָלגנדיקער טאבעלע:

פראָפעסיעס	1898	1926
מעטאליסטנ	11,7	11,3
נאָדל-ארבעטער אונ לעדערניקעס. . .	55,5	49,2
האָלצ-באארבעטער	10,8	6,2
טעקסטילער	2,4	5,1
שפײַזלער	10,0	12,1
בויער	5,9	3,5
אנדערע	3,7	12,6
צוזאמענ	100	100

די גרונט-ענדערונגענ זײַנענ, ווי מיר האָבנ געזענ, פאָרגעקומענ אינ דער סאָציִאלער גלידערונג פונ די קוסטארנ: אינ דער פארהעלטעניש צווישנ דער צאָל ווארשטאט-באזיצער אונ די לוינ-ארבעטער. אָבער אויכ אינ דעמ דאָזיקנ פראט, פונקט ווי אינ פראט פונ דער פראָדוציר-קאָאָפערירונג פונ די יִדישע קוסטארנ, זײַנענ די גרינטלעכסטע ענדערונגענ פאָרגעקומענ שפעטער, אינעמ גאנג פונ דער אלגעמיינער סאָציִאליסטישער בויונג אינ לאנד, אינעמ גאנג פונ דער זיגרײַכער פארווירקלעכונג פונ די סטאלינישע פינפיאָר-פלענער.

* * *

די סאָציִאלע גרופע „קוסטארנ", וואָס האָט ביז דער אָקטיאבער-רעוואָליוציע פארנומענ איינס פונ די ערשטע ערטער אינ דער עקאָנאָמיק פונ דער יִדישער באפעלקערונג, איז אינ מעשעכ פונ די רעוואָליוציע-יאָרנ דורכגעגאנגענ עטלעכע אנטוויקלונג-סטאדיעס.

אינ דעמ אופשטעלונגס-פעריִאָד איז דאָס ארײַנציִענ אינ די קוסטאר-געווערבנ, באגלײַכ מיט דער ערד-אײַנאָרדענונג, געווענ א הויפט-מאָסמיטל

צו פּראָדוקטיוויזירן די דעקלאַסירטע ייִדישע אָרעמשאַפט. אין אָנהייב רע־קאָנסטרוקטיוון פּעריאָד שטײַגט באַדײַטנדיק די צאָל ייִדישע קוסטארן אַדאַנק דער מאַסעווער אַנטשטייונג פון פּראָדוציר־אַרטעלן לויט דער ליניע פון דער געווערב־קאָאָפּעראַציע. שפּעטער, אין פּראָצעס פון רעאַליזירן די צוויי סטאַ־ליניסטע פינפיאָר־פּלענער, האָט זיך די אַבסאָליוטע צאָל און דאָס ספּעציפי־שע געוויכט פון די ייִדישע קוסטארן פאַרקלענערט מאַכמעס דעם, וואָס אַ באַדײַטנדיקער טייל פון זיי איז אַריבער אַרבעטן אין די גרויסע אינדוסט־ריעלע אונטערנעמונגען און אַ געוויסער טייל האָט איבערגעוואַנדערט אויף די ספּעציעל־אויסגעטיילטע ערד־פאָנדן.

צום מאָמענט פון דער ציילונג פון 1939 יאָר האָבן די ייִדישע קוס־טאַרן באַטראָפן אַן ערעך 17 פּראָצענט פון דער גאַנצער ייִדישער זעלבס־טעטיקער באַפעלקערונג — עטוואָס אַ קלענערן פּראָצענט איידער ביז דער רעוואָליוציע. לויט איר סאָציאַלן מעהוס אָבער אונטערשיידט זיך די דאָזיקע גרופּע שטאַרק פון דער פריִערדיקער קוסטאַרישער באַפעלקערונג, אויף וויפל די קוסטאַרן זײַנען איצט אין זייער איבערוועגנדיקן טייל פאַראייניקט אין קאָאָפּעראַטיווע אונטערנעמונגען — אין פּראָדוציר־אַרטעלן און ענלעכע גע־ווערב־קאָאָפּעראַטיווע פאַראייניקונגען.

לויט די ידיעות פונעם געוועזענעם אַלפאַרבאַנדישן קאָאָפּעראַטיוו־גע־ווערבישן ראַט („וסיעקאָפּראָמסאָוועט”) האָט די צאָל ייִדישע קוסטאַרן, וואָס זײַנען פאַראייניקט אין פּראָדוציר־אַרטעלן, דערגרייכט צום 1 יאַנוואַר 1939 יאָר בײַ 122 טויזנט מאַן (איבערן גאַנצן ראַטנפאַרבאַנד); דאָס איז בײַ 80% פון אַלע ייִדישע קוסטאַרן. ווען מיר וועלן זיך דערמאָנען, אַז אין 1926 יאָר זײַנען אין פּראָדוציר־אַרטעלן געווען פאַראייניקט מער ניט ווי 10,5 פּראָ־צענט פון דער גאַנצער צאָל ייִדישע קוסטאַרן, וועלן מיר באַקומען אַ באַגריף, מיט וואָס פאַראַ ריזיקע טעמפּן עס איז פאָרגעקומען די קאָאָפּע־רירונג פונעם ייִדישן קליין־פּראָדוצירער.

די געאָגראַפישע פאַנאַנדערטיילונג פון די ייִדישע אַרטעל־מיטגלידער און זייער געוויכט צווישן דער אַלגעמיינער צאָל קאָאָפּערירטע קוסטאַרן זעען אויס צום 1 יאַנוואַר 1939 יאָר אַזוי:

פאַרבאַנדישע רעפּובליקן	צאָל ייִדן אַרטעל־מיט־גלידער	% צום סאַכאַקל	ספּעציפיש געוויכט צווישן אַלע אַרטעל־מיטגלידער
רספסר	29 848	24,8	2,5
אוססר	70 162	57,8	19,2
ווססר	16 686	13,3	34,8
אַזערבײַדזשאַנישע סססר	1 024	0,8	4,2

פאַרבאַנדישע רעפּובליקנ	צאָל ייִדנ ארטעל־מיט־גלידער	% צומ סאכאקל	ספּעציפיש געוויכט צווישנ אלע ארטעל־מיטגלידער
גרוזינישע ססר	1 492	1,2	6,6
ארמענישע ססר	—	—	—
טורקמענישע ססר	42	0,05	0,1
אוזבעקישע ססר	2 198	1,8	4,4
טאדזשיקישע ססר	153	0,1	3,3
קאזאכישע ססר	153	0,1	0,5
קירגיזישע ססר	38	0,05	0,7
סאכאקל אינ פססר	121 796	100,0	6,9

די פאנאנדערטיילונג פונ די ייִדישע ארטעל־מיטגלידער לויט די פארבאנ־דישע רעפּובליקנ שפּיגלט אָפּ די פּאָרגעקומענע געאָגראפישע איבער־גרופּירונג פונ דער גאנצער ייִדישער באפעלקערונג פונעמ ראטנפארבאנד: די פארקלענערונג פונ איר ספּעציפיש געוויכט אינ אוססר אונ ווססר אפנ כעזשבנ פונ דער פארגרעסערונג פונ איר געוויכט אינ די איבעריקע טיילנ פונעמ ראטנפארבאנד. די זעלביקע איבערגרופּירונג באמערקנ מיר אויכ בענעגייע די ייִדישע קוסטארנ, ווי דאָס איז צו זענ פונ פאָלגנדיקער טאבעלע:

רעפּובליקנ	ייִדנ קוסטארנ אינ 1926 י.	ייִדנ ארטעל־מיטגלידער אינ 1939 י.
אוקראינישע ססר	70,4	57,8
ווייסרוסלענדישע ססר	20,0	13,3
רספסר אונ אנדערע פארב. רעפּובליקנ	9,6	28,9
סאכאקל אינ פססר	100,0	100 0

פונ די אָקאָרשט געבראכטע אָנגאבנ איז צו זענ, אז האגאמ די אב־סאָליוטע מערהייט ייִדישע קוסטארנ געפינט זיכ נאָכ אויכ איצט אפּ אוקראינע, דאָכ האָט זיכ זייער געוויכט אינ דער דאָזיקער רעפּובליק אינ פארגלייכ מיטנ סאָפּ 1926 יאָר שטארק פארקלענערט (קימאט אפּ א זעקסטל); דאָס זעלבע איז פּאָרגעקומענ אינ ווססר. פארקערט, דאָס געוויכט פונ די ייִדישע קוס־טארנ אינ די איבעריקע טיילנ פונעמ ראטנפארבאנד איז געשטיגנ מער ווי אינ דריי מאָל אזויפיל. פארשטענדלעכ, אז אפּ וויפל די קאָאָפּערירטע קוסטארנ זיינענ די איבערוועגנדיקע מערהייט (75—80 פּראָצענט) פונ דער

גאנצער צאָל ייִדישע קוסטארן, קאָנען מיר מאכן דעם אויספיר, אז די געבראכטע רעלאטיווע ציפֿערס זיינען גילטיק בענעגייע אלע ייִדישע קוסטארן.

באַגלײַך מיט דעם האָט זיך אויך דאָס ספעציפישע געוויכט פון די ייִדן צווישן אלע קוסטארן אין אוסער און ווסער באַדײַטנדיק פארקלענערט. צום סאָף 1926 יאָר האָט דער פראָצענט ייִדן צווישן אלע קוסטארן באַטראָפן אפ אוקראַינע 34,8 און אין ווסער 65,7, איצט אנטשפרעכיק — 19,2 און 34,8 פראָצענט. אזא באַדײַטנדיקע פארקלענערונג פונעם געוויכט פון די ייִדישע קוסטארן איז צו דערקלערן דערמיט, וואָס זייער צאָל האָט זיך ביכלאל עטוואָס פארקלענערט, און הויפּטזאכלעך דערמיט, וואָס א באַדײַטנדיקער טייל ייִדישע קוסטארן איז אריבערגעפאָרן אין די ווינ-ערטער פון רספסר. אגעוו, האָט דאָ אויך געווירקט דער פאקט, וואָס פאר דער-מאָנטער צײַט איז אויך באַדײַטנדיק געשטיגן די צאָל ניט-ייִדישע קוסטארן.

די אָנגאבן פון דער אויבן געבראכטער טאבעלע זאָגן איידעס וועגן דעם, אז לויט דער געאָגראפישער פאנאנדערטיילונג פון די ייִדישע קוסטארן שטעלן מיט זיך פאָר א באַדײַטנדיקן אינטערעס מער ניט דרײַ פארבאנדישע רעפובליקן פונעם ראטנפארבאנד: רספסר, אוסער און ווסער, ווו עס געפינט זיך צוזאמען קימאט 96 פראָצענט פון אלע ייִדישע ארטעל-מיטגלידער.

אין רספסר, ווו דער ווּקס פון דער צאָל ייִדישע קוסטארן איז געווען אמערסטן גרויס, זעט אויס די אינערלעכ-רעפובליקאנישע פאנאנדערטיילונג פון זייער קאָאָפערירטן טייל אזוי:

טעריטאָריע	אבסאָלוטע צאָל ייִדן ארטעל-מיטגלידער (צום 1/I 1939 י.)	אין %% צום סאכאקל
מאָסקווער געגנט	7688	25,8
לענינגראדער „	7665	25,7
סמאָלענסקער „	2391	7,7
קרימער אססר	2073	6,7
אָריאָלער געגנט	1920	6,1
ראָסטאָווער „	1094	3,3
באַבאראָווסקער קאנט	854	2,7
קאלינינער געגנט	730	2,5
גאָרקער „	533	1,5
וואָראָניעזשער „	421	1,3
קויבישעווער „	342	1,2
קורסקער „	313	1,1
נאָוואָסיבירסקער „	310	1,0
אנדערע טיילן פון רספסר	3514	13,4
צוזאמען אין רספסר	29 848	100,0

מיר האָבן געבראכט א רעשימע פון יענע אדמיניסטראטיווע איינסן, ווו עס געפינט זיך ניט ווייניקער פון 1 פּראָצענט פון דער גאנצער צאָל יִדישע ארטעל-מיטגלידער אין רספסר. אין דער גרופּע „אנדערע טיילן" זײַנען אײַנגעשלאָסן נאָך 29 איינסן, וואָס אין יעדערן פון זיי געפינט זיך א גאָר אומבאַדײַטנדיקע צאָל יִדן קאָאָפּערירטע קוסטארן. אזויארום זעען מיר א גוואלדיקע דעצענטראליזירונג פון דער יִדישער קוסטארן-מאסע אין רספסר: האגאם די אבסאָליוטע מערהייט זייערע איז קאָנצענטרירט אין מאָסקווער און לענינגראדער געגנטן, געפינט זיך אָבער קימאט א העלפט אין אנדערע טיילן פון רספסר, אזוי, אז איצט זײַנען קימאט ניט בענימצע אזעלכע אדמיניסטראטיוו-טעריטאָריעלע איינסן, ווו עס זאָלן זיך ניט געפינען — זאָל זײַן אין זייער א קליינער צאָל — יִדישע קוסטארן, פאריייניקט אין דער געווערב-קאָאָפּערציע.

מיר קאָנען אָנמערקן א געוויסן צוזאמענהאנג צווישן דער געאָגראפישער פאנאנדערטיילונג פון די יִדישע קוסטארן און דער יִדישער איבערוואנדערונג. מיט דעם איז צו דערקלערן דעם היפּשן פּראָצענט יִדישע ארטעל-מיטגלידער אין דער קרימער אסער און אין כאבאראָווסקער קאנט. וואָס אָנבאלאנגט סמאָלענסקער, אָריאָלער און קאלינינער געגנטן, איז דאָרט די גרייס פונעם קוסטארן-געוויכט צו דערקלערן מיט דער אָנוועזנהייט פון א באַדײַטנדיקער יִדישער באפעלקערונג, וואָס געפינט זיך פון לאנג אָן אפ דער טעריטאָריע פון דער געוועזענער מײַרעוו-געגנט (לויט דער נײַער ראיאָנירונג זײַנען געוויסע טיילן פון דער מײַרעוו-געגנט אָפּגעגאנגען צו די דערמאָנטע געגנטן).

מיר גייען איצט אריבער צו די רעלאטיווע ציפערס, וואָס כאראקטעריזירן דאָס יִדן-געוויכט צווישן אלע ארטעל-מיטגלידער פון דער געווערב-קאָאָפּעראציע לויט באזונדערע אדמיניסטראטיוו-טעריטאָריעלע איינסן פון רספסר:

טעריטאָריע	יִדן-געוויכט אין די געווערב-ארטעלן (צום 1 יאנואר 1939 י.)	טעריטאָריע	יִדן-געוויכט אין די געווערב-ארטעלן (צום 1 יאנואר 1939 י.)
רספסר אינגאנצן	2,5	אָריאָלער געגנט . . .	4,4
דערין:		אירקוטסקער „ . .	4,2
כאבאראָווסקער קאנט	16,7	טשעטשענע-אינגוש. אסער .	3,8
קרימער אסער	13,6	בוריאט-מאָנגאָלישע „ . .	3,6
סמאָלענסקער געגנט	12,5	ראָסטאָווער געגנט . . .	3,4
לענינגראדער „	6,3	קאבארדא-באלקארישע אסער	3,3

טעריטאָריע	ייִדנ-געוויכט אינ די גע-ווערב-ארטעלנ (צומ 1 יאנואר 1939 י.)	טעריטאָריע	ייִדנ-געוויכט אינ די גע-ווערב-ארטעלנ (צומ 1 יאנואר 1939 י.)
מאָסקווער געגנט	3,2	קאַלינינער געגנט . .	1,7
וואָראָניעזשער „	2,2	קורסקער „ . . .	1,7
דאַגעסטאַנער אסםר . . .	2,2	פערמער „ . . .	1,6
קראַסנאָיאַרסקער קאַנט . .	2,1	טשיטאַער „ . . .	1,6
קויבישעווער געגנט . . .	2,0	סטאַלינגראַדער „ . . .	1,4
אָמסקער „	2,0	טולער „ . . .	1,3
פרימאָריער קאַנט	1,8	באַשקירישע אסםר . . .	1,2
סווערדלאָווסקער געגנט . .	1,8	אָרדזשאָניקידזער קאַנט .	1,0

פונ אָט דער טאַבעלע זעענ מיר, אז אינ פיל טיילנ פונ רספסר, וואָס פארמאָגנ א ניט-באַדייטנדיקע אבסאָליוטע צאָל ייִדישע קאָאָפּערירטע קוס-טארנ, איז דאָס ייִדנ-געוויכט צווישנ אלע ארטעל-מיטגלידער א גאַנצ באַ-מערקבארס.

דער דורכ אונדז דערמאָנטער צוזאמענהאנג צווישנ דעמ ייִדנ-געוויכט אינ דער געווערב-קאָאָפּעראַציע אונ דער ייִדישער איבערוואַנדערונג זעט זיכ אָנ אינ אונדזער טאַבעלע נאָכ בולטער. אינדערעמעסנ, אינ כאַבאַראָווסקער קאַנט, ווו עס געפינט זיכ ניט מער, ווי 2,7 פּראָצענט פונ אלע ייִדישע ארטעל-מיטגלידער פונ רספסר, באַטרעפט דאָס ייִדנ-געוויכט אינ דער גע-ווערב-קאָאָפּעראַציע 16,7 פּראָצענט; אזא באַדייטנדיקער צייַגער באַקומט זיכ ווארשיינלעכ אפנ כעזשבנ פונ דער ייִדישער אווטאָנאָמער געגנט, ווו די ייִדישע איבערוואַנדערער זייַנענ געווענ די פּיאָנערנ פונ די דאָרטיקע גע-ווערב-קאָאָפּעראַטיווע אונטערנעמונגענ. דאָס זעלביקע איז אויכ גילטיק בע-נעגייע דער קרימער אסםר, ווו די דערמאָנטע צוויי צייַגערס באַטרעפנ אנטשפּרעכיק 6,7 אונ 13,6 פּראָצענט.

ספּעציעל בענעגייע דער ייִדישער אווטאָנאָמער געגנט איז נייטיק אָנ-צוווייַזנ, אז די געווערב-קאָאָפּעראַציע פארמאָגט דאָרט בא 35 פּראָדוציר-אונטערנעמונגענ. דער קאָאָפּעראַטיוו-געווערבישער זאוואָד „ביראָבידזשאַנער מארמאָר" אינ ביראַקאַנ, די ביראַקאַנער ארטעלנ פאר קאַלכ- אונ סמאָלע-אויסארבעטונג, די ביראָבידזשאַנער מעבל-פאַבריק אפנ נאָמענ פונ די-מיטראָוו, דער ביראָבידזשאַנער ציגל-ארטעל, דער ביראָבידזשאַנער פילפאַכיקער ארטעל „מעטאַליסט", די קאָאָפּעראַטיוו-געווערבישע פאַבריק באַר מעבל-אויס-ארבעטונג אינ נאָוואָ-וואָלאָטשייַעווקע, דער פילפאַכיקער קאָאָפּעראַטיוו-גע-ווערבישער ארטעל אינ סמידאָוויטש — די דאָזיקע אלע אונ פיל אנדערע

געווערב-ארטעלן כאפּן ארום א באַדײַטנדיקע צאָל איבערוואַנדערער, וואָס ארבעטן דאָרט אלס קאָאָפּערירטע קוסטארן. אכוץ דעם איז אין דער געגנט א געוויסע צאָל יידישע איבערוואַנדערער פארנומענע אין די אונטערנעמונגען פון דער וואלד-געווערבישער קאָאָפּעראַציע, ווי צום בײַשפּיל: אין קימקאנער ארטעל אפּן נאָמען פון סמידאָוויטש (צוגרייטונג פון בוי-מאַטעריאַלן), אין בירעבידזשאנער פאניער-זאַוואָד און דאָסגלײַכן.

* * *

די באריכט-אָנגאבן פונעם געוו. אלפאַרבאַנדישן קאָאָפּעראַטיוו-געווערבישן ראַט גיבן אונדז, צום באַדויערן, ניט קיין יעדיִעס וועגן דעם פּראָפעסיאָנעלן באַשטאַנד פון די ארטעל-מיטגלידער לויט זייער נאַציאָנאַליטעט-אָנגעהעריקײַט. א פאָרשטעלונג וועגן דעם בענעגייע די יידן קאָאָפּערירטע קוסטארן האָבן מיר געקאָנט באַקומען נאָר דורך אויסנוצן די מאַטעריאַלן פון די ספּעציעלע אָפּקלײַב-אויספאָרשונגען, וואָס מיר האָבן דורכגעפירט. אלס אָביעקט פאַר אזא אויספאָרשונג האָבן מיר אָפּגעקליבן 88 געווערב-ארטעלן, וועלכע געפינען זיך אין די פאָלגנדיקע שטעט און שטעטלעך:

אוססר

בערדיטשעוו — 5 ארטעלן; וויניצע — 2; זשיטאָמיר — 8; קאַמענעץ — 4; אומאַן — 6; דעראַזשנע — 1; זווענינאָראָדקע — 3; זאָלאָטאָנאָשע — 2; קאַגאַנאָוויטש (געוו. כאבנע) — 1; קאָראָסטישעוו — 1; לעטיטשעוו — 1; ליטין — 1; מעדזשיבאָזש — 2; פּערעיאַסלאָוו — 1; פּאָלאָנע — 1; רוזשין — 1; סמילע — 3; סקווירע — 3; שפּאָלע — 1.

ווססר

באָברויסק — 8 ארטעלן; סלוצק — 4; הלוסק — 3; דריסע — 3; קאָסטיוקאָוויטשי — 2; קראַסנאָפּאָליע — 3; נאַראָווליע — 2; אָזאַריטשי — 1; אָסווייע — 2; סענע — 3; טוראָוו — 2; אוזדע — 2; טשעכוווענ — 2; טשאוסי — 3; טשאַשניקי — 1.

פון דער געבראַכטער רעשימע איז צו זען, אז די אָפּגעקליבענע שטעט און שטעטלעך זײַנען עכט טיפּיש פאַר די ערטער, אין וועלכע עס זײַנען קאָנצענטרירט באַדײַטנדיקע מאַסן יידישע באַפעלקערונג. די שטעט און שטעטלעך פון אוקראַינע געהערן צו קיִעווער און וויניצער געגנטן (לויט דער אַדמיניסטראַטיוו-טעריטאָריעלער טיילונג פאַרן 1937); די דערמאָנטע שטעט און שטעטלעך פון ווײַסרוסלאַנד רעפּרעזענטירן קימאַט אַלע געוועזענע קרײַזן פון דער דאָזיקער רעפּובליק.

לויט דעמ יִדנ-געוויכט אינ זייער גאנצנ מיטגלידער-באשטאנד, ווערנ די אָפּגעקליבענע ארטעלנ פאנאנדערגעטיילט אפ אזא אויפנ:

פונ	50	ביז	60	פראָצ —	10	ארטעלנ
„	60	„	70	„ —	13	„
„	70	„	80	„ —	8	„
„	80	„	90	„ —	19	„
„	90	„	100	„ —	29	„

פונ די 88 אָפּגעקליבענע ארטעלנ האָבנ 9 ארטעלנ ניט אָנגעוויזנ דאָס יִדנ-געוויכט צווישנ זייערע מיטגלידער; אינ דער מערהײַט פונ די איבעריקע ארטעלנ באטרעפט דאָס דאָזיקע געוויכט — 80—100 פראָצענט. אזעלכע ארטעלנ, ווו דאָס יִדנ-געוויכט זאָל באטרעפנ ווייניקער פונ א העלפט, זײַנענ צווישנ די אָפּגעקליבענע ארטעלנ ניטאָ.

די אלע אָפּגעקליבענע ארטעלנ האָבנ פאראייניקט צומ 1 יאנואר 1937 יאָר 7055 מיטגלידער. אינ 84 ארטעלנ, וועלכע האָבנ געגעבנ מיקויעכ דעמ יעדיִעס, האָט זיכ די צאָל מיטגלידער אינ פארגלײַכ מיטנ 1934/35 יאָר פארגרעסערט אפ 32,5 פראָצענט. לויט דער באשעפטיקונג פונ די מיטגלידער ווערנ די ארטעלנ פאנאנדערגעטיילט אפ אזא אויפנ:

נאָדל-ארבעטער	— 21	ארטעלנ	מיט א	צאָל	מיטגלידער	1798,	אָדער	25,5	פראָצ.
שוסטער אונ לעדערניקעס	— 14	„	„	„	„	985,	„	13,8	„
שפּײַזלער	— 14	„	„	„	„	883,	„	12,5	„
מעטאל-ארבעטער	— 7	„	„	„	„	866,	„	12,3	„
טעקסטיל-ארבעטער	— 8	„	„	„	„	834,	„	11,8	„
כימיקער	— 7	„	„	„	„	269,	„	3,8	„
פילפאכיקע	— 6	„	„	„	„	721,	„	10,2	„
טראנספּאָרטלער	— 7	„	„	„	„	483,	„	6,9	„
בויער	— 1	„	„	„	„	12,	„	0,2	„
אוטיל-באארבעטער אונ אנדערע	— 3	„	„	„	„	204,	„	3,0	„
סאכאקל .	88					7055		100	פראָצ.

די ארטעל-מיטגלידער זײַנענ דאָ פארטראָטנ פארהעלטניסמעסיק אינ א גרויסער צאָל ארבעט-צווײַגנ. דאָס ערשטע אָרט (העכער א פערטל) פארנעמענ די נאָדל-ארבעטער, דאָס צווייטע אָרט — די שוסטער אונ לעדערניקעס, נאָכדעמ גייענ די שפּײַזלער, טעקסטיל- אונ טריקאָטאזש-ארבעטער אא. די אזויגערופענע פילפאכיקע ארטעלנ, וואָס פאראייניקנ העכער א צענטל פונ אלע דיסקאָנטירטע ארטעל-מיטגלידער, באשטייענ אינ זייער איבערוועגנדיקער מערהײַט פונ נאָדל-ארבעטער, שוסטער, לעדערניקעס אונ טעקסטיל-ארבעטער.

עס איז אינטערעסאַנט צו פאַרגלײַכן די געבראַכטע אָנגאַבן מיט די ײדיעס, וואָס כאַראַקטעריזירן די פּראָפעסיאָנעלע סטרוקטור פון די ייִדישע קוסטאַרן פון אוסטר און ווסטר צו דער צײַט פון דער אַלפאַרבאַנדישער פּאָלקס-ציילונג פון 1926 יאָר:

באַשעפטיקונג	1926 י. (ייִדישע קוסטאַרן)		1937 י. (דיס-קאָנטירטע אַר-טעל-מיטגלידער)
	אוסטר	ווסטר	
	אין פּראָצענטן צום סאַכאַקל		
באַדל-אַרבעטער	33,6	25,2	31,1 [1]
שוסטער און לעדערניקעס	18,8	26,5	16,2
שפּײַזלער	11,5	14,2	12,1
מעטאַל-אַרבעטער	10,7	11,9	12,6
טעקסטיל- און טריקאָטאַזש-אַרבעטער	5,1	4,3	13,9
כימיקער	—	—	3,9
בויער	3,9	6,4	0,2
אַנדערע	16,4	11,5	10,0
סאַכאַקל	100,0	100,0	100,0

פון די געבראַכטע אָנגאַבן זעען מיר, אַז פאַרן אַנאַליזירטן צײַט-אָפּשניט האָבן זיך די הויפּט-ענדערונגען אינעם פּראָפעסיאָנעלן צוזאַמענשטעל פון די ייִדישע קוסטאַרן אויסגעדריקט אין אַ באַדײַטנדיקער פאַרגרעסערונג פונעם געוויכט פון די טעקסטיל- און טריקאָטאַזש-אַרבעטער און כימיקער (כימיקער זײַנען פריִער צווישן די ייִדישע קוסטאַרן קלאָל ניט געווען בע-נימצע און באַטראָפן איצט צווישן די דיסקאָנטירטע אַרטעל-מיטגלידער קימאַט 4 פּראָצענט). די באַדײַטנדיקע פאַרקלענערונג פונעם געוויכט פון די בויער דערקלערט זיך דערמיט, וואָס די דאָזיקע פּראָפעסיאָנעלע גרופּע איז אין איר איבערוועגנדיקער מערהײַט אַריבער אַף גרויס-אינדוסטריעלער אַר-בעט. דערמיט איז צו דערקלערן אויך די פאַרקלענערונג פונעם געוויכט פון דער גרופּע „אַנדערע”. די דאָזיקע פאַרקלענערונג איז הויפּטזאַכלעך פּאָרגעקומען אַפן כעזשבן פון די דרוקער און פּאַפּיר-אַרבעטער, וואָס זײַנען אַלע איבערגעגאַנגען פון דער קוסטאַר-אינדוסטריע אין גרויסע מע-לוכע-אונטערנעמונגען.

1 דער טײלוויַזער אונטערשייד פון די דאָזיקע אָנגאַבן אין פאַרגלײַך מיט די פריִער געבראַכטע דערקלערט זיך דערמיט, וואָס מיר האָבן דאָ פאַנאַנדערגעטיילט די פּילפּאַכיקע אַרטעלן לויט זייערע באַשטאַנד-פּאַכן.

וואָס אָנבאלאנגט די פיר הויפּט-גרופּעס: נאָדל-ארבעטער, שוכטער אונ לעדערניקעס, שפּײַזלער אונ מעטאל-ארבעטער, איז אינ זייער געוויכט פאר די צענ יאָר קימאט ניט פאָרגעקומענ קיינ שום ענדערונג. מע דארפ באטאָנענ, אז אינ היגזיכט פונ אויסזוכנ נײַע געווערבנ, וואָס זאָלנ ארבעטנ אפ אָרטיקנ רוישטאָפ, אינ די שטעט אונ שטעטלעך פונ אוססר אונ ווססר, ווו עס געפינט זיך די גרעסטע מערהײַט קאָאָפּערירטע יידישע קוסטארנ, שטייט נאָך פאָר זייער א סאך אופצוטאָנ. די באשטימונג פונ ראטפאָלקאָם פונ פססר אונ פונעם צק אלקפּ(ב) פונ 9 יאנוואר 1941 יאָר „וועגנ די מאָס-מיטלענ צו פארגרעסערנ די פּראָדוקציע פונ סכוירעס פונ ברייטנ געברויך אונ דערנערונגס-מיטלענ פונ אָרטיקנ רויוואַרג" וועט באדײַטנדיק סטימולירנ דערצו.

בענעגייע רספסר גיבנ אונדז די מאטעריאלנ פונעם געוו. אלפּארבאנ-דישנ געווערב-ראט א פאָרשטעלונג נאָר וועגנ דער גרייס פונ דער מעטאל-גרופּע. די איבעריקע צאָל יידנ ארטעל-מיטגלידער איז ניט דיפערענצירט לויטנ פּראָפעסיאָנעלנ סימענ. צום 1 יאנוואר 1939 יאָר איז אינ דער גאנצער רספסר געווענ דיסקאָנטירט אינ די ארטעלנ פונעם מעטאל-פארבאנד 4072 יידנ, וואָס באטרעפנ 13,6 פּראָצענט פונ אלע יידישע קאָאָפּערירטע קוסטארנ אינ רספסר. העכער 60 פּראָצענט פונ דער דערמאָנטער צאָל יידנ מיטגלידער פונ די מעטאל-ארטעלנ געפינענ זיך אינ לענינגראדער אונ מאָסקווער געגנטנ, דעריקער — אינ דער ערשטער, בא 10 פּראָצענט — אינ קרימער אססר. די איבעריקע 30 פּראָצענט זײַנענ צעשפּליטערט איבער די אנדערע אדמיניסטראטיוו-טעריטאָריעלע איינסנ פונ רכפסר.

די יידישע קוסטארנ, וועלכע האָבנ מיט זיך פאָרגעשטעלט לויט זייער ספּעציפישנ געוויכט אונ סאָציאלער באדײַטונג איינע פונ די וויכטיקסטע סאָציאלע גרופּנ אינ דער יידישער באפעלקערונג, זײַנענ באגלײַך מיט די איבעריקע ארבעטנדיקע טיילנ פונעם סאָוועטישנ יידנטום געקומענ בא דער ראטנמאכט צו א גליקלעכ, פארמעגלעכ אונ קולטורעל לעבנ. דער ריכטיקסטער וועג דערצו אינ די באדינגונגענ פונ דער סאָציאליסטישער ווירטשאפט איז געלעגנ דורכ דער פּראָדוציר-קאָאָפּערירונג. די אלע אויבנ געבראכטע צײַגערס באווײַזנ דעם גראד פונ דער דאָזיקער קאָאָפּערירונג צווישנ די יידישע קוסטארנ אונ איר ריכטונג.

VII. ייִדנ אינ דער סאָציִאַליסטישער לאַנדווירטשאַפט

די גרויסע סאָציִאַליסטישע אָקטיאַבער-רעוואָליוציע האָט פארניכטעט אלע מעכיצעס, וועלכע דער צארישער רעזשים האָט אפ א קינסטלעכנ אויפנ געשאפנ צווישנ די ארבעטנדיקע פונ פארשיידענע נאציִאָנאַליטעטנ. אינ רעזולטאט פונ דער קאָנסעקווענט דורכגעפירטער לעניניש-סטאַלינישער נאציִאָנאלער פּאָליטיק זײַנענ פארניכטעט געוואָרנ אלע עלעמענטנ פונ נא-ציִאָנאלער אונטערדריקונג אונ רעכטלאָזיקײַט. עס איז אבסאָליוט ליקווי-דירט געוואָרנ דער „טכום”, וועלכער האָט, ווי מיר האָבנ געזענ, פּאָרגע-שטעלט מיט זיכ דעמ ווינקלשטיינ פונ דער סאָציִאלער אונ עקאָנאָמישער באַדנלאָזיקײַט פונ די ייִדישע מאסנ. די ארבעטנדיקע ייִדנ האָבנ באקומענ די ברייטסטע מעגלעכקײַט ארײַנצוטרעטנ אינ די רייענ פונ די פאבריק-זאוואָדישע ארבעטער אונ מעלוכע-אָנגעשטעלטע, צו אָרגאניזירנ זיכ אינ קוסטאר-ארטעלנ אונ אויכ אריבערצוגיינ צו ערדארבעט.

עס איז גאנצ פארשטענדלעכ, אז דער אריבערגאנג פונ פילצאָליקע ייִדישע מאסנ צו פּראָדוקטיווער ארבעט, פונ מאסנ, וועלכע האָבנ צו דער דאָזיקער צײַט דורכגעמאכט א דויערנדיקנ וועג פונ עקאָנאָמישער אנטוויק-לונג אפ א קליינבירגערלעכער באזע פונ אינדיווידועלער קוסטארערײַ אונ פּריוואטנ האנדל, איז געווענ ווײַט ניט קיינ גרינגע זאכ. צומ סאָפּ ביר-גערקריג איז דער פּראָלעטאריאט געווענ הויפּטזאכלעכ פארנומענ מיט ליק-ווידירנ די פילצאָליקע פראָנטנ, אזוי אז די פראגנ פונ פרידלעכער סאָציִא-ליסטישער בויונג האָט ער נאָכ ניט געקאָנט שענקענ די נייטיקע אופמערק-זאמקײַט. די פאבריקנ אונ זאוואָדנ האָבנ נאָכ דאנ ארויסגעשטעלט א גאנצ באגרענעצטנ נאָכפרעג אפ ארבעטקראפט, אזוי אז דער פּראָצעס פונ אויסבילדונג אונ וווקס פונ א צאָלרײַכער ייִדישער אינדוסטריעלער אר-בעטערשאפט, וועלכער האָט שפּעטער — אינעמ רעקאָנסטרוקציע-פעריִאָד פונ דער פאָלקסווירטשאפט — אָנגענומענ אזא גרויסנ פארנעמ, האָט זיכ נאָכ געפונענ אינ דעמ סאמע אָנפאנגלעכנ צושטאנד. א גאנצ קנאפּער איז דאנ געווענ אויכ דער עקאָנאָמישער באָדנ, אפ וועלכנ עס האָט געקאָנט פּאָר-קומענ די קאָאָפּערירונג פונ די קוסטאר-האנטווערקערשע שיכטנ פונ דער

באפעלקערונג. אזויארום איז אין די באדינגונגען פון יענער צייט דער אמערסטן צוועקמעסיקער וועג צו פראָדוקטיוויזירן די יידישע אָרעמשאפט געווען דאָס איינאָרדענען זי אפ ערד. אפ דעם אָנגעוויזענעם וועג האָט זיך טאקע געשטעלט א באדייטנדיקער טייל פון דער יידישער באפעלקערונג; צווערשט — אפ א סטיכישן אויפן, און שפעטער, הויפטזאכלעך — בא דער אקטיווער סטימולירונג און רעגולירונג מיצאד די אָרגאנען פון דער ראטנ-מאכט.

אפן וועג צום אריבערפירן די יידישע מאסן אפ ערדארבעט זיינען גע-לעגן פילצאָליקע שטערונגען. די דאָזיקע שטערונגען זיינען אין פעריאָד פונעם מיליטערישן קאָמוניזם געווען פארורזאכט ניט נאָר דורך דער גע-שיכטלעך אויסגעבילדעטער אומנאָרמאלער סאָציאַלער סטרוקטור פון דער יידישער באפעלקערונג, נאָר אויך דורך יענע אויסערסט פארשארפטע פאָר-מען, וועלכע עס האָט אָנגענומען דער בירגערקריג אין די ערטער, ווו עס זיינען געווען קאָנצענטרירט באדייטנדיקע מאסן יידישע באפעלקערונג. ס'איז באוווסט, אז די קאָנטררעוואָליוציאָנערע באנדעס און די „רעגולערע" ווייסע ארמייען האָבן באצייכנט זיי זייערע צייטווייליקע ניצכוינעס, אזוי אויך און באזונדערס זייער איילנקן צוריקמארש פון אוקראינע און ווייסרוס-לאנד מיט פילצאָליקע פאָגראָמען. פון די דאָזיקע בלוטיקע געשעענישן האָבן שטארק געליטן אויך די יידישע ערדארבעטערשע יישוווים סיי אין די ערטער, ווו עס האָבן זיך געפונען די אלטע קאָלאָניעס, אזוי אויך אין די ביישטעטלדיקע ווירטשאפטן, וואָס האָבן זיך פריער געהאט אָרגאניזירט אינעם רעכטברעגיקן טייל פון אוקראינע. צוויי יידישע קאָלאָניעס פון יע-קאטערינאָסלאווער גובערניע — טרודאָליובאָווקע און נעטשאיעווקע — זיינען פארברענט געוואָרן ביזן גרונט און זיינען אָפגעמעקט געוואָרן פון דער ערד. דאָס זעלבע די קאָלאָניע „פינפטער נומער" אין זאפאָראָזשער אויעזד. עס זיינען אויך צעגראָמירט געוואָרן די קאָלאָניעס פון כערסאָנער ראיאָן (נייפאָלטאווקע, דאָבראָיע אא.). דער זעלבער גורל איז אויסגעפאלן אפ א טייל ערדארבעטערשע יישוווים (קופישטשע, קאָזלאָוויטשי אא.) פון ווייסרוסלאנד. פארשטענדלעך, אז די דאָזיקע אלע געשעענישן האָבן גע-בראכט צו א שטארקן פארלוסט אויך פון יענער לאנדווירטשאפטלעכער בא-פעלקערונג, וועלכע איז געבליבן לעבן, נאָר איז אנטלאָפן אין די גרעסע-רע שטאָטישע יישוווים.

אזויארום איז די יידישע איבערוואנדערונג אפ דורכויסיקע ערד-פאָנדן פאקטיש געווען א לאכלוטן ניי מאָסמיטל, שוין אָפגערעדט דערפון, אז דער פארנעם איר קאָן ניט גיין אין קיין שום פארגלייך מיט יענע נע-בעכדיקע רעזולטאטן, וועלכע זי האָט דערגרייכט אינעם פאררעוואָליוציאָ-נערן פעריאָד אין פארלויף פון העכער הונדערט יאָר.

* * *

צו דער צײַט פון דער ציילונג פון 1926 יאָר זײַנען די יִדישע פויערים, באַגלײַכט מיט אַלע פויערים פונעם לאַנד, באַשטאַנען פון פאַרשיידענע סאָציִאַלע גרופּעס. די סאָציִאַלע סטרוקטור פון דער יִדישער באַפעלקערונג, וואָס איז דאַן געווען פאַרנומען אין דער לאַנדווירטשאַפט, איז געווען אַזאַ:

סאָציִאַלע קאַטעגאָריעס צווישן די יִדישע פויערים (1926 י.)	אין % צום סאַכאַקל
פויערים, וואָס האָבן געברויכט לוין-אַרבעט	3,2
פויערים, וואָס האָבן געאַרבעט מיט דער הילף פון פאַמיליע-מיטגלידער	30,7
יעכידים	4,0
פאַמיליע-מיטגלידער, וואָס האָבן געהאָלפן אין דער ווירטשאַפט	56,0
סאַכאַקל פויערים	93,9
אַכוץ דעם, פאַרנומענע אין דער לאַנדווירטשאַפט:	
אַרבעטער	2,4
אָנגעשטעלטע	3,7
סאַכאַקל יִדן אין דער לאַנדווירטשאַפט . . .	100,0

צווישן דעם גאַנצן יִדישן פויערטום האָבן דאַן די איבערוואָג געהאַט די העלפנדיקע פאַמיליע-מיטגלידער און די פויערים, וואָס האָבן אויסגענוצט אין זייערע ווירטשאַפטן די הילף פון זייערע פאַמיליע-מיטגלידער; די לאַנדווירטשאַפט, וואָס האָט זיך באַזירט אויף פאַמיליען-אַרבעט, האָט אַזויאַרום אַרומגעכאַפּט בערך 90 פּראָצענט פון דער גאַנצער צאָל יִדישע פויערים. פויערים, וואָס האָבן באַנוצט לוין-אַרבעט, האָבן באַטראָפן אַ קנאַפּע צאָל, אָבער דאָך זײַנען נאָך אַזוינע געווען.

אין דער אויבן געבראַכטער טאַבעלע זײַנען דיסקאָנטירט געוואָרן בלויז די זעלבסטעטיקע פויערים און די קעסטקינדער.

וואָס אָנבאַלאַנגט דער גאַנצער צאָל יִדישע באַפעלקערונג, וועלכע האָט געלעבט פון לאַנדווירטשאַפט (די צאָל זעלבסטעטיקע מיט קעסטקינדער צוזאַמען), האָט זי זיך צום סאָף 1926 יאָר פאַרגרעסערט לעגאַבע דעם פאַררעוואָליוציִאָנערן פּעריִאָד קימאַט אויף 130 פּראָצענט. דאָס ספּעציפישע געוויכט פון די פויערים צווישן דער גאַנצער זעלבסטעטיקער יִדישער באַפעלקערונג איז פאַר דער זעלביקער צײַט געשטיגן אין ערעך אין $3^{1}/_{2}$ מאָל.

צו דער צײַט פון דער ציילונג פון 1926 יאָר האָבן די פויערים אויס-

געמאכט בא 9 פּראָצענט פון דער יידישער זעלבסטעטיקער באפעלקערונג פון פּסקר. דער דאָזיקער צײַגער איז געווײנלעך גרעסער געווען אין די דערפער, ווו ער האָט באטראָפן בא 40 פּראָצענט, און אפּ א סאך קלענער אין די שטעט און שטעטלעך, ווו ער האָט באטראָפן בא 3,5%. מיר זעען, אזויארום, אז אפילע אין די דערפער גופע האָבן זיך ווײַט ניט אלע יידישע אײַנוווינער פארנומען מיט לאנדווירטשאפט, צו יענער צײַט האָט זיך נאָך א באדײַטנדיקע צאָל יידישע דאָרפסלײַט פארנומען מיט קוסטארערײַ און מיט האנדל.

לויטן געוויכט פון די פויערים צווישן דער זעלבסטעטיקער יידישער באפעלקערונג, האָט זיך צו דער צײַט פון דער ציילונג פון 1926 יאָר געפונען אפן ערשטן אָרט די ווײַסרוסלענדישע סםר: דאָרט איז אין די דערפער געווען דאן פארנומען מיט ערדארבעט בא א העלפט פון דער זעלבסטעטיקער יידישער באפעלקערונג, און אין די קליינע שטעט — בא 4,5%; דער איבערוועגנדיקער טייל פון די יידישע פויערים איז דאָרט געווען פארנומען אין די בײַשטעטלדיקע ווירטשאפטן. א גרעהעכערט פויערים־געוויכט האָט באוויזן אויך די שכיינעסדיקע מיט ווםםר געוו. סמאָלענסקער גובערניע אין רםפםר. אוםםר, אין וועלכער עס האָט זיך געפונען די אבסאָליוטע מערהײַט יידישע פויערים, האָט לויטן פויערים־געוויכט צווישן די זעלבסטעטיקע יידן דאָך פארנומען דאָס צווייטע אָרט; דאָס איז צו דערקלערן דערמיט, וואָס אין אוםםר האָט זיך געפונען א פיל גרעסערע אייִדער אין ווםםר צאָל יידישע ארבעטער און אָנגעשטעלטע.

ווי באוווסט, שליסט אײַן די פויערשע באפעלקערונג, דערינ אויך די יידישע, אין באשטאנד פון איר זעלבסטעטיקן טייל א באדײַטנדיקע צאָל פרויען. צום סאָף 1926 יאָר באטרעפן די פרויען צווישן די יידישע פויערים 45,7% אין אוםםר, 47,2% אין ווםםר, 40,7% — אין דער געוו. סמאָלענסקער גובערניע און 47% אין דער געוו. בריאנסקער גובערניע. אזויארום איז צו דער צײַט פון דער. ציילונג פון 1926 יאָר קימאט א העלפט פון די יידישע פויערים אין די דאָזיקע ערטער באשטאנען פון פרויען.

* * *

אויב אין מעשעך פון דעם אופשטעלונגס־פעריאָד איז פאָרגעקומען א באטירלעכער צאָליקער וווּקס פון דעם יידישן פויערטום, איז אין פעריאָד פון רעקאָנסטרוקציע פון דער פאָלקסווירטשאפט אין אונדזער לאנד הויפּטזאכלעך פאָרגעקומען א פּראָצעס פון פארפעסטיקן די יידישע ערד־אײַנאָרדענונג. עס איז גאנצ פארשטענדלעך, אז דער אינדוסטריאַליזירונג־פּראָצעס, וואָס איז מיט אזעלכע מעכטיקע טעמפּן אָנגעגאנגען אין פארלויף פון די צוויי סטאלינישע פינפיאָרן, האָט אָפּגעצויגן א געוויסן טייל פון די יידישע פויערים — איבערהויפּט פון דער יוגנט — פון דאָרף אין שטאָט, פון דער

לאַנדווירטשאַפט — אין דער גרויסער סאָציאַליסטישער אינדוסטריע. מאַכמעס דעם האָט זיך טיילווייַז פאַרקלענערט סייַ די אַבסאָליוטע צאָל יידישע פויערים סייַ זייער ספּעציפיש געוויכט צווישן דער גאַנצער יידישער באַפעלקערונג. דער זעלביקער פּראָצעס פון אַריבערגאַנג פון דאָרף אין שטאָט איז נאָך מיט גרעסערע טעמפּן, ווי מיר האָבן שוין געזען פון די דעמאָגראַפישע צייַגערס פון דער ציילונג פון 1939 יאָר, אָנגעגאַנגען צווישן דער אַלגעמיינער באַפעלקערונג פון פססר. כוץ דעם איז פאַר דער דאָזיקער צייַט אויך אָפּגעפאַלן א טייל בייַשטעטלדיקע קאַרליקאָווע קאָלווירטן, וועלכע זייַנען צום אָנהייב פון דער מאַסן־קאָלעקטיוויזאַציע אָפּט געשאַפן געוואָרן אָן די געהעריקע נאַטירלעכע און עקאָנאָמישע פאָרהאַנאָכעס דערצו. אין פאַרלויף פון אָט דעם פעריאָד איז אף דער באַזע פון דער דורכויסיקער קאָלעקטיוויזאַציע ליקווידירט געוואָרן אַלס קלאַס דאָס באַלעגופנטום, דעריבער אויך דאָס יידישע.

די דורכויסיקע קאָלעקטיוויזאַציע האָט געשאַפן א פעסטן באָדן אויך פאַר דער ווייַטערדיקער אַנטוויקלונג פון דער יידישער לאַנדווירטשאַפט, פאַר דעם וווּקס פון דער פאַרמעגלעכקייַט און קולטורעלקייַט פון די יידישע קאָלווירטניקעס. צום אָנהייב 1939 יאָר האָט די געאָגראַפישע פאַנאַנדערטיילונג פון די יידישע קאָלווירטניקעס אויסגעזען לויט אָריענטיר־אויסרעכענונגען (אין קייַלעכיקע ציפערן) אף אַזאַ אויפן:

טעריטאָריעלע אָביעקטן	די צאָל יידישע קאָלווירטישע מישפּאָכעס	
	אַבסאָליוט	אין %% צום סאַכאַקל
קרימער אַססר	5000	20,0
צענטראַלע ערד־מאַסיוון פון אוכסר	8500	34,0
יידישע אויטאָנאָמע געגנט	3000	12,0
בייַשטעטלדיקע יידישע און אינטערנאַציאָנאַלע קאָלווירטן (אוססר, ווססר און געוועזענע מייַרעוו־געגנט)	7000	28,0
צאָפן־קאַווקאַז, גרוזיע, מיטל־אַזיע	1500	6,0
אינגאַנצן אין פססר (לויט די גרענעצן צום 1/I 1939 י.) . . .	25 000	100,0

די איבערוועגנדיקע מערהייַט (העכער 70 פּראָצענט) פון די יידישע קאָלווירטניקעס געפינט זיך אף די ספּעציעל־אויסגעטיילטע איבערוואַנדערישע מאַסיוון, עטוואָס מער פון א פערטל — אין די בייַשטעטלדיקע און אין די אינטערנאַציאָנאַלע קאָלווירטן פון אוססר, ווססר און פון דער געוועזענער מייַרעוו־געגנט אין רספסר.

עס איז פאראנ א גרונט צו רעכענענ, אז דאָס ייִדישע קאָלווירטישע פויערטום וועט נאָכ אויסוואקסנ אינ צאָל, באזונדערס אינ דער ייִדישער אווטאָנאָמער געגנט, ווו די קאָלווירטנ זײַנענ אימשטאנד ארײַנצונעמענ נאָכ א גאנצ גרויסע צאָל איבערוואנדערער.

* * *

אפ דעם שעטעכ פונ 158 טויזנט הא, וואָס געפינענ זיכ אינ רעשוס פונ די איבערוואנדערישע קאָלווירטנ פונ דעם סטעפּישנ טייל פונ ק ר י מ, געפינט זיכ איצט בא 5 טויזנט ייִדישע קאָלווירטישע מישפּאָכעס. די געאָגראפישע פאנאנדערטיילונג פונ דער דאָזיקער קאָלווירטישער באפעלקערונג לויט די אָנגאבנ צומ 1 יאנוואר 1938 יאָר איז אזא:

קרימער ראיאָנענ	צאָל איבערוואנדערישע קאָלווירטנ	אינ זיי הויפנ	אינ זיי נעפּאשעס	
			אבסאָליוט	פראָצ. צומ סאכאקל
לארינדאָרפער	21	878	3381	19,1
פרײַדאָרפער	10	568	2135	12,1
טעלמאנער	8	535	1768	10,0
קאָלאיער	7	562	2039	11,6
דזשאנקאָיער	7	456	1614	9,2
סאקער	7	580	2041	11,6
יעווּפּאטאָריער	7	395	1422	8,1
אק-שעיכער	4	175	603	3,4
סימפעראָפּאָלער	3	180	589	1,6
ביוק-אָנלארער	3	144	348	2,0
קאראסובאזארער	2	58	214	1,2
איטשקינער	3	217	895	5,1
סעיטלערער	1	73	286	1,6
אק-מעטשעטער	1	25	92	0,5
לענינער	1	92	321	1,8
מאיאק-סאלינסקער	1	54	190	1,1
סאכאקל אינ דער קרימער אססר	86	4992	17938	100,0

קימאט א דריטל פונ דעם ייִדישנ קאָלווירטישנ פויערטום אינ דער קרימער אססר געפינט זיכ אינ צוויי ראיאָנענ: אינ לארינדאָרפער אונ פרײַדאָרפער. דאָס דריטע אָרט — לויט דער גרייס פונ דער איבערוואנדערישער באפעלקערונג — פארנעמענ לויטנ סיידער די ראיאָנענ — סאקער, קאָ-

לאיער, טעלמאנער, דזשאנקאָיער, יעווּפּאַטאָריער. אין יעדערן פון די איבע־ריקע ראַיאָנען איז די צאָל יידישע קאָלווירטניקעס ווייניקער פון טויזנט. דורכשניטלעך קומט אויס אויף יעדן איבערוואַנדערישן קאָלווירט פונעם סטעפּישן טייל פון קרים צו 58 הויפן אָדער צו 209 נעפשעס.

ניט געקוקט אויף דעם אָפּפאַל, וואָס האָט געהאַט אַ אָרט אין די אי־בערוואַנדערישע קאָלווירטן פון קרים, — אויף די סיבעס פונעם אָפּפאַל האָבן מיר זיך שוין אָפּגעשטעלט, — איז די צאָל יידישע באַפעלקערונג פון די קרימער פעלדן פאר די יאָרן פון דער פלאַנעווער איבערוואַנדערונג דאָך באַדייטנדיק געשטיגן. אזוי, ווען מיר נעמען אָן די גרייס פון דער דאָ־זיקער באַפעלקערונג אין 1926 יאָר פאַר הונדערט, באַקומען מיר אין די שפּעטערדיקע יאָרן פאָלגנדיקע צייגערס פון רעלאַטיוון וווּקס:

1926	יאָר	100
1929	„	351
1932	„	408
1936	„	476
1938	„	536

פאר 12 יאָר איבערוואַנדערישער אַרבעט אין דער קרימער אסר איז דאָרט די צאָל פון דער יידישער קאָלווירטישער באַפעלקערונג געשטיגן מער ווי אין $5^{1}/_{3}$ מאָל. פון אזא וווּקס ווייסט ניט קיין שום לאַנדווירט־שאַפטלעכע קאָלאָניזאַציע אין די קאַפּיטאַליסטישע באַדינגונגען. מער ניט אין דעם לאַנד פון סאָציאַליזם, ווו ערד ווערט פאר די איבערוואַנדערער אויסגעטיילט אומזיסט, ווו די מעלוכע גיט זיי נאָך כוץ דעם גרויסע לאַנג־טערמיניקע קרעדיטן אויף הייזער־בויונג, ווו די דורכויסיקע קאָלעקטיוויזאַציע פירט אונטער אַ פעסטן באָדן אונטער דער עקאָנאָמישער און קולטורעלער אַנטוויקלונג פון די קאָלווירטן, ווו די אַרבעט ווערט געפירט אין אַן אַטמאָס־פער פון פעלקער־פריינטשאַפט און ברידערלעכער קעגנזייטיקער מיטהילף, — נאָר אין אַזעלכע באַדינגונגען איז מעגלעך אזא וווּקס, וועלכן מיר האָבן דעמאָנסטרירט אין דער אויבן געבראַכטער טאַבעלע.

די באַדייטונג, וועלכע עס האָט געהאַט די לאַנדווירטשאַפטלעכע אי־בערוואַנדערונג פאר דער סאָציאַלער איבערגעשטאַלטונג פון דער יידישער באַפעלקערונג, איז צו זען פון די אָנגאַבן, וואָס באַווייזן, פון וועלכע סאָ־ציאַלע שיכטן האָבן זיך ווערבירט די איבערוואַנדערער אויף די קרימער ערד־פעלדן. מיר פאַרמאָגן אַזעלכע אָנגאַבן בענעגייע דעם ערשטן פינפיאָר, נאָר דער דאָזיקער פעריאָד איז דאַפקע דער אַמערסטן כאַראַקטעריסטישער פאר די טעמפּן פון די רעקאָנסטרוקטיווע פּראָצעסן, וואָס זיינען פאָרגעקו־מען צווישן דעם יידנטום פון פססר. אויף זיינען די אָנגאַבן מיקויעך דעם

סאָציאַלן צוזאמענשטעל פון די איבערוואנדערער אף די קרימער פאָנדן צום סאָף פונעם ערשטן פינפיאָר:

די פריערדיקע באשעפטיקונגען פון די איינוואנדערער אף די קרימער ערד־פאָנדן	אין פּראָצענטן צום סאכאקל
ארבעטער	11,3
אָנגעשטעלטע	5,1
פויערים	7,8
קוסטארן	27,0
קליינהענדלער	30,5
פרייע פראָפעסיעס	1,7
אנדערע	16,6
אינגאנצן	100,0

די דאָזיקע ציפערן זיינען זייער באלערעוודיק. זיי באווייזן, אז די אבסאָליוטע מערהייט (57,5 פּראָצענט) איבערוואנדערער באשטייט דאָ פון געוועזענע קליינהענדלער און קוסטארן. אייגנטלעך, איז דאָס געוויכט פון די געוועזענע קליינהענדלער נאָך א גרעסערס, מאכמעס צווישן דער גרופּע „אנדערע" האָבן אויך אָן שום צווייפל דעם אויבנאָן פארנומען געוועזענע קליינהענדלער; אזויארום האָט דאָס געוויכט פון געוועזענע קוסטארן און קליינהענדלער באטראָפן קימאט ביז $^{3}/_{4}$ פון אלע איבערוואנדערער אף די קרימער ערד־פאָנדן. פונדאנען איז קלאָר, אז די לאנדווירטשאפטלעכע איבערוואנדערונג איז געווען דאָס וויכטיקסטע מאָסמיטל אף צו פארוואנדלען די פילצאָליקע ניט־פראָדוקטיווע עלעמענטן פון דער יידישער באפעלקערונג אין אקטיווע סאָציאַליסטישע בויער.

די גרופּע געוועזענע ארבעטער באשטייט הויפּטזאכלעך פון פערזאָנען אָן א באשטימטער קוואליפיקאציע, פון מענטשן, וואָס זיינען ביז דער איבערוואנדערונג געווען פארנומען אף צייטווייליקער שווארצארבעט. אהער ווערט איינגעשלאָסן אויך א געוויסער טייל פערזאָנען, וואָס האָבן ביז דער איבערוואנדערונג געארבעט אין די ווארשטאטן פון די געוועזענע שטעטלדיקע הילף־געזעלשאפטן.

די גרופּע געוועזענע פויערים באשטייט הויפּטזאכלעך פון פערזאָנען, וואָס זיינען ביז זייער איבערוואנדערונג אף די צענטראליזירטע ערד־מאסיוון געווען פארנומען אין די ביישטעטלדיקע קאָלווירטן.

די גרונט־מאסע יידישע איבערוואנדערער, וואָס האָבן זיך באזעצט אף די קרימער פאָנדן, איז ווערבירט געוואָרן פון אוססר — העכער 80 פּראָצענט פון דער גאנצער צאָל איבערוואנדערער. די ווייסרוסלענדישע ססר האָט געגעבן בא 15 פּראָצענט פון אלע איבערוואנדערער, די איבעריקע צאָל איבערוואנדערער איז אָנגעקומען פון רספסר.

וואָס אָנבאַלאַנגט דער קאַטעגאָריע ווײַנ-ערטער, ווו עס האָבנ פריִער געלעבט די איבערוואַנדערער, האָט מענ שוינ צומ סאָפ פונעמ ערשטנ פינפיאָר געקאָנט פאַרצייכענענ א העכער געוויכט פונ די שטעטלשע אינ פאַרגלײַכ מיט די שטאָטישע אויסוואַנדערער. אזוי, איז אינ 1929 יאָר די קרימער איבערוואַנדערישע באַפעלקערונג באַשטאַנענ אפ 62 פראָצענט פונ שטאָט-לײַט אונ אפ 38 פראָצענט פונ שטעטלשע אײַנוווינער, בײַס אינעמ 1932 יאָר האָבנ שוינ די דאָזיקע צײַגערס באַטראָפנ אַנטשפרעכיק 54 אונ 46 פראָצענט. די סיבע דערפונ איז, וואָס די אינדוסטריִאַליזאַציע פונעמ לאַנד האָט אינעמ ערשטנ פינפיאָר אַרומגעכאַפט די שטעט אינ א פיל גרעסערער מאָס אײדער די שטעטלעכ.

די דורכויסיקע קאָלעקטיוויזאַציע האָט געשאַפנ די נײטיקע פאָרהאַנאָכעס פאַר דער מעכאַניזירונג פונ דער לאַנדווירטשאַפטלעכער אַרבעט: אינ 1938 יאָר איז בא 94 פראָצענט פונ דער טווע-גערעטעניש אראָפגענומענ געוואָרנ מיט קאָמבײַנענ.

די פאַרפעסטיקונג אונ דער וווּקס פונ דער יִדישער קאָלווירטישער באַפעלקערונג אפ די קרימער ערד-פאָנדנ איז פאָרגעקומענ אפ דער באַזע פונעמ אַלגעמײנעמ וווּקס פונ איר ווירטשאַפט. צומ בײַשפּיל, ווײַצ איז אינ 1938 יאָר אראָפגענומענ געוואָרנ אינ 11 מאָל מער אײדער אינ 1926 יאָר. אינ 1938 יאָר האָט מענ אפ די קרימער ערד-פאָנדנ אראָפגענומענ 494 טויזנט צענטנער ווינטער-ווײַצ. אינ 1938 יאָר האָבנ די איבערוואַנדערישע קאָלווירטנ פונ קרימ פאַרקויפט דער מעלוכע אונ דער קאָאָפעראַציע $2\frac{1}{2}$ מיליאָנ פוד טווע. לעגאַבע די מעלוכישע ברויט-פאַרגרייטונגענ אינ 1931 יאָר איז דאָס א פאַרגרעסערונג קימאַט אינ צוויי מאָל. די דורכשניטלעכע גערעטעניש פונ ווינטער-ווײַצ האָט זיכ פארנ פעריאָד פונ 1935—1938 פאַרגרעסערט פונ 8 ביז 14 צענטנער פונ א הא.

גאַנצ היפּשע רעזולטאַטנ האָבנ די קרימער יִדישע קאָלווירטניקעס באַקומענ פונ אויבסצוכט אונ ווײַנגערטנערײַ. אינ 1938 יאָר האָבנ די קרימער איבערוואַנדערישע קאָלווירטנ אראָפגענומענ בא א מיליאָנ פוד אויבס.

די יִדישע איבערוואַנדערער זײַנענ געווענ די פּיאָנערנ פונ פלאַנצנ ווײַנגערטנער אינעמ סטעפּישנ טייל פונ קרימ. ביז דאַנ איז ווײַנגערטנערײַ געווענ אַנטוויקלט נאָר אינעמ דאָרעמ-טייל קרימ. פארנ 1938 יאָר האָבנ די איבערוואַנדערישע קאָלווירטנ פונ דער קרימער אַססר אראָפגענומענ בא 200 טויזנט פוד ווײַנטרויבנ אפ א סומע פונ 4 מיליאָנ רובל. באַזונדערס האָבנ זיכ דאָ אויסגעצייכנט די קאָלווירטנ: „מײַפעלד", וועלכער האָט אינ 1936 יאָר באַקומענ 182 טויזנט רובל האַכנאָסע, „אָקטיאַבער" — 54 טויזנט רובל, „רויטער קאַווקאַז" — 110 טויזנט רובל, „סטאַלינאָ" — 58 טויזנט רובל, „לענינוועג", וועלכער האָט פונ 23 העקטאַר ווײַנגערטנער באַקומענ אינ 1937 יאָר 851 צענטנער ווײַנטרויבנ; אינ 1938 יאָר האָט דער דערמאָנטער קאָל-

ווירט פארפלאנצט נאָכ 15 העקטאר, זײַנע װײַנטרויבנ-קוסטעס האָט דער
קאָלווירט דעמאָנסטרירט אפ דער ערשטער אלפארבאנדישער לאנדווירטשאפט-
לעכער אויסשטעלונג.

בא די יִדישע קאָלווירטניקעס פונ דער קרימער אססר פארנעמט נאָכ
דערווײַל װײַנגערטנערײַ א גאנצ באשיידנ אָרט, אָבער אירע אנטוויקלונג-
טעמפּנ זײַנענ גאנצ באדײַטנדיקע. דער שעטעכ פּארפלאנצטע װײַנגערטנער
האָט זיכ פּאר צוועלפ יאָר (1926—1938) פארגרעסערט פונ 5 ביז 900 הא;
אינ די קרימער קאָלווירטנ וואקסט זיכ אויכ פאנאנדער די סעדערײַ.

אנ אָנגעזעענ אָרט אינ די קרימער קאָלווירטנ פארנעמט די פיצוכט.
צומ 1 יאנוואר 1938 יאָר איז אינ די מילכ-סכוירעדיקע פערמעס געווענ בא
5 טויזנט שטיק האָרנפי, אינ די שעפּסנצוכט-פערמעס — בא 56 טויזנט שטיק
שעפּסנ.

אנ אָנגעזעענע ראָליע אינעמ העכערנ דעמ מאטעריעלנ ניוואָ פונ די
קאָלווירטניקעס שפּילנ די באהילפיקע געווערב-װארשטאטנ. אינ די איבער-
װאנדערישע קאָלווירטנ געפינט זיכ שטענדיק ווינטער-צײַט א טייל ארבעטס-
קראפט, וועלכע קאָנ מיט דערפאָלג אויסגענוצט ווערנ אינ די קוסטאר-
װארשטאטנ. אינ די דאָזיקע װארשטאטנ (באמ אויסארבעטנ זאָקנ, טריקאָ-
טאזש, געוואנט אא.) זײַנענ פארנומענ הא 5—10 פּראָצענט פונ די יִדישע
קאָלווירטניקעס פונ קרימ. די קאָלווירטניקעס האָבנ פונ די באהילפיקע גע-
ווערבנ געהאט האכנאָסע אינ 1937/1938 יאָר העכער 2 מיליאָנ רובל.

* * *

דער ערשטער יִדישער אדמיניסטראטיווער ראיאָנ אינ אוקראינע איז
געשאפנ געוואָרנ אינ 1927 יאָר אינ דעמ געוועזענעמ כערסאָנער קרײַז;
מע האָט אימ א נאָמענ געגעבנ קאלינינדאָרפער לויטנ נאָמענ פונעמ
ראיאָנישנ צענטער קאלינינדאָרפ (געוועזענע גרויס-סיידעמענוכע). פונקט אינ
דעמ אָרט, ווו די צארישע רעגירונג האָט זיכ אינ פאָריקנ יאָרהונדערט גע-
פּרווט צו „באזעצנ יִדנ אפנ ערד" אונ האָט דערגרייכט אזעלכע נעבעכ-
דיקע רעזולטאטנ, איז אוועקגעלייגט געוואָרנ אנ אָנהייב פאר דער אדמי-
ניסטראטיוו-סאָוועטישער אונ ווירטשאפטלעכער בויונג צווישנ די יִדישע
איבערוואנדערער.

אפ אנ ערד-שעטעכ פונ קימאט 90 טויזנט הא געפינענ זיכ איצט בא
16 טויזנט קאָלווירטניקעס אונ אנדערע אײַנוווינער. בא 80 פּראָצענט פונ
דער דאָזיקער צאָל פאלט אויס אפנ כעזשבנ פונ דער יִדישער באפעלקע-
רונג. דער ערשטער יִדישער אדמיניסטראטיווער ראיאָנ קאָנ מיט רעכט
שטאָלצירנ מיט זײַנע דערפאָלגנ אפנ געביט פונ מעכאניזירנ די לאנדווירט-
שאפט, אופהייבנ די גערעטעניש, אויספילנ די מעלוכע-ליפערונגענ, אנט-

וויקלען די פּיצוכט, פאַרברייטערן דעם שטעטעכ אינטענסיווע קולטורן, אופהייבן די פּראָדוקטיווקייט פון די קאָלווירטניקעס.

פאַר אַ קליינעם צײַט-אָפּשניט (1934—1937) איז די צאָל טראַקטאָרן אינעם קאַלינינדאָרפער ראַיאָן געשטיגן ביז 177 און זייער מעכטיקייט — פון 1633 ביז 2655 פערד-קראַפט. דער קאָמבײַנען-פּאַרק איז פאַר דער זעלבער צײַט אויסגעוואַקסן פון 24 ביז 75 איינסן. די אויסאַרבעטונג אַפ איין טראַקטאָר האָט זיך פאַר דעם פּעריאָד פאַרגרעסערט אַפ 40 פּראָצענט, און די אויסאַרבעטונג אַפ איין קאָמבײַן — אַפ 80 פּראָצענט. שוין אין 1936 יאָר איז מיט קאָמבײַנען אַראָפּגענומען געוואָרן בא 83 פּראָצענט פון דער גערעטעניש.

די מעכאַניזירונג פון דער לאַנדווירטשאַפט, די אײַנפלאַנצונג פון דער פאָרגעשריטענער אַגראָטעכניק, די סטאַכאַנאָווישע אַרבעט פון אַ ריי קאָלווירטניקעס, קאָמבײַנערס און טראַקטאָריסטן, די איבערגעגעבענע אַרבעט פון דער מערהײַט קאָלווירטניקעס, — דאָס אַלץ האָט מיטגעבראַכט אַ באַדײַטנדיקן וווּקס פון דער גערעטעניש, ווי עס איז צו זען פון די פאָלגנדיקע אָנגאַבן:

קולטורן אין קאַלינינדאָרפער ראַיאָן	1935	1936
	אין צענטנער פון איין העקטאַר	
ווינטער-ווייץ	8,7	14,6
קאָרן	6,1	9,1
זומער-ווייץ	2,6	6,0
גערשטן	3,2	7,7
האָבער	2,1	10,8

שוין אין 1936 יאָר האָט קאַלינינדאָרפער ראַיאָן געליפערט דער מעלוכע העכער 21 טויזנט טאָן ברויט.

פאַר דעם אָנגעוויזענעם צײַט-פּעריאָד האָט זיך דער שטעטעכ פאַר ווײַנגערטנערײַ אין קאַלינינדאָרפער ראַיאָן פאַרגרעסערט אַפ 20 פּראָצענט און די ווײַנטרויבן-גערעטעניש איז געשטיגן קימאַט אַפ 200 פּראָצענט. מער ווי אין צוויי מאָל איז געשטיגן די גערעטעניש פון די סעדער. דער שטעטעכ פון גערטנער-קולטורן האָט זיך פאַרגרעסערט אַפ 60 פּראָצענט, און זייער גערעטעניש — אַפ 100 פּראָצענט.

אויך די פּיצוכט אין קאַלינינדאָרפער ראַיאָן האָט זיך באַדײַטנדיק אַנטוויקלט: צום 1938 יאָר האָט דער ראַיאָן פאַרמאָגט 44 מילכ-סכוירעדיקע פערמעס, 27 כאַזיירימצוכט-פערמעס, 16 שעפּסנצוכט-פערמעס, דרײַ אויפעס-צוכט-פערמעס און 3 קראָליקעסצוכט-פערמעס. פאַר דער צײַט פון אָנהייב

1935 יאָר ביזן מיטן 1936 יאָר האָט זיך אין די קאָלווירטן און בא די קאָלווירטניקעס פונעם ראיאָן פארגרעסערט:

די צאָל בעהיימעס	פון	3 363	ביז	4 223
„ „ כאזיירים	„	1 930	„	4 798
„ „ שעפסן	„	1 397	„	3 979
„ „ פערד	„	1 715	„	2 091

שוין צום אָנהייב 1937 יאָר איז אין קאַלינינדאָרפער ראיאָן אינגאנצן ליקווידירט געוואָרן די בעהיימעלאָזיקייט.

פארן 1936 יאָר האָבן די קאָלווירטניקעס פון ראיאָן באקומען פון דער קאָלווירטישער האכנאָסע פון 4 ביז 8 קילאָגראם ברויט אפ אן ארבעט-טאָג (трудодень), כוץ אנדערע פראָדוקטן און געלט. ניט רעכענענדיק די איינקונפטן פון דער בײַהויפיקערווירטשאפט, וואָס עס פארמאָגט יעדער קאָלווירטניק.

אין קאַלינינדאָרפער ראיאָן האָבן, פון 1931 יאָר אָן, זיך גענומען שאפן אין די קאָלווירטן באהילפיקע געווערב-ווארשטאטן. א געוויסע צאָל איבערוואנדערער פארנעמט זיך אין די דאָזיקע ווארשטאטן אין דער צײַט, וואָס זיי זײַנען פרײַ פון לאנדווירטשאפטלעכער ארבעט, מיט אויסארבעטן זאָקן, טריקאָטאזש-זאכן, שטריקן היטלען, אדג. דאָס העכערט, פארשטענדלעך, די האכנאָסעס פון די קאָלווירטניקעס פונעם ראיאָן.

עס איז נייטיק אָנצווייַזן, אז אין קאַלינינדאָרפער ראיאָן זײַנען פאראן אויך גרויסע מעגלעכקײַטן פאר דער אנטוויקלונג פון דער אָרטיקער אינדוסטריע, נעמלעך, פון דער צעמענט-אינדוסטריע. די זאך באשטייט אין דעם, וואָס אין די בערג, וועלכע געפינען זיך לענגאויס דעם לינקן ברעג פונעם טײַך אינגולעץ, זײַנען פאראן באַדײַטנדיקע אויצרעס מערגעל, קאלך און ליים.

דער צווייטער יידישער אדמיניסטראטיווער ראיאָן אין אוקראינע — נײַ-זלאטאָפאָליער — איז אויסגעבילדעט געוואָרן אין 1928 יאָר פון די טיילן פון די פריערדיקע מאריופאָלער און זאפאָראָזשער קרײַזן. די טעריטאָריע פונעם ראיאָן פארנעמט א שטעטל פון העכער 50 טויזנט הא, דערין בא 35 טויזנט הא אקער-פעלד, בא 400 הא סעדער און גערטנער. די גאנצע באפעלקערונג פון ראיאָן ציילט אָן עטוואָס מער פון 15 טויזנט נעפאשעס, דערין א העלפט יידן.

צום 1937 יאָר האָט נײַ-זלאטאָפאָליער ראיאָן פארמאָגט בא 80 טראקטאָרן, 53 קאָמבײַנען, 64 אווטאָמאשינעס.

פאר אָנדערהאלבן יאָר (1934—1936) האָט זיך די פיצוכט אינעם ראיאָן פארגרעסערט אפ פאָלגנדיקן אויפן:

פי (אין שטיק)	1934	1936
גרויס האָרנפי	7 086	10 299
כאזיירים	3 500	7 214
שעפסנ	1 641	2 622

ענדלעכ, דער דריטער יידישער ראיאָנ אינ אוקראינע — סטאלינ-דאָרפער — איז אָרגאניזירט געוואָרנ אינ 1930 יאָר אפ דער טעריטאָריע פונעמ פריערדיקנ קריוואָראָגער קרייז. די טעריטאָריע פונעמ ראיאָנ פאר-נעמט 100 טויזנט הא, דערפונ פארנעמט דער אקער-שעטעכ 71 טויזנט הא, בא 1000 הא פארנעמענ סעדער אונ וויינגערטנער. אינ 17 דאָרפסראטנ, ווו עס געפינט זיכ די יידישע באפעלקערונג, באטרעפט זי בא $^3/_4$ פונ דער גאנצער באפעלקערונג. אינ גאנצנ ראיאָנ מאכט אויס די יידישע צענטויזנטי-קע באפעלקערונג בא א דריטל פונ דער גאנצער באפעלקערונג.

אינ סטאלינדאָרפער ראיאָנ האָבנ זיכ צומ 1940 יאָר געפונענ 3 מא-שינ-טראקטאָר-סטאנציעס מיט 179 טראקטאָרנ אונ 109 קאָמביינעס. די לאנד-ווירטשאפט איז דאָ מעכאניזירט אפ 70% (לעגאבע 40% אינ 1934 יאָר). אינ 1936 יאָר זיינענ אינ ראיאָנ געווענ 59 שעפסנצוכט-פערמעס מיט 2850 שעפסנ. איצט איז אינ ראיאָנ ניטאָ קיינ איינ קאָלווירט, וועלכער זאָל פארמאָגנ ווייניקער פונ דריי גרונט-פערמעס: פאר גרויס האָרנפי, כא-זיירים אונ שעפסנ. פאר 5 יאָר צייט (פונ 1934 ביזנ 1939 יאָר) האָט זיכ די צאָל גרויס האָרנפי אינעמ ראיאָנ פארגרעסערט פונ 3750 ביז 8551 שטיק, די צאָל כאזיירימ — פונ 2873 ביז 8168, שעפסנ — פונ 877 ביז 5405, פערד — פונ 5122 ביז 6157.

דער ברוטאָ-אראָפנעמ פונ קערנער-קולטורנ האָט אינ 1934 יאָר אויס-געמאכט 115 טויזנט צענטנער. אינ 1939 יאָר האָט ער זיכ פארגרעסערט ביז 618 טויזנט צענטנער. די דורכשניטלעכע גערעטעניש פונ קערנער-קול-טורנ האָט אינ סטאלינדאָרפער ראיאָנ דערגרייכט אינ 1939 יאָר ביז 14,1 צענטנער פונ א העקטאר, פונ קוקורוזע ביז 15,6 צענטנער, פונ גערשטנ ביז 16,8 צענטנער, פונ האָבער — ביז 15,4 צענטנער פונ א העקטאר. דער ברוטאָ-אראָפנעמ פונ וויינטרויבנ איז געשטיגנ פונ 250 טאָנ אינ 1934 יאָר ביז 1750 טאָנ אינ 1939 יאָר. דער שעטעכ פונ סעדער האָט זיכ פאר-גרעסערט פונ 122 הא אינ 1934 יאָר ביז 717 הא אינ 1939 יאָר, פונ אויבסנ — פונ 175 ביז 335 העקטאר.

באזונדערע קאָלווירטנ אונ קאָלווירטניקעס האָבנ באדייטנדיק אריבער-געשטיגנ די דורכשניטלעכע ארבעט-צייגערס פונעמ ראיאָנ. אינעמ קאָלווירט „נאָוואיא זאריא" האָט דער בריגאדיר אווראָמ פראדקינ מיט זיינ בריגאדע אראָפגענומענ צו 28 צענטנער קערנער-קולטורנ פונ א העקטאר, דער ברי-גאדיר קרימסקי פונעמ קאָלווירט „לענינאָ" האָט אראָפגענומענ צו 25 צענט-

נער. די קאָלווירטן „צוועלף יאָר אָקטיאַבער״, „קראַסינאַ״, „לענינאָ״ און א ריי אַנדערע האָבן זיך דערשלאָגן צו א דורכשניטלעכער גערעטעניש פון 17 צענטנער פון א העקטאַר. דער קאָלווירטניק לייב קריצמאַן האָט אַראָפּגענומען דורכשניטלעך צו 102 צענטנער ווײַנטרויבן פון א העקטאַר. אין קאָלווירט „רויטאַרמייער״ האָט די קאָלווירטניצע מערע גאָלדקינא אַראָפּגענומען 130 צענטנער ווײַנטרויבן פון א העקטאַר. גרויסע דערפאָלגן אין זײַן אַרבעט האָט זיך דערשלאָגן דער בריגאַדיר פון דער טראַקטאָר-בריגאַדע, דער אָרדענטרעגער — אַראָן קיסלער.

אדאַנק דעם וווּקס פון דער אַרבעטס-פּראָדוקטיווקייט זײַנען געשטיגן אויך די קאָלווירטישע האַכנאָסעס. דער דורכשניטלעכער ווערט פון אַן אַרבעט-טאָג האָט זיך פאַר דער צײַט פון 1934 יאָר ביז 1939 יאָר פאַר-גרעסערט פון 40 קאָפּ. ביז 2 רוב. 61 קאָפּ. און פון 600 ביז 3 800 גראַם ברויט.

די איבערוויגנדיקע מערהײַט לאַנדווירטשאַפטלעכע אַרבעטן אין ראַיאָן איז עלעקטריפיצירט. אין 80 קאָלווירטן זײַנען עלעקטריפיצירט די וווינונ-גען, די דרעשונג, די אַרבעט אַף די מילן און אויך די באַוואַסערונג אַף די גערטנער.

וועגן דער אַרבעט פונעם ראַיאָן — און ביפראַט, פון זײַן יידישן טייל באַפעלקערונג — גיט א פאָרשטעלונג דער פאַקט, וואָס אַף דער אַלפאַרבאַנ-דישער לאַנדווירטשאַפטלעכער אויסשטעלונג זײַנען אין 1939 און 1940 יאָר געווען פאַרגעשטעלט פון ראַיאָן צוויי הונדערט פאַרגעשריטענע יידן קאָל-ווירטניקעס. איינער פון די דאָזיקע קאָלווירטניקעס איז באַלוינט געוואָרן אַף דער לעצטער אויסשטעלונג מיט אַן ערן-צייכן, איינער — מיט א קליי-נער גאָלדענער מעדאַל, אכט — מיט קליינע זילבערנע מעדאַלן אאַוו.

אכוץ די דרײַ נאַצראַיאָנען געפינט זיך נאָך אַף צענטראַלע מאַסיוון פון אוקראַינע א געוויסע צאָל יידישע קאָלווירטניקעס אין קריוואָראָגער, דאָ-לינער, סאָפּיעווער, סקאַדאָווסקער און גענישעסקער ראַיאָנען. די פאַר-העלטעניש פון דער צאָל קאָלווירטניקעס אין די דאָזיקע ערטער צו דער צאָל קאָלווירטניקעס אין די יידישע נאַצראַיאָנען איז ווי 4 : 1. עס איז נאָך פאַראַן א באַדײַטנדיקע צאָל בײַשטעטלדיקע יידישע קאָלווירטן, נאָר וועגן זיי — באַזונדער אין איינעם פון די ווײַטערדיקע קאַפּיטלען.

* * *

די יידישע אווטאָנאָמע געגנט איז פונעם סאַמע אָנהייב אָן פון איר אַנטשטייונג געווען פאָרויסבאַשטימט ניט נאָר פאַר לאַנדווירטשאַפט-לעכער, נאָר אויך פאַר אינדוסטריעלער איבערוואַנדערונג (צוליב די קאָלאָ-סאַלע נאַטור-רײַכטימער, דעריקער מינעראַלן, וואָס די געגנט פאַרמאָגט). אָבער די הויפּט-אויפמערקזאַמקײַט אינעם עקאָנאָמישן לעבן פון דער געגנט

דארפ לויט דער אײַנשטעלונג פונ דער רעגירונג זײַנ געװענדעט אפ דער אנטוױקלונג פונ דער לאנדװירטשאפט. די יִדישע אװטאָנאָמע געגנט אפנ סאָװעטישנ װײַטנ מיזרעכ איז רײַכ מיט פרוכטבארער ערד, אפ װעלכער עס קאָנ װאקסנ װײץ, קאָרנ, האָבער, גערשטנ, קוקורוזע, סאָיע, רײַז אונ אנדערע קערנער-קולטורנ; עס קאָנענ דאָרט מיט דערפאָלג קולטיװירט װערנ אויכ פארשײדענע גערטנער-קולטורנ. די סאָװעטנ-מאכט אסיגנירט יאָר-יערלעכ היפשע געלט-מיטלענ אפ דורכצופירנ אלע נײטיקע מעליִאָראטיװע ארבעטנ.

די געגנט פארמאָגט בא 60 קאָלװירטנ (דערינ 18 יִדישע, איבערװאנדערישע) אונ דרײַ ראטװירטנ. דער פארזײ-שעטעכ פונ דער געגנט האָט זיכ פארגרעסערט פונ 15,3 טויזנט הא אינ 1928 יאָר ביז 33,7 טויזנט הא אינ 1939 יאָר. אינ דער געגנט ארבעטנ אכט מאשינ-טראקטאָר-סטאנציעס, די צאָל קאָמבײַנענ איז געשטיגנ פונ 4 אינ 1934 יאָר ביז 122 אינ 1939 יאָר. אינ 1935 יאָר האָט מענ מיט קאָמבײַנענ אראָפגענומענ מער ניט װי 10,5 פראָצענט פונ דער גערעטעניש, אינ 1939 יאָר — 93,2 פראָצענט פונ דער גערעטעניש פונ די קערנער-קולטורנ.

פאר דער צײַט פונ 1934 יאָר ביז 1939 יאָר איז אויכ היפש געשטיגנ די פיצוכט פונ דער געגנט. אזוי, לעמאָשל, האָט זיכ די צאָל גרויס האָרנ-פי פארגרעסערט קימאט אינ $2\frac{1}{3}$ מאָל, די צאָל כאזײרימ אינ $2\frac{1}{4}$ מאָל, שעפסנ — אינ 2 מאָל, ציגנ — אינ 5,5 מאָל. די צאָל פיציכטלערישע פערמעס האָט זיכ פארגרעסערט פונ 18 אינ 1934 יאָר ביז 58 אינ 1939 יאָר.

גרויסע מעגלעכקײַטנ פארמאָגט די געגנט פאר דער אנטוױקלונג פונ בינענצוכט. די געגנט פארמאָגט 48 בינענציכטלערישע פערמעס, װו עס געפינענ זיכ 87 בינשטאָקנ מיט 11,6 טויזנט בינענ-מישפאָכעס[1]. ארומ אונ ארומ האָט די געגנט אינ 1938 יאָר פארמאָגט 19 טויזנט בינענ-מישפאָכעס[2]. ברײטע אנטוױקלונגס-מעגלעכקײַטנ זײַנענ פאראנ אינ דער געגנט אויכ פארנ יאגד-געװערב אונ פאר פישפאנג.

אפנ געביט פונ לאנדװירטשאפטלעכער ארבעט אינ דער יִדישער אװטאָנאָמער געגנט האָט זיכ באזונדערס אויסגעטײלט דער פאָרגעשריטנסטער קאָלװירט „װאלדהײמ", װעלכער האָט פארנומענ דאָס ערשטע אָרט אינ דעמ בירָאָבידזשאנער ראיאָנ ...

פונעמ װײַטמיזרעכדיקנ פאװיליאָנ אפ דער אל-פארבאנדישער לאנדװירטשאפטלעכער אויסשטעלונג. דער דאָזיקער קאָלװירט, װאָס זײַנ פירנדיקער װירטשאפט-צװײַג איז גערטנערײַ, האָט פאר די לעצטע פיר יאָר באקומענ צו 103 צענטנער קארטאָפל פונ א העקטאר אפ

---

1 סוכארעװ, די יִדישע אװטאָנאָמע געגנט, בירָאָבידזשאנ, 1939, ז. 38

2 א. י. קאמענעצקי, די יִדישע אװטאָנאָמע געגנט, מעלוכע-פארלאג „דער עמעס", 1939, ז. 67.

א שעטעכ פונ 20 הא. די האכנאָסע פונעמ קאָלווירט האָט זיכ פארג-
לעצטנ יאָר פארגרעסערט פונ 850 טויזנט ביז 1 100 טויזנט רובל. דער
ווערט פונ אנ ארבעט-טאָג האָט פריִער באטראָפנ: 11 רובל 30 קאָפ., 540 גראמ
ברויט אונ 3 קילאָ קארטאָפל אונ איצט: 12 רובל 50 קאָפ., 400 גראמ ברויט, 3
קילאָ קארטאָפל, 750 גראמ גאָרטנווארג אונ 60 גראמ האָניק. אינ דער
געגנט האָבנ זיכ ארויסגערוקט נײַע ענטוזיִאסטנ — מײַסטער פונ דער סאָ-
ציִאליסטישער לאנדווירטשאפט. אינ דעמ זעלביקנ קאָלווירט „וואלדהיימ" צייכנט
זיכ אויס מיט זײַנ איבערגעגעבענער ארבעט דער בריגאדיר כאיִמ פאָליא-
קאָווסקי, די רינגלערנ פאניע רוטשאלסקאיא, די בריגאדירנ שיפרע קאָטשינע,
ציליע זאדאָוואָ, שיינע געפענ אא. דאָס זײַנענ אלצ בארימטע סטאכאנאָוו-
צעס פונ דער לאנדווירטשאפט, עקספאָנענטנ אפ דער אלפארבאנ-
דישער לאנדווירטשאפטלעכער אויסשטעלונג פונ 1941 יאָר. אלס אזעלכע
עקספאָנענטנ טרעטנ אויכ ארויס די בירא־בידזשאנער מאשינ-טראקטאָר-
סטאנציע, די קאָלווירטנ „ווײַטמיזרעכדיקער קאָלווירטניק", „אניקייעוו" אונ
דער פאָקראָווקער ראטווירט.

אינ דער באשטימונג פונעמ פרעזידיומ פונעמ אלפארבאנדישנ צענט-
ראלנ אויספיר-קאָמיטעט פונ פססר פארנ 29 אווגוסט 1936 יאָר איז אונ-
טערגעשטראָכנ געוואָרנ די געשיכטלעכע באדײַטונג פונ דער שאפונג פונ
דער יידישער אווטאָנאָמער געגנט, ווו „די העלדישע ארבעט פונ די יידישע
איבערוואנדערער לייקנט אָפ אינ דער פראקטיק דעמ דוירעסדיקנ בורזשואז-
באלעבעסלדיקנ ליגנ וועגנ דער ניט-פעיִקײַט פונ דער יידישער באפעלקע-
רונג צו באהערשנ די ארבעט אפנ געביט פונ דער לאנדווירטשאפט". די
הונדערטער געוועזענע איבערוואנדערער — הײַנטיקע אוואנגארדיסטנ פונ דער
סאָציִאליסטישער ערדארבעט אונ פיצוכט באשטעטיקנ דאָס אינ דער פולער
מאָס.

אדאנק דער קאָלאָסאלער ארבעט, וואָס איז דורכ דער פארטיי אונ ראטנ-
רעגירונג אָפגעטאָנ געוואָרנ אינ דער בויונג פונ דער יידישער אווטאָנאָמער
געגנט ביז איצט, איז שוינ געשאפנ געוואָרנ א פעסטע באזע פאר איר
ווײַטערדיקנ וווקס אפ אלע געביטנ פונ דער סאָציִאליסטישער פאָלקס-
ווירטשאפט. דעמ דאָזיקנ וווקס זיכערנ די קאדרענ, וואָס זײַנענ דערצויגנ
געוואָרנ אינ דער געגנט, ווי אויכ די קינפטיקע טויזנטער איבערוואנדערער,
וועלכע די געגנט דערווארט אינ נאָענטסטנ פעריִאָד.

* * *

מיר האָבנ געבראכט די וויכטיקסטע אָנגאבנ, וואָס כאראקטעריזירנ די
אנטוויקלונג פונ דער לאנדווירטשאפטלעכער איבערוואנדערונג פונ די יידישע
ארבעטנדיקע אינ פססר.

נאטירלעכ, אז די אנטוויקלונג פונ די יידישע איבערוואנדערישע קאָל-

ווירטן, פונקט ווי די גאַנצע קאָלווירטישע בויונג אין לאַנד, האָט זיך אָנ-געשטויסן אָפּ אַ העפּטיקן ווידערשטאַנד פונעם קלאַסן-סוינע. די ייִדישע באַלעגופים, וואָס האָבן זיך געהאַט דורגעשמוגלט צווישן די איבערוואַנדע-רער, האָבן — פריִער אָפן, און דערנאָך הינטן-אַרום — געפירט אַ קאַמף קעגן דער סאָציאַליסטישער רעקאָנסטרוקציע פון דער לאַנדווירטשאַפט. דער קלאַסן-סוינע פלעגט טיילווייַז דורכקריכן ניט נאָר אין די קאָלווירטן, נאָר אויך אין באַשטאַנד פון זייערע פאַרוואַלטונגען, רעווידיר-קאָמיסיעס אאוו., און פלעגט דאָרט דורכפירן זייַן אַרונטערייַסערישע אַרבעט. דער סוינע איז אָבער צעגראַמירט געוואָרן, און אויך די איבערוואַנדערישע קאָלווירטן זייַנען פעסט און אָפּ שטענדיק אַוועק מיטן באָלשעוויסטישן וועג צו אַ פאַרמעגלעכן און קולטורעל לעבן; די געוועזענע „לופט-מענטשן" און ניט קוואַליפיצירטע האַנטווערקער, פריִער דערשלאָגענע און אָפּגעשטאַנענע, זייַנען איצט געוואָרן אַקטיווע און באַוווּסטזיניקע בויער פון סאָציאַליזם און קאָמוניזם.

די קאָנסעקווענטע פאַרווירקלעכונג פון דער לעניניש-סטאַלינישער נאַ-ציאָנאַלער פּאָליטיק האָט געמאַכט אַ סאָף צו דער דויערסלאַנגער סינע, וואָס דער צאַריזם האָט בעקיוון קולטיווירט צווישן פאַרשיידענע פעלקער. אַלס בוילעטער מוסטער פון פעלקער-פרייַנטשאַפט אינעם ראַטנפאַרבאַנד קאָנ דינען דער אָפּמאַך פון סאָציאַליסטישן געוועט, וואָס איז געשלאָסן גע-וואָרן אין 1936 יאָר צווישן די קאַזאַקן פון דער צימליאַנער סטאַניצע (צאָפּן-קאַווקאַזער קאַנט) און די קאָלווירטניקעס פונעם ייִדישן נייַ-זלאַטאָ-פּאָליער ראַיאָן. אָט זייַנען אויסצוגן פונעם בריוו, וואָס די צימליאַנער קאַ-זאַקן האָבן צוגעשיקט די ייִדישע קאָלווירטניקעס פונעם נייַ-זלאַטאָפּאָליער ראַיאָן באַם שליסן דעם אָפּמאַך פון סאָצגעוועט:

„...צום ערשטן מאָל אין דער געשיכטע האָט זיך דער אַרבעטנדיקער קאַזאַק באַגעגנט מיטן אַרבעטנדיקן ייִדן, באַגעגנט און פאַרבונדן אַ שטאַר-קע, ניט צעשטערבאַרע פרייַנטשאַפט. מער ניט באַ אונדז, ווו עס דערבויט זיך זיגרייַך דער סאָציאַליזם, איז מעגלעך אַזאַ פרייַנטשאַפט צווישן די אַרבעטנדיקע פון אַלע נאַציאָנאַליטעטן פון אונדזער איינהייַטלעכן בליִענ-דיקן היימלאַנד... דער גרויסער סטאַלין האָט אונדז אויסגעלערנט ליב צו האָבן איינער דעם אַנדערן".

„...איז זייַט וויסן, טייַערע כאַווירים, — לייענען מיר ווייַטער, — אַז דאָס פריִערדיקע קאַזאַקנטום, וואָס איז געווען דער אָנשפּאַר פון דער רעאַקציע, איז ניטאָ. איצט איז פאַראַן אַ נייַ, אַ סאָוועטיש קאַזאַקנטום — דער אָנ-שפּאַר פון אונדזער סאָציאַליסטיש היימלאַנד... מיר ווייסן, ווי שווער עס האָט זיך געלעבט דער ייִדישער אָרעמשאַפט, וואָס איז געווען פאַרטריבן דורך דער צאַרישער זעלבסטהערשונג אין „טכום", אין ענגע שטעטלעך. מיר ווייסן אויך, אַז אין פּסטר איז מער ניטאָ... קיין אָרעמע און קאַפּ-

צאָנישע ייִדן. מיר אלע לעבן מיט א קולטורעל, פרייליכ, פארמעגלעכ לעבן. מיר שיקן אונדזער קאָלווירטישן קאזאקישן גרוס אלע אײַערע קאָל־ווירטניקעס, קאָלווירטניצעס און דער גאנצער האָרעפּאשנער באפעלקערונג פונעם נאציאָנאלן ייִדישן נײַ־זלאטאָפּאָליער ראיאָן. זאָל לעבן די פעלקער־פרײַנטשאפט! זאָל לעבן דער פירער פון די פעלקער — כאווער סטאלין!"

דער דאָזיקער דאָקומענט נייטיקט זיכ ניט אין קיין שום קאָמענטארן. אן און פאר זיכ רעדט ער גענוג איבערצײַגנדיק וועגן דער פּאָרגעקומענער אָרגאנישער דערנעענטערונג צווישן דעם סאָוועטישן ארבעטנדיקן ייִדנטום מיט די איבעריקע פעלקער פון פססר, וועגן דער ווערנטלעכער ראָליע, וואָס עס האָט געשפּילט אין דעם פראט די סאָציאליסטישע ערד־אײַנאָר־דענונג פון טויזנטער ייִדישע האָרעפּאשניקעס.

VIII. ייִדישע סאָוועטישע אינטעליגענץ

די אויסבילדונג פון דער נײַער, סאָוועטישער אינטעליגענץ איז, ווי דער כאַוועך סטאַלין האָט אָנגעוויזן אין זײַן באַריכט-פּאָרטראַג אַפן XVIII פּאַרטיי-צוזאַמענפאָר, א טייל פון דעם אַלגעמיינעם בילד פון דעם קולטור-אופשטײַג פונעם פאָלק. אין דעם דאָזיקן פאַרמירונגס-פּראָצעס פון א נײַער אינטעליגענץ האָט די ייִדישע באַפעלקערונג באַגלײַך מיט אַלע פעלקער פון נעם ראַטנפאַרבאַנד גענומען א טעטיקן אָנטייל, דערבײַ איז, גלײַך ווי בא די איבעריקע פעלקער, ניט נאָר שטאַרק אויסגעוואַקסן די צאָל ייִדישע אינטעליגענץ, נאָר עס האָבן זיך ראַדיקאַל געענדערט אויך איר סאָציאַל-פּראָפעסיאָנעלע סטרוקטור און די פאָרמען פון איר טעטיקײַט.

קוידעמקאָל דאַרף אָנגעוויזן ווערן, אז דאָס ביז-רעוואָלוציאָנערע ייִדנטום פון רוסלאַנד האָט פאַרהעלטניסמעסיק פאַרמאָגט א קנאַפּן (אין צאָל) שיכט פערזאָנען, וואָס האָבן זיך פאַרנומען מיט אינטעלעקטועלער אַרבעט. לויט די אָנגאַבן פון דער פאָלקס-ציילונג פון 1897 יאָר האָט די ייִדישע אינטעליגענץ דאַן אויסגעמאַכט אַן ערעך בא 10 פּראָצענט פון דער זעלבסטעטיקער ייִדישער באַפעלקערונג. אפּ דער טעריטאָריע אין די גרענעצן פון פּסטר צום אָנהייב 1939 יאָר האָט זיך צווישן דער ייִדישער באַפעלקערונג אין דער פאַררעוואָליוציאָנערער צײַט געפונען סאַכאַקל בא 500 אַדוואָקאַטן, ביז 1500 שרײַבער און אַרטיסטן, בא $4^1/_2$ טויזנט פערזאָנען, וואָס זײַנען געווען פאַרנומען אַפן געביט פון מעדיצין און סאַניטאַריע. דערפאַר אָבער זײַנען דאַן געווען בא 10 טויזנט ייִדן „דינער פון קולט" (ראַבאָנים, דאַיאָנים, שאָכטים, כאַזאָנים אאַ.) און אַרום 16 טויזנט פערזאָנען, וואָס זײַנען געווען פאַרנומען מיט „פּעדאַגאָגישער" טעטיקײַט, אַנדערש גערעדט, מיט מעלאַמדעס (דאָס איז צו זען דערפון, וואָס אַפ דער טעריטאָריע פונעם געוו. „טכום", אויסער פּוילן, האָט זיך דאַן געפונען העכער 14 טויזנט כאַדאָרים). א היפּשע צאָל האָבן באַטראָפן די אַזויגערופענע פּריקאַשטשיקעס, כעזשבנ-טוער און אַנדערע מינים אָנגעשטעלטע פון פּריוואַטע האַנדלס-אַנשטאַלטן. אָט דאָס איז דער סאָציאַל-קולטורעלער אויסזען פון דער דעמלטיקער ייִדישער אינטעליגענץ.

איצט אַרבעט די איבערוועגנדיקע מערהײַט סאָוועטישע אינטעליגענץ, דערין אויך די ייִדישע, אין מעלוכישע און קאָאָפּעראַטיווע אַנשטאַלטן.

אַפּ מעלוכע-דינסט געפינען זיך אויך די לערער און דאָקטוירים און די גרעסטע מערהייט יוריסטן. שרייבער, קאָמפּאָזיטאָרן, קינסטלער, ארכיטעקטאָרן זיינען פאראייניקט דורך זייערע שעפעריש-פּראָפעסיאָנעלע אָרגאניזאַציעס און באקומען אויך א ברייטע שטיצע פון די מאכט-אָרגאנען. די „פרייע" פּראָפעסיעס אין דעם אלטן זין פון וואָרט זיינען פארשוואונדן.

אין רעזולטאט פון דער אָקטיאבער-רעוואָליוציע, וואָס האָט געמאכט א סאָף צו דער טעריטאָריעלער אָפּגעזונדערטקייט פון דער יידישער באפעלקערונג און אָפּגעשאפט אלערליי נאציאָנאלע באגרענעצונגען אויך אפן בילדונגס-געביט, האָבן זיך גרויסע מענגעס פון דער יידישער באפעלקערונג, גלייך פון אָנהייב עקזיסטענץ פון דער ראטנמאכט, אוועקגעלאָזט פון די שטעטלעך אין די שטעט, פון די באפעלקערטע פונקטן פונעם געוועזענעם „טכום" אין די גרעסערע פּאָליטיש-קולטורעלע צענטערס פונעם לאנד. ווי באוווּסט, איז אין די דאָזיקע צענטערס געווען אן אויסערסט גרויסער נאָכפרעג אפ קוואליפיצירטע און האלב-קוואליפיצירטע טוער פון אינטעלעקטועלער ארבעט, דערביי האָט דער דאָזיקער נאָכפרעג אין די ערשטע יאָרן ראטנמאכט אריבערגעשטיגן אפילע דעם נאָכפרעג אפּ פיזישער ארבעטס-קראפט. באגלייך דערמיט האָט זיך די יידישע יוגנט, נאָכן אָפּשאפן די „פּראָצענטנאָרמע", מיט אימפּעט אוועקגעלאָזט אין די מיטעלע לערן-אנשטאלטן און אין די הויכשולן, קעדיי דערנאָך אָפּגעבן זייערע קענטענישן אפן פאָלקסווירטשאפטלעכן און קולטור-שטייגערישן געביט.

איז טאקע דער באדייטנדיקסטער טייל פון די יידישע אָנגעשטעלטע צום מאָמענט, ווען עס האָט זיך פארענדיקט דער אופשטעלונגס-פעריאָד, באשטאנען פון יוגנט, וואָס האָט באוויזן צו באקומען מיטעלע און העכערע בילדונג ערשט נאָך דער רעוואָליוציע. דאָס איז צו זען פון דעם, וואָס צום סאָף 1926 יאָר זיינען 67,5 פּראָצענט פון די יידן אָנגעשטעלטע געווען יינגער פון 35 יאָר.

צו דער זעלבער צייט איז 55 פּראָצענט פון די יידישע אָנגעשטעלטע געווען פארנומען אין רעגולירנדיקע, קולטור-שטייגערישע, האנדלס- און קרעדיט-אנשטאלטן. עטוואָס ווייניקער פון 28 פּראָצענט איז געווען פארנומען אינעם אפאראט פון די פאבריק-זאוואָדישע אונטערנעמונגען, בא 17 פּראָצענט אין דער בויונג, אפן טראנספּאָרט און אין די איבעריקע צווייגן פון דער פאָלקסווירטשאפט. דעם גרעסטן טייל צווישן די יידישע אָנגעשטעלטע האָבן דאן פארנומען: דער ווירטשאפטלעכער, דער דיסקאָנט-קאָנטראָלירנדיקער, אינסטרוקטאָרישער און דער מעדיצין-סאניטארישער פּערסאָנאל; די אָנגעוויזענע פיר קאטעגאָריעס האָבן ארומגעכאפט: אין אוסטער — 57,5 פּראָצענט פון דער גאנצער דאָרטיקער צאָל יידישע אָנגעשטעלטע, אין ווסטר — 53,1 פּראָצענט, אין מאָסקווע — בא 51 פּראָצענט און אין לע-

ניגראד — 59,3 פּראָצענט. דער איבעריקער טייל ייִדישע אָנגעשטעלטע איז געווען באשעפטיקט אין א סאך אנדערע פּראָפעסיעס, באטרעפנדיק אין יע-דערער פון זיי ניט קיין באדײַטנדיקע צאָל. דאָס פרויען-געוויכט צווישן די ייִדישע אָנגעשטעלטע האָט צום סאָף 1926 יאָר באטראָפן 29,7 פּראָ-צענט, ד.ה. אן ערעך דעם זעלביקן פּראָצענט, וועלכן די פרויען האָבן דאן אויסגעמאכט צווישן דעם גאנצן זעלבסטעטיקן טייל פון דער ייִדישער באַ-פעלקערונג אין פססר.

פאר די ערשטע צוויי סטאלינישע פינפיאָרן האָט זיך די צאָל ייִדישע אָנגעשטעלטע פארגרעסערט אן ערעך אין פיר מאָל. דער וווּקס פון דער ייִדישער אינטעליגענץ איז פאָרגעקומען דעריקער אפּן כעזשבן פון דער יוגנט, וואָס ווערט ארויסגעלאָזן פון די מיטלשולן און פון די הויכשולן. די צאָל ייִדן, וואָס לערנען זיך אין די הויכשולן, האָט זיך בלויז פאר די צוויי ערשטע סטאלינישע פינפיאָרן קימאט ווי פארדרײַפאכט. אכוץ דעם גרייט זיך א באדײַטנדיקע צאָל ייִדישע יוגנטלעכע צו וויסנשאפטלעכער טע-טיקײַט אין דער אספּיראנטור פון די וויסנשאפטלעך-פאָרשערישע אינסטי-טוטן. דאָס שאפט אלץ נײַע און נײַע קאדרען פון דער ייִדישער סאָוועטישער אינטעליגענץ.

ווי זעט אויס דער עצעם באשטאנד פון די ייִדן אָנגעשטעלטע אינעם ראטן-אפּאראט? א בילד וועגן דעם גיבן אונדז די אָנגאבן (זיי באציִען זיך צום מיטן צווייטן פינפיאָר) פון אוססר און ווססר (אין די גרענעצן צום 1/I 1939 י.):

פערסאָנאל-קאטעגאָריעס פון די ייִדן אָנגעשטעלטע	אוססר	ווססר
	אין פּראָצענטן צום סאכאקל	
אָנפירנדיקער פערסאָנאל	20,7	24,5
פאכלײַט	35,0	31,7
איבעריקע אָנגעשטעלטע	38,6	32,7
באדינונגס-פערסאָנאל	5,7	11,1
סאכאקל	100,0	100,0

וואָס אָנבאלאנגט די צווײַגן פון פאָלקסווירטשאפט און קולטור, אין וועלכע עס איז אמ׳ערסטן פארטראָטן די ייִדישע סאָוועטישע אינטעליגענץ, גיט אונדז וועגן דעם אן אָנשוילעכע, האגאם ניט גאָר קיין פולע, פאָר-שטעלונג פאָלגנדיקע טאבעלע (די צאָל ווערט דאָ געגעבן אָן די פאמיליען-מיטגלידער און באציט זיך צום אָנהייב 1939 יאָר):

פ א כ	צ אָ ל (אינ טויזנטער)
אינזשעניערנ, ארכיטעקטאָרנ אונ קאָנסטרוקטאָרנ (אָנ די אָנפירער פונ די אונטערנעמונגענ אונ צעכנ)	25
מיטל-טעכנישער פּערסאָנאל	60
אגראָנאָמענ	1
איבעריקער אגראָטעכנישער פערסאָנאל (ערדמעסטערס, ערד-אײַנאָרדנערס, אגראָטעכניקער, זאָאָטעכניקער)	1
װיסנשאפטלעכע טוער (פּראָפעסאָרנ, לערער פונ הויכשולנ אאוו.)	7
לערער אינ אָנפאנגס- אונ מיטלשולנ	46
קולטור- אונ בילדונגס-טוער (זשורנאליסטנ, ביבליאָטעקערס, קלוב-פארוואלטערס אדג.)	30
קונסט-טוער	17
דאָקטוירימ	21
מיטל-מעדיצינישער פערסאָנאל (פעלדשערס, מעדיצינ-שוועסטער)	31
בוכהאלטערס, כעזשבנפירער	125

מעגלעכ, אז די ווײַטערדיקע, מער פארצווײַגטע, פאנאנדערארבעטונג פונ די אָנגאבנ פונ דער לעצטער פאָלקס-ציילונג מיקויעכ די הויפּט-באשעפטיקונגענ פונ די ייִדישע ארבעטנדיקע וועט ארײַנטראָגנ די אָדער יענע קאָרעקטיווּנ אינ אונדזערע פּאָרלויפיקע לעפּירעכדיקע אויסרעכענונגענ. זיי וועלנ אָבער זיכער ניט ענדערנ דאָס אלגעמײנע בילד, וואָס מיר באקומענ פונ דער דאָזיקער טאבעלע. די געבראכטע ציפערנ באווײַזנ, ווי קאָלאָסאל אונ מיט וואָס פארא טעמפּנ ס'איז אויסגעוואקסנ די צאָל ייִדישע אינטעליגענצ. אינ פארגלײַכ מיטנ 1926 יאָר האָט זיכ די צאָל ייִדישע אינטעליגענצ צומ 1939 יאָר לויִט די וויכטיקסטע גרופּעס פארגרעסערט אינ 2—5 מאָל.

מיט א באזונדערער צופרידנקײַט דארפ מענ באצייכענענ דעמ אקטיווּנ אָנטייל, וועלכנ עס האָט גענומענ די פרוי אינ דעמ וווּקס פונ דער סאָוועטישער ייִדישער אינטעליגענצ. דערבײַ איז נייטיק אָנצווײַזנ, אז דער דאָזיקער אָנטייל איז א הויכ-קוואליטאטיווער. אזוי, לעמאָשל, לויט א ספּעציעלער אָפּקלײַב-אויספאָרשונג פונ דער צענטראלער פארוואלטונג פאר פאָלקסווירטשאפטלעכנ דיסקאָנט („צונכו"), וואָס באציט זיכ צומ פעריאָד פונ צווייטנ פינפיאָר, איז בא א דריטל פונ אלע ייִדישע פרויענ, וואָס האָבנ צו יענער צײַט געארבעט אינ די אנשטאלטנ פונ וססר (אינ די גרענעצנ צומ 1/I 1939 י.), געווענ פארנומענ דאָרט אלס אָנפירנדיקער פערסאָנאל אונ פאכלײַט: צווישנ די ייִדנ, וואָס זײַנענ פארנומענ אינ די אנשטאלטנ פונ וססר אפ אָנפירנדיקע פּאָסטנס, באטרעפנ די פרויענ 15,4 פראָצענט, צווישנ די ייִדנ פאכלײַט — העכער 25 פראָצענט. אויכ אינ אוססר (אינ די דערמאָנטע גרענעצנ) ארבעט א דריטל פונ אלע ייִדישע פרויענ — אָנגעשטעלטע אלס אָנפירנדיקער פערסאָנאל אונ פאכלײַט. צווישנ די ייִדנ, וואָס

פארנעמען אָנפירנדיקע פּאָסטנס אין די אנשטאַלטן פון אוססר, באַטרעפן די פרויען 11 פּראָצענט, צווישן די ייִדן פאַכלײַט — העכער 26 פּראָצענט.

א געוויסער טייל ייִדישע אינטעליגענץ פונעם ראַטנפאַרבאַנד איז דירעקט פאַרבונדן מיט דער ייִדישער סאָוועטישער קולטור (אפן געביט פון בילדונג, ליטעראַטור, קונסט, טעאַטער אד"ג.).

א געוויסער טייל ווידער פון דער ייִדישער סאָוועטישער אינטעליגענץ אַרבעט לויט דער אַלגעמיינער סאָוועטישער ליניע. ברייט באַקאַנט זײַנען אַזוינע נעמען פון וועלט-באַרימטע וויסנשאַפט-טוער ייִדן, ווי דער אַקאַדעמיקער יאָפע, פּראָפעסאָר אוועבאַך, דער אַקאַדעמיקער ליִא שטערן, דער אַקאַדעמיקער פרומקין אאַ. א רײַ אָנגעזעענסטע וויסנשאַפט-טוער ייִדן, קונסט-טוער, טוער פון טעכניק האָבן האָיאָר באַקומען סטאַלינישע פּרעמיעס און דעם טיטל סטאַלינישע לאָורעאַטן. דער כאַווער מאַלאָטאָוו האָט אין זײַן רעדע אפן VIII אַלפאַרבאַנדישן ראַטן-צוזאַמענפאָר אָנגעוויזן, אז „דאָס ייִדישע פּאָלק האָט באַגלײַכט מיט די אַנטוויקלטסטע נאַציעס געגעבן צאָלרײַכע גאָר גרויסע פּאָרשטייער פון דער וויסנשאַפט, טעכניק און קונסט... האָט אַרויסגערוקט און רוקט אַרויס אַלץ נײַע און נײַע מערקווירדיקע, טאַלאַנטפולסטע אָנפירער און אָרגאַניזאַטאָרן אין אַלע צווײַגן פון דער בויונג און פאַרטיידיקונג פונעם סאָציִאַליזם".

אין זײַן באַריכט-פּאָרטראָג אפן XVIII צוזאַמענפאָר פון אַלקפּ(ב) האָט דער כאַווער סטאַלין אונטערגעשטראָכן, אז „די פאַרבעסערונג, ווידער, פון דער מאַטעריעלער לאַגע פון די אַרבעטער און פּויערים האָט נאַטירלעך געבראַכט צו א פאַרבעסערונג פון דער מאַטעריעלער לאַגע פון דער אינטעליגענץ, וואָס שטעלט מיט זיך פּאָר א באַדײַטנדיקע קראַפט פון אונדזער לאַנד און וואָס באַדינט די אינטערעסן פון די אַרבעטער און פּויערים" [1].

די ייִדישע אינטעליגענץ, וועלכע שטעלט מיט זיך פּאָר אן אָרגאַנישן טייל פון דער גאַנצער פילנאַציִאָנאַלער סאָוועטישער אינטעליגענץ, געניסט גלײַך א גלײַכער מאָס פון דעם דאָזיקן מאַטעריעלן און קולטורעלן אופשוווּנג.

* * *

אייניקע באַמערקונגען וועגן דער קולטור-בויונג צווישן די ייִדישע מאַסן.

דער כאַווער סטאַלין האָט אינעם דערמאָנטן פּאָרטראָג אפן XVIII פאַרטיי-צוזאַמענפאָר אַזוי כאַראַקטעריזירט דעם פּעריִאָד פון דעם צווייטן פינפיאָר אין פּראַט פון קולטור-בויונג פון פּסר:

„פון שטאַנדפונקט פון דער קולטורעלער אַנטוויקלונג פונעם פאָלק איז דער באַריכט-פּעריִאָד געווען בעעמעס א פּעריִאָד פון קולטור-רעוואָ-

---

1 י. סטאַלין, פראגן פון לעניניזם, מעלוכע-פאַרלאַג „דער עמעס", מאָסקווע, 1941, ז. 626.

ליוציע. עס איז אײַנגעגלידערט געוואָרן אין לעבן די אלגעמיינע אָבליגאַ-טאָרישע אָנפאנג-בילדונג אפ די שפראכן פון די נאציִאָנאליטעטן פון פססר, עס איז געוואקסן די צאָל שולן און שילער פון אלע שטופעס, געוואקסן די צאָל ספעציִאליסטן, וואָס די הויכשולן לאָזן ארויס, עס איז געשאפן געוואָרן און עס האָט זיך פארפעסטיקט א נײַע, סאָוועטישע אינטעליגענץ, — אָט אזא איז דאָס אלגעמיינע בילד פונעם קולטור-אופשטײַג פונעם פאָלק”[1].

די ייִדישע נאציִאָנאליטעט, אלס גלײַכבארעכטיקטער מיטגליד פון דער גרויסער סאָוועטישער פעלקער־מישפּאָכע, האָט גלײַך ווי אלע פעלקער גע-נומען א טיכטיקן אָנטייל אין דער אלגעמיינער קולטור-בויונג פון לאנד, וועלכע וואקסט בא אונדז פון יאָר צו יאָר מיט טעמפּן, וואָס זײַנען מעג-לעך מער ניט ווי בא דער סאָוועטישער אָרדענונג. גלײַכצײַטיק האָט די ראטנמאכט געשאפן די ברייטסטע מעגלעכקײַטן פאר דער אנטוויקלונג פון דער ייִדישער סאָוועטישער קולטור, א נאציִאָנאלע לויט דער פאָרם און א סאָציִאליסטישע לויטן אינהאלט. מיר וועלן עס אילוסטרירן מיט אייניקע אָנגאבן.

צום דריטן יאָר פונעם צווייטן סטאלינישן פינפיאָר האָט זיך אין אלע אָנפאנג-שולן, ניט-פולע און פולע מיטלשולן פון פססר געפונען בא 425 טויזנט ייִדישע שילער, דערונטער 180 טויזנט אין די 5-טע — 10-טע קלאסן. לויטן גראד גראמעטנעקײַט פארנעמט די ייִדישע באפעלקערונג דאָס ערש-טע אָרט צווישן די נאציִאָנאליטעטן, וואָס באפעלקערן דעם ראטנפארבאנד. דאָס געוויכט פון ייִדן צווישן אלע שטודירנדיקע בלײַבט אפן ניוואָ פון דעם ייִדן-געוויכט צווישן דער אלגעמיינער באפעלקערונג (1,8 פראָצענט). דאָס איז גאנץ פארשטענדלעך, נעמענדיק אין אכט, אז אין פססר איז אײַנ-געפירט אָבליגאטאָרישע אָנפאנג-בילדונג; דאָס ייִדן-געוויכט צווישן די סטו-דענטן פון די הויכשולן און טעכניקומס שטײַגט אָבער אנטשפרעכיק ביז 13 און 5 פראָצענט (צום מיטן פונעם צווייטן פינפיאָר); צו דער דערמאָנ-טער צײַט האָבן זיך אין אלע הויכשולן פונעם ראטנפארבאנד געפונען 62 טויזנט און אין אלע טעכניקומס — 32 טויזנט ייִדישע סטודענטן. גאנץ בא-דײַטנדיק איז אויך דער אָנטייל פון ייִדן אין דער צוגרייטונג פון וויסנ-שאפטלעכע קאדרען. בא טויזנט אספיראנטן ייִדן געפינען זיך אין די וויסנשאפט-לעך-פאָרשערישע אינסטיטוטן און אין זייערע פיליִאלן. בא א דריטל פון דער דאָזיקער צאָל איז פארנומען אין געביט פון מעדיצין, בא א דריטל אין בילדונגס-געביט, בא 10% — אין געביט פון אינדוסטריע און טראנס-פאָרט, בא 6% — אפן סאָציִאל־עקאָנאָמישן געביט אאוו.

וואָס שײַעך דער אנטוויקלונג פון דער ייִדישער סאָוועטישער קולטור גופע, קאָנען מיר זי אמערסטן זען אפן געביט פון קונסט און ליטעראטור.

---

1 י. סטאלין, פראגן פון לעניניזם, מעלוכע־פארלאג „דער עמעס”, מאָסקווע, 1941, ז. 626.

צום 1 יאַנוואַר 1939 זײַנען אַף דער טעריטאָריע פון פּססר געווען 10 ייִדישע מעלוכישע טעאַטערן, וואָס דאָס ערשטע אָרט צווישן זיי פאַר-נעמט מיט רעכט דער אַלגעמיין-אָנערקענטער מאָסקווער „גאָסעט" אין שפּיץ מיטן פאָלקס-אַרטיסט פון פּססר, דעם אָרדענטרעגער ש. מיכאָעלס. כוץ די טעאַטערן זײַנען פאַראַן 2 ייִדישע טעאַטראַלע שולן (אין מאָסקווע און קיִעוו), וואָס גרייטן ייִדישע אַקטיאָרישע קאַדרען.

באַזונדערס אָנשוילעכ זײַנען די צײַגערס פון דער ייִדישער קולטור-בויונג אין פּססר אַפן געביט פון ביכער-פּראָדוקציע. אין 1913 יאָר זײַנען אַף דער איצטיקער טעריטאָריע פון פּססר דערשינען אַף דער ייִדישער שפּראַך 73 ביכער-נעמען און אין 1939 יאָר — 339. אין 1938 יאָר האָט די ייִדישע סאָוועטישע ליטעראַטור געהאַט אַ טיראַזש פון 1.351 טויזנט עקזעמפּליאַרן מיט אַ צאָל דרוק-בויגנס פון 7,614 טויזנט; אַכוץ דעם איז אַף דער ייִדיש-טאַדזשיקישער שפּראַך דערשינען אין 1939 יאָר 53 ביכער (ביז דער אָקטיאַבער-רעוואָליוציע האָט אַף דער ייִדיש-טאַדזשיקישער שפּראַך קיין ליטעראַטור בכלל ניט עקזיסטירט).

אין אַ גאַנץ גרויסן פאַרנעם באַהעפטן זיך די ייִדישע אַרבעטנדיקע אַף זייער מוטערשפּראַך צו די רײַכסטע אוצרעס פון מאַרקסיזם-לעניניזם. די ענציקלאָפּעדיע פון מאַרקסיסטישע וויסנשאַפטן, די געשיכטע פון אַלקפּ(ב), קורצער קורס, איז פאַר די יאָרן 1938 און 1939 אַרויסגעגעבן געוואָרן אַף ייִדיש אין אַ טיראַזש פון 45,2 טויזנט עקזעמפּליאַרן. הײַנטיקס יאָר איז אַרויס אַ נײַע אויפלאַגע פונעם קורצן קורס אין ייִדיש מיט אַ טיראַזש פון 35 טויזנט עקז., פון סטאַלינס „פּראַגן פון לעניניזם"—15 טויזנט עקז., „דער מאַרקסיזם און די נאַציאָנאַל-קאָלאָניאַלע פּראַגע" — 10 טויזנט עקז., ביאָגראַ-פיע פונעם כאַווער סטאַלין — 50 טויזנט עקז. עס דאַרף כוץ דעם הײַנטיקס יאָר דערשײַנען אַ צוויי-באַנד פון לענינס געוויילטע ווערק און אַ צוויי-באַנד פון מאַרקס' געוויילטע ווערק. אין אַ פיל גרעסערן טיראַזש ווערט איצט פאַרשפּרייט אויך די ייִדישע קינסטלערישע ליטעראַטור. ס'איז דאָ קעדײַ צו באַמערקן, אַז די ווערק פון די ייִדישע שרײַבער ווערן איבער-געזעצט אויך אין אַנדערע שפּראַכן און ווערן גערן געלייענט. שאָלעם-אַלייכעמס ווערק, וועלכע זײַנען פאַר די לעצטע צוואַנציק יאָר ביז דער רעוואָליוציע דערשינען ניט מער ווי אין צוויי שפּראַכן מיט אַ טיראַזש פון 222 טויזנט עקזעמפּליאַרן, זײַנען פאַר די יאָרן 1917—1939 דערשינען אין פּססר מיט אַ טיראַזש פון 3,2 מיליאָן עקזעמפּליאַרן אין 10 שפּראַכן. דאָס זעלבע די ווערק פון באַזונדערע סאָוועטישע ייִדישע שרײַבער און דיכטער. צום בײַשפּיל, אייניקע ווערק פונעם שרײַבער דעם אָרדענטרעגער פּערעץ מאַרקיש האָבן פאַר די יאָרן 1922—1939 אויסגעהאַלטן אַף 3 שפּראַכן 27 אויפלאַגעס מיט אַ טיראַזש פון 119,3 טויזנט עקזעמפּליאַרן. די ווערק פונעם שרײַבער דעם אָרדענטרעגער ל. קוויטקאָ זײַנען פאַר די

יאָרן 1928—1939 דערשינען אפ 22 שפּראכן מיט א טיראזש פון קימאט $6^1/_2$ מיליאָן עקזעמפּליארן.

אין פּססר (אויסער די מײַרעוו-געגנטן און די באלטישע רעפּובליקן) דער-שײַנען איצט 5 יידישע צײַטונגען (דערינ 3 טעגלעכע) און 5 ליטערארישקינסטלערישע זשורנאלן.

מיר האָבן געגעבן א קורצן איבערבליק פון דער קולטור-בויונג צווישן דער יידישער באפעלקערונג אין פּססר אינגאנצן גענומען. א באזונדערן אינ-טערעס שטעלן מיט זיך פאָר די אנטשפּרעכיקע צײַגערס אף דעם דאָזיקן געביט, וואָס זײַנען נעגייע דער יידישער אווטאָנאָמער געגנט.

דאָס אלגעמיינע בילד פון דער קולטור-בויונג זעט דאָ אויס אזוי:

אָביעקטן (1938/39 י.)	צײַגערס	אָביעקטן (1938/39 י.)	צײַגערס
אָנפאנגלעכע, ניט־פולע מיטל־שולן און מיטלשולן (אין איינסן)	107	עס לערנען זיך אין ארבפאקן און אין מיטלשולן פאר דערוואקסענע (אין טויזנטער) .	0,6
צאָל שילער אין זיי (אין טויזנטער)	16,6	מאסן־ביבליאָטעקן (אין איינסן)	39
דערפון אין די 5־טע—10־טע קלאסן (אין טויזנטער) . .	5,2	אין זיי (אין טויזנטער) ביכער .	121,5
עס לערנען זיך אף יעדע 1000 איינוווינער (אין איינסן) .	153	אף יעדע 1000 איינוווינער קומט אויס ביכער . .	1121
דערפון אין די 5־טע—10־טע קלאסן	48	צאָל קלובן (אין איינסן) . .	41
עס לערנען זיך אין די טעכניקומס און ספּעציעלע מיטלשולן (אין טויזנטער) . .	0,6	צאָל איינוווינער, וואָס קומט אויס אף יעדן קלוב . .	2644
		צאָל טעאטערן	1
		וויסנשאפטלעך־פאָרשערישע אנשטאלטן	1
		צאָל צײַטונגען	9

אפ יעדע 1000 אײַנוווינער פון דער יידישער אווטאָנאָמער געגנט לערנען זיך 153 קינדער און יוגנטלעכע אין די אָנפאנגשולן, ניט-פולע מיטלשולן און מיטלשולן, אפ יעדע 1000 אײַנוווינער קומט אויס דורכ-שניטלעך 1121 ביבליאָטעק-ביכער, אפ יעדע 2,5 טויזנט אײַנוווינער קומט אויס איין קלוב; די דאָזיקע אלע קולטור-אינסטיטוציעס זײַנען אופגעקומענ מערסטנטייל פאר די יאָרן פון דער יידישער איבערוואנדערונג אין דער געגנט, און באזונדערס פאר די לעצטע 6 יאָרן, זינט דער בירָאבידזשאנער ראיאָן איז פארוואנדלט געוואָרן אין דער יידישער אווטאָנאָמער געגנט. די פּערספּעקטיוון פונעם ווײַטערדיקן וווקס פון דער יידישער סאָוועטישער קולטור אין דער געגנט זײַנען דירעקט פארבונדן מיטן פארנעם פון דער יידישער איבערוואנדערונג אהין.

אויך אין די איבערוואנדערישע קאָלווירטן פון קרים און אין די נאַציאָנאַלע ייִדישע ראַיאָנען פון אוקראַינע איז היפּש געשטיגן די קולטור-בויונג צווישן דער באפעלקערונג. אפּ דער טעריטאָריע פון די קרימער איבערוואנדערישע קאָלווירטן געפינען זיך הער 80 שולן (דערינ — 3 מיטלשולן), איין טעכניקום, 30 קלובן. אין קאַלינינדאָרפער ראַיאָן (אוססר) זיינען פאַראַן 43 שולן, 2 טעכניקומס (אן אגראָנאָמישער און א פּעדאגאָגישער), א צענטראַלע ביבליאָטעק מיט 17 טויזנט ביכער, א ראַדיאָ-קנופּ, וואָס באַדינט 250 פונקטן.

סטאַלינדאָרפער ראַיאָן (אוססר) פארמאָגט 71 שולן מיט 7500 שילער, 60 קולטור-הייזער, 68 ביבליאָטעקן. דער ראַיאָן איז ראַדיאָפיצירט, קינאָפיצירט און עלעקטריפיצירט. א טעלעפאָן-נעץ פאַרייניקט דעם ראַיצענטער מיט אַלע דאָרפסראַטן פון ראַיאָן.

דרייסיק שולן, דערינ 21 אָנפאַנגלעכע, 6 ניט-פולע מיטלשולן און דריי מיטלשולן האָט פארמאָגט דער נייַ-זלאטאָפּאָליער ראַיאָן (אוססר) שוין צום 1937 יאָר. אין די דאָזיקע שולן לערנען זיך 3,5 טויזנט שילער. דער ראַיאָן פארמאָגט עטלעכע צענדליק ביבליאָטעקן מיט א ביכער-פאָנד פון העכער 20 טויזנט איינסן, בא 20 קלובן, א קלאנגגען-קינאָ און 5 באוועגלעכע קינאָ, אכט לאבאָראטאָריע-שטיבלעך, בא 20 רויטע ווינקלען.

אויך די שטייגערישע באַדינגונגען אין די קרימער קאָלווירטן און אין די נאַציאָנאַלע ראַיאָנען פון אוססר האָבן זיך באַדייטנדיק פארבעסערט. די ראַיאָנען זיינען באַרייכערט געוואָרן מיט נייע שפּיטאָלן, אמבולאטאָריעס, געבורט-הייזער, בעדער, די יישוווים זיינען באַגרינט געוואָרן, די הייזער — עלעקטריפיצירט, די וועגן — פארבעסערט.

די איינוווינער פון סטאַלינדאָרפער ראַיאָן האָבן פאַר די יאָרן 1938—1939 איינגעקויפט מעבל קימאַט אפ א האַלבן מיליאָן רובל, 600 פּאַטעפאָנען, 300 ראַדיאָ-אפּאראַטן, 400 וועלאָסיפּעדן, מאַנופאַקטור אפּ 3,5 מיליאָן רובל. די דאָזיקע „טרוקענע" ציפער האָבן פיל וואָס צו זאָגן וועגן דעם וווּקס פון דער פארמעגלעכקייט און קולטור אין די ייִדישע נאַציאָנאַלע ראַיאָנען.

פאַר די אָנדערהאַלבן צענדליק יאָרן האָט זיך אינגאַנצן געביטן אויך דער אויסזען פון ייִדישן דאָרף. איבערצייגנדיק דערציילן וועגן דעם די קאָלווירטניקעס גופא. אין דער צייטונג „עמעס" פאַרן 26 יונ 1938 יאָר זיינען געווען אָפּגעדרוקט דערינערונגען פון דריי אַלטע איינוווינער פון ראַטנדאָרף, נייַ-זלאטאָפּאָליער ראַיאָן. דער ערשטער, לייבע ווילשאַנסקי — איז געווען ביזן איבערוואנדערן אן אָרעמער בעקער אין לובען; דער צווייטער, מאָטל טיאָמקין — איז געווען א באַטראַק באַם פּאָרעץ; דער דריטער, ייִסראָעל קאָהאַן — אן אַלטער קאָלאָניסט. דערציילנדיק וועגן זייער ביטערער פאַרגאַנגענהייט, אָרעמקייט, אונטערדריקונג, פּאָגראָם-שרעק אאוו., וואָס זיי

האָבן געהאט אויסצושטיין, באשרײַבן זיי דערנאָך דעם איצטיקן אויסזען פון זייער דאָרף:

„גיט א קוק אפ אונדזער דאָרף: מיר האָבן א 10-יאָריקע שול, אין וועלכער ס'לערנען זיך הונדערטער קינדער פון די קאָלווירטניקעס. 15 לע-רער ארבעטן בא אונדז אין שול. מיר האָבן אן אמבולאטאָריע, א גוטן קאָאָפּעראַטיוו, א געבורט-הויז, א קלוב. אין די אָוונטן ברענט עלעקטרישע שײַן אין די הײַזער פון די קאָלווירטניקעס, אין די גאסן און שטאלן. א פּראָפּעלירטער וועג ציט זיך איבערן דאָרף"...

אינעם קרימער איבערוואנדערישן קאָלווירט „לעניןוועג", איטשקיער ראיאָן, האָבן זיך אין 1938 יאָר געבויט „5 גרויסע וווינונגס-הײַזער פאר די בעסטע סטאכאנאָוועצעס פונעם קאָלווירט. עס איז אָנגעמערקט אויסצובויען א קאָלווירטישע באָד, א ראדיאָ-קנופּ. עס בויט זיך א קאָלווירטישער טעאטער, ווו עס וועט אײַנגעאָרדנט ווערן א סטאציאָנארער קלאנגען-קינאָ. עס ווערט אוועקגע-שטעלט א מעכטיקער עלעקטראָמאָטאָר, וואָס וועט געבן די מעגלעכקײַט די קאָלווירטניקעס צו באנוצן די עלעקטרישע ענערגיע אויך אין לעבנשטיי-גער" (קאָרעספּאָנדענץ פון פּ. זעליאָני, געדרוקט אין „עמעס" פארן 18 אפּרעל 1938 יאָר).

אזעלכע בײַשפּילן פון קולטורעל-שטייגערישן וווקס פונעם יידישן דאָרף קאָן מען ברענגען זייער פיל.

IX. סאָציאַליסטישע דערלייזונג פון דער שטעטל־פּראָבלעם

דער טערמין „שטעטל" האָט שוין לאַנג אויפגעהערט צו עקזיסטירן אין דער אַדמיניסטראַטיוו-טעריטאָריעלער טיילונג פונעם ראַטנפאַרבאַנד. לויט דער הײַנטיקער אַדמיניסטראַטיווער טיילונג פון פּסר זײַנען די פריערדיקע שטעטלעך, אָפּהענגיק פון זייער ווירטשאַפטלעכער און קולטורעלער באַדײַטונג (און אויך פון דעם גראַד באַפעלקערטקײַט זייערער) צוגערעכנט געוואָרן צו שטעט, דערפער, אַרבעטער-ייִשובֿים אאַז״וו. דעריבער געברויכן מיר דעם טערמין „שטעטל" מער ניט ווי באַדינגלעך, באַצייכענענדיק מיט אים אַ ריי ייִשובֿים פון האַלב-שטאָטישן, האַלב-דאָרפישן טיפּ, וואָס געפינען זיך אויף דער טעריטאָריע פון דעם געוועזענעם „תּחום" און וואָס האָבן זיך פריער — צוליב די ספּעציפישע עקאָנאָמישע און קולטורעל-שטייגערישע לעבנס-באַדינגונגען פון זייער באַפעלקערונג — אויסגעטיילט פון אַלע אַנדערע ייִשובֿים.

איינעם ערשטן קאַפּיטל פון דער דאָזיקער אַרבעט האָבן מיר שוין אָנגעוויזן, אַז אויפן פאָן פון דער אַלגעמיינער סאָציאַל-עקאָנאָמישער אָפּגעשטאַנענקײַט פון דער ייִדישער באַפעלקערונג איינעם פאַררעוואָלוציאָנערן רוסלאַנד האָט זיך באַזונדערס אין דער דאָזיקער הינזיכט אויסגעטיילט די שטעטלדיקע באַפעלקערונג. אין צײַט פון בירגערקריג האָבן די אַזויגערופענע ייִדישע שטעטלעך איבערגעלעבט אַ מוראדיקע כוואַליע קאָנטררעוואָלוציאָנערע פּאָגראָמען, וואָס האָבן פיזיש אויסגעראָטן אַ היפּשן טייל פון דער ייִדישער באַפעלקערונג. אַ ריי שטעטלעך איז בײַם די דאָזיקע בלוטיקע געשעענישן בוכשטעבלעך אָפּגעמעקט געוואָרן פון דער ערד.

נאָך דעם ווי דער בירגערקריג האָט זיך געענדיקט, אין משך פון דעם אויפשטעלונגס-פּעריאָד און הויפּטזאַכלעך פאַר די ערשטע צוויי סטאַלינישע פינפיאָרן, האָט די שטעטלדיקע באַפעלקערונג ווירטשאַפטלעך און קולטורעל אויפגעלעבט. די אינטענסיווע געאָגראַפישע איבערגרופּירונג פון דער ייִדישער באַפעלקערונג, וואָס האָט זיך אָנגעהויבן איינגיכן נאָך דער אָקטיאַבער-רעוואָלוציע, און די אינדוסטריאַליזירונג פונעם לאַנד האָבן אַרויסגערופן אַן אָפּפלוס פון אַ באַדײַטנדיקן טייל ייִדישע באַפעלקערונג פון די שטעטלעך אין די שטעט אַרײַן. אין דער זעלבער צײַט האָט די ראַטנמאַכט דורכגעפירט בענעגייע די שטעטלעך אַ ריי מאָסמיטלען אויף צו פּראָדוקטיוויזירן די דאָרטיקע דעקלאַסירטע אָרעמשאַפט אויפן אָרט גופא.

דאָס פאַרייניקן די שטעטלשע אָרעמשאַפט אינ פּראָדוציר-אַרטעלנ פונ דער געווערב-קאָאָפּעראַציע אונ אינ בײַשטעטלדיקע קאָלווירטנ, דאָס אַרײַנציִענ די ייִדישע אַרבעטנדיקע אינ די אונטערנעמונגענ פונ דער אָרטיקער אינדוסטריע אונ אפנ טראַנספּאָרט, די קאָמונאַלע בויונג אינ די שטעטלעכ אונ זייער אַלגעמײנע וויל-אײַנאָרדענונג — דאָס אַלצ האָט געבראַכט דערצו, אַז אויכ אינ די שטעטלעכ איז פאָרגעקומענ אַ פולשטענדיקע סאָציאַלע רעקאָנסטרוקציע פונ דער ייִדישער באַפעלקערונג. מיר קאָנענ דאָס זענ אפנ בײַשפּיל פונ 25 שטעטלעכ, וואָס זײַנענ אינמיטנ צווייטנ פינפיאָר אויסגעפאָרשט געוואָרנ אפ אַנ עקספּעדיציע-אויפנ, אָט איז די רעשימע פונ די שטעטלעכ:

אוססר

קאָראָסטישעוו, זוועניגאָראָדקע, פּליסקאָוו, רוזשינ, סקווירע, טאַלנע, זלאַטאָפּאָל, אָווורוטש, כאַבנע, זאָלאָטאָנאָשע, סמילע, פּערעיאַסלעוו.

ווססר

שטשעדרינ, הלוסק, דריסע, אָסוועיע, טשאַשניקי, סענע, טשערווענ, נאַראָווליע, טוראָוו, אָזאַריטשי, טשאַוסי, קאָסטיוקאָוויטשי, קראַסנאָפּאָליע.

דער סאָציאַלער באַשטאַנד פונ דער זעלבסטעטיקער ייִדישער באַפעלקערונג אינ אַלע אויסגעפאָרשטע שטעטלעכ האָט אויסגעזענ אַזוי:

סאָציאַלע גרופּעס	שטעטלעכ פונ אוססר	שטעטלעכ פונ ווססר
	אינ פּראָצענטנ צומ סאַכאַקל	
אַרבעטער	25,6	25,3
אָנגעשטעלטע	32,7	35,2
קוסטאַרנ (הויפּטזאַכלעכ קאָאָפּערירטע)	30,1	26,4
קאָלווירטניקעס	3,2	5 5
פרײַע פּראָפעסיעס	0,4	0,2
אָנ באַשטימטע באַשעפטיקונגענ	1,3	1,5
מעלוכע-פּענסיאָנערנ אונ אַנדערע	6,7	5,9
סאַכאַקל זעלבסטעטיקע	100,0	100,0

מיר זעענ, אַז צווישנ די איבערגערעכנטע סאָציאַלע גרופּעס פונ דער שטעטלשער ייִדישער באַפעלקערונג פיגורירט שוינ מער ניט די גרופּע פּריוואַטע הענדלער, אינ וועלכער עס זײַנענ פריִער געווענ אײַנגעשלאָסנ אויכ די שטעטלשע „לופט-מענטשנ“. דער דאָזיקער פּערסאָנאַזש איז אינעמ איצ-

טיקן סאָוועטישנ שטעטל לאכלוטנ פארשווונדנ. מיר זעענ מער ניט אויכ די גרופּע ארבעטלאָזע, וועלכע איז דאָרט, גלײַכ ווי אינ די איבעריקע ווינ-ערטער, נאָכ דעמ 1930/1929 יאָר — דעמ יאָר פונעמ גרויסנ איבערבראָכ אינ דער פאָלקסווירטשאפט פונעמ ראטנפארבאנד, — אינגאנצנ פארשווונדנ.

דער איבערוועגנדיקסטער טייל פונ דער יידישער שטעטלדיקער באַפעלקערונג באשטייט איצט פונ ארבעטער אונ אָנגעשטעלטע. אינ די שטעט אונ שטעטלעכ פונ אוקראינע אונ ווײַסרוסלאנד זײַנענ סאָפ 1926 יאָר געוועג באשעפטיקט אלס ארבעטער אונ אָנגעשטעלטע מער ניט ווי 37 פּראָצענט פונ אלע זעלבסטעטיקע יידנ, אונ אינ די שטעטלעכ גופּע איז דער פּראָצענט פונ יידישע לוינ-ארבעטער געווענ נאָכ א קלענערער. איצט באַטרעפט דער דאָזיקער צײַגער בא 60 פּראָצענט, דערבײַ האָט זיכ דאָס ספּעציפישע געוויכט פונ די ארבעטער פארגרעסערט אינ אָנדערהאלבנ מאָל. אינעמ שטעטל קאָראָסטישעוו מאכנ אויס די ארבעטער אונ אָנגעשטעלטע 52,2 פּראָצענט צווישנ דער זעלבסטעטיקער יידישער באפעלקערונג, אינ סקווירע — 56,1 פּראָצענט, אינ טאלנע — 59,2 פּראָצענט, אינ רוזשינ — 71,4 פּראָצענט, אינ דריסע — 67 פּראָצענט, אינ סענע — 58,9 פּראָצענט אאוו. דערבײַ דארפנ מיר נאָכאמאָל דערמאָנענ, אז צומ מאָמענט פונ דער ציילונג פונ 1926 יאָר איז א באדײַטנדיקער טייל פונ די פארעגיסטרירטע ארבעטער געווענ נאָכ פארנומענ אלס לערנייִנגלעכ אינ די קוסטאר-וואַרשטאָטנ, בייס איצט זײַנענ די יידישע ארבעטער באשעפטיקט דורכויס אינ דער סאָציאליסטישער אינדוסטריע אונ אפּ די בויונגענ.

די שטעטלדיקע ארבעטנדיקע יוגנט איז מאסנווײַז אָנגעקומענ אינ דער אינדוסטריע, מערסטנטייל אויסער די גרענעצנ פונ זייערע געבורט-ערטער — אינ די גרויסע אינדוסטריעלע צענטערס פונעמ ראטנפארבאנד. אָבער אויכ אינ די שטעטלעכ גופּע זײַנענ אינ רעזולטאט פונ אויספילנ די ערשטע צוויי סטאלינישע פינפיאָר-פּלענער אופגעקומענ אינדוסטריעלע אונטערנעמונגענ, אינ וועלכע עס איז אויסגעוואקסנ א באדײַטנדיקער שיכט יידישע ארבעטער. יידישע שטעטלדיקע ארבעטער זײַנענ פארנומענ אינ אזעלכע אונטערנעמונגענ, ווי דער האָלצ-באארבעטנדיקער זאוואָד אינ לעטיטשעוו, דער צוקער-זאוואָד אינ טאָמאשפּאָל, די געוואנט-פאבריק אונ דער גוס-מעכאנישער זאוואָד אינ דונעוועצ, דער פּאָרצעלײַ-זאוואָד אינ פּאָלאָנע, די פּאפּיר-פאבריק אונ דער פּאָרצעלײַ-זאוואָד אינ סלאַוווטע, די מעבל-פאבריק אינ אָווורוטש, דער לײַנ-זאוואָד אינ דריסע, די פּאפּיר-פאבריק אינ טשאשניקי אאוו. אדג. די יידישע שטעטלדיקע ארבעטער זײַנענ באשעפטיקט אינ די אָרטיקע עלעקטראָסטאנציעס, אפּ די ספּירט-זאוואָדנ, אינ די מילנ, אינ די דרוקערײַענ, אינ די דערבײַיקע ראטווירטנ אונ מאשינ-טראקטאָר-סטאנציעס. אינ א געוויסער צאָל ארבעטנ זיי אויכ אלס בויער אונ שווארצ-ארבעטער.

די ייִדישע אָנגעשטעלטע פונעם הײַנטיקנ סאָוועטישנ שטעטל זײַנענ פארנומענ אינ די אָרטיקע אָרגאנענ פונ דער ראטנמאכט, אינ די מעלוכישע אונ קאָאָפּעראטיווע האנדלס-אנשטאלטנ; זיי זײַנענ לערער אינ די שולנ, טוער פונ מעדיצינ אונ סאניטאריִע אאוו.

די ייִדישע באפעלקערונג, וואָס איז פארנומענ אינ דער שטעטלדיקער קוסטאר-אינדוסטריע, איז אפּ 70—80 פּראָצענט פארייניקט אינ פּראָדוציר-ארטעלנ פונ דער געווערב-קאָאָפּעראציע. אינ אוסער אונ ווסער איז פאראנ א גרויסע צאָל ארטעלנ אינ די שטעטלעכ, ווו די גרעסטע מערהײַט מיט-גלידער באשטייט פונ ייִדנ. דאָס איז צו זענ פונ פאָלגנדיקער אָפּקלײַב-טאבעלע, וואָס איז צונויפגעשטעלט לויט די אָנגאבנ, וועלכע באציִענ זיכ צומ מיטנ פונעמ צווייטנ פינפיאָר:

טעריטאָריע אונ וווינ-פונקטנ	דער ארבעט-צווײַג פונעמ ארטעל	פּראָצענט ייִדנ צווישנ די ארטעל-מיטגלידער
אוסער		
דראזשנע	פילפאכיקער	89
זוועניגאָראָדקע	כימישער	91
כאבנע	ניי-ארטעל	100
לעטיטשעוו	פילפאכיקער	100
מעדזשיבאָזש	שפּײַז-ארטעל	71
פּאָלאָנע	שפּײַז-ארטעל	88
סמילע	כימישער	90
סקווירע	ניי-ארטעל	100
שפּאָלע	שפּײַז-ארטעל	90
ווסער		
קאָסטיוקאָוויטשי	שוסטער-ארטעל	61
קראסנאָפּאָליע	מעטאל-ארטעל	100
נאראָווליע	שוסטער- אונ רימער-ארטעל	61
סענע	שוסטער-ארטעל	81
טשערווענ	מעטאל-ארטעל	69

מיט וואָס פארא טעמפּנ עס קומט פאָר דער קאָאָפּערירונג-פּראָצעס צווישנ די שטעטלדיקע קוסטארנ איז צו זענ פונ פאָלגנדיקע אָפּקלײַב-צײַגערס: אינ דעמ זוועניגאָראָדקער זייפ-ארטעל האָט זיכ די צאָל מיטגלידער פאר דער צײַט 1935—1937 פארטאָפּלט, אינ דעמ טראנספּאָרטלער-ארטעל פונ דעמ זעלביקנ שטעטל האָט זיכ די צאָל מיטגלידער פאר דעמ דער-מאָנטנ פּעריִאָד פארגרעסערט אינ אָנדערהאלבנ מאָל, אינ דעמ פילפאכיקנ ארטעל פונ דעמ שטעטל קאָראָסטישעוו — אינ צוויי א האלבנ מאָל, אינ דעמ פילפאכיקנ ארטעל פונ דעמ שטעטל מעדזשיבאָזש — קימאט אינ דרײַ מאָל, אינ דעמ ניי-ארטעל פונ סקווירע — אינ פיר מאָל אאוו.

די איצטיקע קאָאָפּערירטע קוסטאַרן זײַנען, פאַרשטייט זיך, גאָר ניט ענלעך צו די אַמאָליקע פאַרפּינצטערטע און דערשלאָגענע שטעטלדיקע באַל־מעלאָכעס. די אַרטעל־פאַרייניקונג אַכוץ דעם, וואָס זי פאַרזיכערט דעם שטעטלדיקן קוסטאַר אין הינזיכט פון באַזאָרגונג מיט רוישטאָף און אָפּזאַץ פון דער פּראָדוקציע, שאַפט זי נאָך פאַר אים און פאַר זײַן פאַמיליע אויך די געהעריקע קולטור־שטייגערישע באַדינגונגען. די פּראָדוציר־קאָאָפּערירונג שאַפט באַם שטעטלדיקן קוסטאַר אַ פולשטענדיקע זיכערקײַט אין מאָרגע־דיקן טאָג, דערנעענטערט אים צו די עקזיסטענץ־באַדינגונגען פון דעם גרויס־אינדוסטריעלן אַרבעטער, הייבט אויף זײַן קולטור־ניוואָ. די קוסטאַר־אַרטעלן באַגלײַכן מיט די אונטערנעמונגען פון דער אָרטיקער אינדוסטריע שטעלן טאַקע מיט זיך פאָר יענע ווירטשאַפטלעכע אָביעקטן פון דעם מאָ־דערנעם סאָוועטישן שטעטל, אַרום וועלכע עס קאָנצענטרירט זיך אויך דאָס געזעלשאַפטלעך־קולטורעלע לעבן פון דער שטעטלדיקער אַרבעטנדיקער באַ־פעלקערונג.

די פערטע (נאָך די אַרבעטער, אָנגעשטעלטע און קאָאָפּערירטע קוס־טאַרן) וויכטיקסטע סאָציאַלע גרופּע — דאָס זײַנען די ערדאַרבעטער־מיטגלי־דער פון די בײַשטעטלדיקע קאָלווירטן, וואָס זײַנען אָרגאַניזירט אין אַ באַדײַטנדיקער צאָל אין די קליינע ווינ־ערטער פון אוקראַינע, ווײַסרוס־לאַנד און אין דער געוועזענער מײַרעווי־געגנט פון רספסר.

אין די 25 אויסגעפאָרשטע שטעטלעך, ווי מיר האָבן געזען, באַטרעפן די קאָלווירטניקעס צווישן דער יידישער באַפעלקערונג ניט קיין גרויסן פּראָצענט. אין פאַרשיידענע טיפּן שטעטלעך איז דער פּראָצענט פאַרשיידן, אָפּהענגיק דערפון, צי אינעם געגעבענעם שטעטל איז פאַראַן אַ בײַשטעטל־דיקער קאָלווירט און ווי גרויס ער איז. אַזוי, צום בײַשפּיל, אין נאַראָווליע באַטרעפט דער דאָזיקער פּראָצענט 21, אין קאָראָסטישעוו — 14, אין רו־זשין — 10 אַאַוו.

די בײַשטעטלדיקע קאָלווירטן האָבן זיך פאַר די לעצטע יאָרן אָרגאַ־ניזאַציאָנעל־ווירטשאַפטלעך באַדײַטנדיק פאַרפעסטיקט. דאָס איז צו זען אויך פונעם וווקס פון דער צאָל יידישע בײַשטעטלדיקע קאָלווירטניקעס. אַזוי, צום בײַשפּיל, האָט זיך פאַר די יאָרן 1931—1935 די יידישע באַפעלקערונג אין 37 אויסגעפאָרשטע בײַשטעטלדיקע קאָלווירטן פון אוססר פאַרגרעסערט אויף 41 פּראָצענט, אין 11 אויסגעפאָרשטע בײַשטעטלדיקע קאָלווירטן פון ווססר — אויף 80 פּראָצענט און אין 7 קאָלווירטן פון דער געוועזענער מײַרעווי־געגנט — אויף 25 פּראָצענט.

אַדאַנק דער פּראָדוקטיווער אַרבעט אין די בײַשטעטלדיקע קאָלווירטן, בײַקומענדיק דעם ווידערשטאַנד פונעם קלאַסן־סוינע, האָט די געוועזענע דעקלאַסירטע יידישע אָרעמשאַפט אין אַ היפּשער מאָס אויסגעלעבט אירע קליינבירגערלעכע און רעליגיעזע פאָרורטיילן. אין קאַמף קעגן קלאַסן־

סוינע, קעגן די באַלעגופיש-ספּעקוליאַנטישע עלעמענטן, וועלכע ס'איז צומאָל געלונגען דורכצושמוגלען זיך אין די ביישטעטלדיקע קאָלווירטן און אַפילו אין זייערע פּאַרוואַלטונגען, קעדיי ווי וויַט מעגלעך צו שעדיקן אין דער אַר-בעט, האָבן די קאָלווירטן זיך פּאַרפעסטיקט, זייַנען זיי געוואָרן באַל-שעוויסטישע קאָלווירטן און האָבן געזיכערט פאַר די קאָלווירטניקעס אַ פּאַר-מעגלעך און קולטורעל לעבן.

צווישן די ביישטעטלדיקע קאָלווירטן איז פאַראַן אַ גאַנצע רײ פּאָר-געשריטענע ווירטשאַפטן. אָט, צום בײַשפּיל, דער יאַרוגער ייִדישער ביי-שטעטלדיקער קאָלווירט: די ווײַנטרויבן-גערטעניש האָט דאָרט אין 1933 יאָר באַטראָפן 20 צענטנער פון אַ העקטאַר, אין 1934 יאָר — 45 צענטנער, אין 1935 — 55 צענטנער, אין 1936 — 70 צענטנער, אין 1937 יאָר — 105 צענט-נער; אַלזאָ, אַ פינף-פאַכיקער וווקס פון דער ווײַנטרויבן-גערטעניש אין משך פון אַ וואָסערע פיר יאָר. פאַר צוויי יאָר (1935—1937) האָט זיך די געלט-האַכנאָסע פון דעם קאָלווירט פאַרדרייפאַכט. דער דורכשניטלעכער ווערט פון אַן אַרבעט-טאָג אין 1937 יאָר לעגאַבע דעם 1936 יאָר געשטיגן אויף 25 פּראָצענט. דער קאָלווירטניק שאָלעם שוכבערג האָט אין 1937 יאָר „אויסגעאַרבעט" 440 אַרבעט-טעג, באַקומען מעזומען געלט 7400 רובל, כוץ דעם 10 צענטנער ברויט און 8 צענטנער ווײַנטרויבן. דער קאָלווירטניק קאָמיוגיסט שלוימע קעסלמאַן האָט פאַר זיינע אַרבעט-טעג באַקומען 7310 רובל, אַכוץ ברויט און ווײַנטרויבן, דער קאָלווירטניק מוישע זשוק — 5795 רובל [1]. אַזעלכע ביישטעטלדיקע קאָלווירטן איז פאַראַן ניט ווייניק, און ניט אומזיסט האָט אַ טייל פון זיי (יאַרוגער קאָלווירט. שפּאָלער קאָלווירט א.נ. „מאָלאָטאָוו" און אַ רײ אַנדערע) געהאַט דעם קאָוועד צו זייַן פאַרגעשטעלט אויף דער אַלפאַרבאַנדישער לאַנדווירטשאַפטלעכער אויסשטעלונג.

דאָס אַלטע שטעטל מיט זייַן כיידער, מיטן בעסמעדרעש אַלס „געזעל-שאַפטלעכער צענטער" פון דער ייִדישער באַפעלקערונג איז געבליבן אין אָווער. דאָס איצטיקע סאָוועטישע שטעטל איז אַ בעעמעס פאָרגעשריטענער קולטורעל-ווירטשאַפטלעכער יישעוו. לאָמיר נעמען דאָס שטעטל לינעץ, וויניצער געגנט, אוסער. דאָס דאָזיקע שטעטל פאַרמאָגט איצט אַ גרויסן צוקער-זאַוואָד, אַ מאַשין-טראַקטאָר-סטאַנציע, אַ מעכטיקע עלעקטראָסטאַנציע, אַ רײ קוסטאַר-אַרטעלן, עטלעכע מאַגאַזינען, צוויי שולן, אַן אַגראָשול, אַן אָוונט-שול פאַר דערוואַקסענע, אַ ביבליאָטעק מיט אַ ביכער-פאָנד פון 10 טויזנט בענדער. וועגן דעם הויכן מאַטעריעלן און קולטורעלן ניוואָ פון דער באַפעלקערונג אין דעם אָנגערופענעם שטעטל זאָגט איידעס דער פאַקט, וואָס פאַר איין טאָג (דעם 1 סענטיאַבער 1938 י.) איז אין די לי-נעצער מאַגאַזינען פאַרקויפט געוואָרן פאַרשיידענע סכוירעס אויף 27 טויזנט

1 פון אַ קאָרעספּאָנדענץ אין „עמעס" פון 15 סענטיאַבער 1938 י.

רובל. פאר פיר טעג איז אפּ דעם ספּעציעל אָרגאניזירטן שול-מארק פאר-קויפט געוואָרן 43 טויזנט העפּטן. לינעצ איז א טיפּיש שטעטל, און די געבראַכטע פאקטן זײַנען כאראקטעריסטיש פאר פיל אנדערע סאָוועטישע שטעטלעך.

ביז דער גרויסער אָקטיאבער־רעוואָליוציע איז די יִידישע שטעטלדיקע אָרעמשאפט מאכמעס איר סאָציאַל-עקאָנאָמישער און קולטורעלער אָפּגעשטאנענ־קײַט געווען קימאט ווי אינגאנצן איזאָלירט פון דעם גאנצן ארומיקן לעבן אין לאנד. גאָר אנדערש איז איצט: ניט רײדנדיק שוין וועגן דעם, וואָס קימאט יעדע שטעטלשע פאמיליע האָט אירע פאָרשטייער אין דער רויטער ארמיי און פלאָט, אין די גרויסשטאָטישע אונטערנעמונגען, הויכשולן, צווישן די טוער פון וויסנשאפט און קונסט און איז אזויארום צוזאמענגעבונדן דורך קרויווים און פרײַנט מיט פארשיידענע טיילן פונעם לאנד, — ניט רײדנדיק שוין וועגן דעם, אָריענטירט זיך גלײַכצײַטיק מיט דעם די אר־בעטנדיקע שטעטלדיקע באפעלקערונג און ווײַזט ארויס אן אקטיווע פארינטערעסירטקײַט אין די ווירטשאפטלעכע און פּאָליטישע פראגן, וואָס זײַנען נעגייע דעם לאנד אינגאנצן. דאָס האָט זי, אגעוו, בוילעט דעמאָנסטרירט בײַס די וואל-קאמפאניעס.

אין סאַכאַקל זעען מיר אָט וואָס:

די שטעטלעך האָבן געגעבן א באדײַטנדיקן טייל פון זייער יִידישער באפעלקערונג אפּ די סאָציאַליסטישע אונטערנעמונגען און בויונגען אין פארשיידענע ערטער פונעם ראטנפארבאנד און א געוויסן טייל — פאר דער פלאנעווער איבערוואנדערונג אפּ די דורכויסיקע ערד-פאָנדן. גלײַכצײַטיק דערמיט האָט די ראטנמאכט דורך א ריי עקאָנאָמישע מאָסמיטלען דורכגעפירט א ראדיקאלע סאָציאַלע רעקאָנסטרוקציע פון דער שטעטלדיקער באפעלקערונג אפּן אָרט גופא. די אזויגערופענע „שטעטל-פּראָבלעם” אין פּסער עקזיסטירט שוין מער ניט. זי איז דערלייזט געוואָרן אפּ א סאָציאַליסטישן אויפן.

X. שלוֹס.

א פריידיקער באלאנס

מיר קאָנענ איצט אונטערציִענ אייניקע סאכאקלענ. די סאָוועטנ-מאכט, וואָס האָט גלײַכ פונ די ערשטע טעג אָנ פונ איר עקזיסטענצ פולשטענדיק ליקווידירט די ייִדישע רעכטלאָזיקײַט, האָט שוינ אינ דער צײַט פונ בירגער-קריג אָנגעהויבנ דורכצופירנ אויכ געוויסע עקאָנאָמישע מאָסמיטלענ אפ געזונט צו מאכנ די לאגע פונ די ייִדישע ארבעטנדיקע אונ פונ דער ייִדישער אָרעמשאפט. דאנ נעמלעכ איז געמאכט געוואָרנ אנ אָנהייב פאר דער פּלאנמעסיקער ערד-אײַנאָרדענונג פונ די ייִדנ אינ פססר.

נאָכנ בירגערקריג, אינ דעמ אופשטעלונגס-פעריִאָד, האָט זיכ אָנגעהויבנ א פארשטארקטע פּלאנמעסיקע לאנדווירטשאפטלעכע אײַנאָרדענונג פונ ארבעטנדיקע ייִדנ אינ קרימ, אפ אוקראִינע אונ אינ ווײַסרוסלאנד. אינ דעמ דאָזיקנ פעריִאָד האָט זיכ אויכ אָנגעהויבנ דאָס ארײַנדרינגענ פונ די ייִדישע ארבעטנדיקע אינ דער גרויס-אינדוסטריע אונ עס האָט זיכ קענטיק פארקלענערט דאָס ספּעציפישע געוויכט פונ די האנדלס-פארמיטלערישע אונ ניט-ארבעטנדיקע עלעמענטנ צווישנ דער ייִדישער באפעלקערונג.

די ווײַטערדיקע סאָציִאלע רעקאָנסטרוקציע פונ די ייִדישע מאסנ אינ פססר איז פאָרגעקומענ אינ די פעריִאָדנ פונ דער אינדוסטריִאליזאציע פונ-נעמ לאנד אונ פונ דער קאָלעקטיוויזאציע פונ דער לאנדווירטשאפט, אינ פארלויפ פונ די ערשטע צוויי סטאלינישע פינפיאָרנ. אינ רעזולטאט פונ די מאָסמיטלענ, וואָס זײַנענ דורכגעפירט געוואָרנ דורכ דער פּארטיי אונ רעגירונג מיטנ צוועק סאָציִאל-עקאָנאָמיש געזונט צו מאכנ די ייִדישע מאסנ, אונ הויפּטזאכלעכ אינעמ אלגעמיינעמ פּראָצעס פונ דעמ פּאָלקסווירטשאפטלעכנ אופשוווּנג פונעמ סאָוועטנ-לאנד, איז שוינ צו דער צווייטער העלפט פונ צווייטנ סטאלינישנ פינפיאָר פאָרגעקומענ די ענדגילטיקע רעקאָנסטרוקציע פונ דער ייִדישער באפעלקערונג אינ פססר.

דער סאָציִאלער „באלאנס” פונ דער ייִדישער באפעלקערונג אינ פססר איז איצט אזא, אז פונ איינ זײַט, זײַנענ אינגאנצנ פארשוווּנדנ די ניט-פּראָדוקטיווע, ניט-ארבעטנדיקע אונ פּאראזיטארישע שיכטנ פונ דעמ סאָוועטישנ ייִדנטומ, פונ דער צווייטער זײַט — האָבנ צווישנ דעמ סאָוועטישנ ייִדנטומ באקומענ אנ אבסאָליוטע איבערוואָג די ארבעטער אונ אָנגעשטעל-

טע, באַ אַ מערקבאַרן געוויכט פֿונעם קאַלווירטישן ייִדישן פֿויערטום און קאָאָפּערירטן קוסטאַרנטום. דער באַלאַנס, ווי מיר זעען, איז אַ העכסט פּריידיקער און איז אַ הערלעכע אילוסטראַציע דערפֿון, וויאַזוי ס׳איז אין רעזולטאַט פֿונעם קאָנסעקווענטן פֿאַרווירקלעכן די לעניניש-סטאַליניש נאַציאָנאַלע פּאָליטיק ראַדיקאַל און פֿולשטענדיק דערלייזט געוואָרן די „ייִדן-פֿראַגע״ אין פּססר.

די סאָציאַל-עקאָנאָמישע רעקאָנסטרוקציע פֿון דער ייִדישער באַפֿעלקערונג, דער וווּקס פֿון איר מאַטעריעלן וווילשטאַנד האָט זיך גינסטיק אָפּגערופֿן אַפֿן נאַטירלעכן צוּוווּקס פֿון דער ייִדישער באַפֿעלקערונג. ווען מיר נעמען, צום בײַשפּיל, די אַנטשפּרעכיקע אָנגאַבן פֿאַר קאַלינינדאָרפֿער ראַיאָן, איבערצײַגן מיר זיך, ווי באַדײַטנדיק עס איז דאָרט אויסגעוואַקסן די געבירטלעכקײַט און פֿאַרקלענערט געוואָרן די שטערבלעכקײַט פֿון דער באַפֿעלקערונג: פֿאַר צען כּאַדאָשים פֿון 1933 יאָר זײַנען אין קאַלינינדאָרפֿער ראַיאָן געבוירן געוואָרן 198 קינדער, בעת פֿאַר צען כּאַדאָשים פֿון 1936 יאָר זײַנען דאָרט געבוירן געוואָרן 363 קינדער. פֿאַרקערט, די צאָל געשטאָרבענע האָט זיך פֿאַר דעם זעלביקן פּעריאָד פֿאַרקלענערט פֿון 79 ביז 18. אין נײַ-זלאַטאָפּאָליער ראַיאָן האָט די צאָל געבוירענע פֿאַר פֿינף כּאַדאָשים פֿון 1936 יאָר אַריבערגעשטיגן אין פֿינף מאָל די צאָל געשטאָרבענע. פֿאַרשטענדלעך, אַז פֿאַר די יאָרן 1936—1939 איז דער צוּוווּקס נאָך מער געשטיגן.

צווישן די נײַ-צוגעקומענע מיליאָנען סאָוועטישע בירגער פֿון די באַפֿרײַטע געגנטן און רעפּובליקן געפֿינען זיך העכער צוויי מיליאָן ייִדן. די באַדײַטונג פֿון דעם דאָזיקן אומשטאַנד פֿאַר דער ווײַטערדיקער אַנטוויקלונג פֿון דער סאָציאַליסטישער בויונג צווישן די ייִדישע מאַסן פֿון פּססר, פֿאַר דעם וווּקס פֿון דער ייִדישער אויטאָנאָמער געגנט, פֿאַר דער ווײַטערדיקער אַנטוויקלונג פֿון דער ייִדישער סאָוועטישער קולטור טאָר מען נישט ניט דערשאַצן.

אָט אַזוי זעט איצט אויס דאָס באַנײַטע ייִדישע פֿאָלק אינעם לאַנד פֿון די ראַטן.

און פֿון יענער זײַט גרענעץ? ווי גרויס ס׳איז ניט געווען דער שוידער, וואָס דעם ייִדישן פֿאָלק איז אויסגעקומען איבערצוטראָגן אין דעם צאַרישן רוסלאַנד, איז עס אָבער ניט צו פֿאַרגלײַכן מיט דעם, וואָס די ייִדישע מאַסן האָבן אויסצושטיין אין אַזוינע פֿאַשיסטישע הענקער-מעלוכעס, ווי דײַטשלאַנד, רומעניע און אַנדערע לענדער, וווּ ס׳ווילדעוועט דער פֿאַשיזם. די גרוילן פֿון דער שפּאַנישער אינקוויזיציע ווערן בלאַס אין אָנגעזיכט פֿון די רעציכעס, וואָס ווערן דורך די פֿאַשיסטישע באַרבאַרן באַגאַנגען איבער דער ייִדישער באַפֿעלקערונג.

צום אָנהייב 1933 יאָר האָט זיך אין דײַטשלאַנד געפֿונען 530 טויזנט ייִדישע באַפֿעלקערונג. פֿון דער דאָזיקער צאָל איז צום 1936 יאָר פֿאַרבליבן

דאָרט ניט מער, ווי 400 טויזנט, און צו הײַנטיקן טאָג — שוין גאָר א ניש־טיקע צאָל. מער איידער איבער 60 לענדער האָט זיך צעזייט און צעשפרייט די יידישע באפעלקערונג, וואָס איז פארטריבן געוואָרן און איז אליין אנט־לאָפן פון דײַטשלאנד. די נאצישע מערדער האָבן קאָנפיסקירט בא די יידישע פּליטים זייער גאנצע פארמעגן, און בענעגייע די וויניקע יידן, וואָס זײַנען פארבליבן אין דײַטשלאנד, האָבן זיי אָנגענומען אלע מיטלען אפ ארויס־צושלײַדערן זיי פון אלע ווירטשאפט-צווײַגן. דאָס ארויסשלײַדערן די יידן פון די אזויגערופענע פרײַע פּראָפעסיעס (פּראָפעסור, לערערײַ, ליטעראטור, זשורנאליסטיק, אדוואָקאטור, מעדיצין, מוזיק, מאָלערס אדג.) איז פארפיק־סירט געוואָרן דורך א ריי ספּעציעלע געזעצן. מיט האנדל מעגן זיך די יידן אין פאשיסטישן דײַטשלאנד פאָרמעל באשעפטיקן, אָבער אויך פון דעם דאָזיקן ווירטשאפט-צווײַג ווערן זיי ארויסגעשטויסן דורך באָיקאָט, טעראָר און עקספּראָפּריאציע.

דער אזויגערופענער יידישער קאָנגרעס, וואָס איז אין 1936 יאָר געווען טעטיק אין זשענעווע, האָט פעסטגעשטעלט, אז העכער א פערטל פון דײַ־טשישן יידנטום לעבט פון צדאָקע. פאר די לעצטע 5 יאָר האָט זיך די דאָזיקע צאָל פארטאָפּלט און פארדרײַפאכט.

די פאשיסטישע מערדער האָבן ניט נאָר רויניִרט דאָס גאנצע עקאָנאָ־מישע לעבן פון די דײַטשישע יידן, ניט נאָר ארויסגעוואָרפן אפן גאס די פילצאָליקע יידן, וואָס האָבן זיך באשעפטיקט מיט אינטעליגענטע פּראָפע־סיעס, נאָר זיי האָבן אפילע ארויסגעגעבן די שווערסטע געזעצן פאר יענע פערזאָנען פון דער „ארישער“ אָפּשטאמונג, וואָס וואגן צו האָבן א וועלכע־עס-איז עקאָנאָמישע (שוין אָפּגערעדט פון אינטעלעקטועלער) מאגעמאסע מיט יידן. דער היטלערישער רעזשים האָט געוואָרפן אין זײַנע קאָנצענ־טראציאָנס-לאגערן אויך אזעלכע „ארי ער“, וואָס האָבן געפּרווט אָנצווענדן בא זיך די לוין-ארבעט פון יידישע ארבעטער און אָנגעשטעלטע אָדער האָבן געוואגט צו קויפן עפּעס בא יידן.

מיר ווייסן אויך גוט, ווי דער פאשיסטישער רעזשים האָט פאר א קור־צער צײַט פון זײַן באלעבאטעוועו אין די לענדער, וועלכע ער האָט אָקו־פּירט, — אין פוילן, טשעכאָסלאָוואקיע, בעלגיע, האָלאנד א. אנד. — שוין באוויזן ארײַנצושלײַדערן די יידישע מאסן אין דעם טיפסטן טהאָם פון פיזישער, עקאָנאָמישער און קולטורעלער דעגראדאציע. די מערהײַט יידן פון אָט די לענדער האָט היטלער פארטריבן אין די ספּעציעל געשאפענע קאָנצענטראציאָנס-לאגערן סײַ אין די דערמאָנטע לענדער גופע, סײַ און דעריקער אין פוילן (לעבן לובלין) א.א.

געטאָ, צוואנג-סטעריליזאציע, טאָגטעגלעכע גיירושים, אבסאָליוטע רעכט־לאָזיקײַט, פולשטענדיקע פארשקלאפונג, לאנגזאמער הונגער-טויט, אומענטש־לעכע איזדיעקענישן, קאָנצענטראציאָנס-לאגערן, פיזישע אויסראָטונג, אנ

אָנופהערלעכער דורכויסיקער פּאָגראָם — אזא איז דער גורל פון דער יידישער באפעלקערונג, וואָס שמאכט אונטערן שטיוול פון די פאשיסטישע קאניבאלן; מיט אזא גורל ווילן זיי „באגליקן" אויך די יידישע מאסן פונעם ראטנפארבאנד.

די ברוינהעמדלדיקע בארבארן פון XX יאָרהונדערט, וואָס האָבן פארוואנדלט גאנץ דייטשלאנד אין איין קאָנצענטראציאָנס-לאגער, וואָס האָבן פארקנעכטעט די פעלקער פון די לענדער, וועלכע דער דייטשישער פאשיזם האָט אָקופּירט, — דאָס פראנצויזישע, בעלגישע, האָלענדישע, דענישע, נאָרוועגישע, פּוילישע, טשעכישע, באָלגארישע, סערבישע, גריכישע — זיי, די פאשיסטישע אויסוואורפן, טרוימען נאָך וועגן איינשטעלן די פאשיסטישע הערשאפט איבער דער גאנצער וועלט.

פאשיזם אין זיין אויסערלעכער פּאָליטיק — דאָס איז מילכאָמע! פאשיזם אין זיין אינערלעכער פּאָליטיק — דאָס איז א כייישער רעזשים פון צעיושעטן טעראָר, פון פינצטערסטער רעאקציע, פון אומפארשעמטסטן רויב, פון אומגעהערטן דרוק, פון פיזישן אויסראָטן די קליינע פעלקער, פון אויסראָטן אלע פעלקער, וועלכע די פאשיסטן פארעכענען לויט זייער צעפּוילטער אידעאָלאָגיע צו דער „נידעריקער" ראסע.

און אָט דער בלוטגיריקער פאשיזם האָט איצט אויסגעשטרעקט זיינע מערדערישע און העסלעכע לאפעס צו דער סאָוועטישער ערד און זיך פארמאָסטן „צו פארכאפן אונדזער ערד, וואָס איז באגאָסן מיט אונדזער שוויים, צו פארכאפן אונדזער ברויט און אונדזער נאפט, וואָס מיר האָבן ארויסבאקומען מיט אונדזער מי. ער שטעלט זיך פאר א ציל צוריקופשטעלן די מאכט פון די פריצים, צוריקופשטעלן דעם צאריזם, כאָרעוו מאכן די נאציאָנאלע קולטור און די נאציאָנאלע מעלוכישקייט פון די רוסן, אוקראינער, ווייסרוסן, ליטווינער, לעטן, עסטן, אוזבעקן, טאָטערן, מאָלדאווענער, גרוזינער, ארמענער און פון אנדערע פעלקער פונעם ראטנפארבאנד, דייטשיזירן זיי, פארוואנדלען זיי אין קנעכט פון די דייטשישע פירשטן און באראָנען" (סטאלין). ער וויל אָפּנעמען בא אונדז אלע אָקטיאבער-דעראָבערונגען, אונדזער גליק, אונדזער פרייד, וואָס מיר האָבן דעראָבערט פאר 24 יאָר מעסירעסנעפעשדיקע ארבעט. די פרעכע פאשיסטן האָבן אונדז אָנגעבונדן א מילכאָמע. דאָס גרויסע פילנאציאָנאלע פאָלק, — יונג און אלט, מאן און פרוי — האָט זיך ווי איין מענטש אופגעהויבן צום קאמפ פאר זיין היימלאנד, פאר זיין ערע, פאר זיין פרייהייט, פארן גרויסן סטאלין, איז גרייט מיט לייב-און-לעבן צו פארטיידיקן יעדן שפאן פון דער סאָוועטישער ערד, צו דערלאנגען א טויט-קלאפ דעם פאשיזם, אָפּמעקן אים פון דער ערד, עס זאָל פון אים קיין זייכער ניט בלייבן!

דאָס סאָוועטישע פאָלק ענטפערט דעם פאשיזם מיט א גערעכטער, מיט א פאָטערלענדישער מילכאָמע!

טרײַ דער גרויסער אָקטיאבער-רעוואָליוציע, דער פּארטיי פון לענין — סטאלין, טרײַ דער סאָציאַליסטישער מעלוכע, ווו אלע פעלקער זײַנען פרײַ און גלײַכבארעכטיקט, האָבן זיך אויך די זין און טעכטער פונעם ייִדישן פאָלק געשטעלט אין די קאמפּס-רייען צו פארטיידיקן זייער איינציק היימלאנד, דאָס פאָטערלאנד פון אלע געפלאָגטע און געיאָגטע, פון אלע עקספלואטירטע און אונטערדריקטע. באגײַסטערט מיט דער הייליקסטער ליבע צו אָט דעם היימלאנד, איבערפולט מיט דעם הייליקסטן האס צו די פאשיסטישע אינקוויזיטאָרן, וועלן צוזאמענע מיטן גאנצן 200-מיליאָניקן סאָוועטישן פאָלק אויך די ייִדישע מאסן פונעם גרויסן און מעכטיקן ראטנפארבאנד, סײַ אין הינטערלאנד, סײַ אפן פראָנט, טאָן אלץ, וואָס עס פאָדערט פון אונדז דער איצטיקער היסטאָרישער מאָמענט, די שאָ פון גרויסן ניסאָיען, קעדײַ צו צעקוועטשן די פאשיסטישע שלאנג, קעדיי אפ שטענדיק פארניכטן די בלוטיקע באנדע פאשיסטישע וואנדאלן.

און זיגן וועלן מיר זיכער, ווײַל אזא מאכט, ווי די פאשיסטישע, וואָס באזירט זיך אפ נאציאָנאלער העצע און אונטערדריקונג, אפ רויב און עקספלואטאציע, מוז פארניכטעט ווערן! מיר וועלן זיכער זיגן, ווײַל אונדזער זאַך איז א גערעכטע — דאָס איז די זאַך פון דער גאנצער פּראָגרעסיווער מענטשהײַט! דער סוינע וועט צעשמעטערט ווערן, און דאָס פילמיליאָניקע סאָוועטישע פאָלק וועט אונטער די פאָנעס פון לענין — סטאלין בויען ווײַטער זײַן פריידיק, גליקלעך לעבן!

בײַלאגע I

ווּקס פונ דער צאָל יידישער באפעלקערונג
(אינ טויזנטער)



סאכאקל=טאבעלע פון דער גרײס און פאנאנדערטײלונג פון דער ייִדישער באפעלקערונג אין פססר (אין די גרענעצן צום 17.1—1939) לויט דער צײלונג פון 1939 יאָר

פארבאנדישע רעפובליקן	שטאָטישע ייִשובים: מענער	שטאָטישע ייִשובים: פרויען	שטאָטישע ייִשובים: סאכאקל	דאָרפישע ייִשובים: מענער	דאָרפישע ייִשובים: פרויען	דאָרפישע ייִשובים: סאכאקל	אינגאנצן: מענער	אינגאנצן: פרויען	אינגאנצן: סאכאקל
רספסר	409 797	440 455	850 252	58 380	39 388	97 768	468 177	479 843	948 020
אוקראַיִנישע ססר	597 984	712 369	1 310 353	111 559	110 915	222 474	709 543	823 284	1 532 827
דערונטער מאָלדאווישע אססר . .	13 459	16 547	30 006	3 389	3 640	7 029	16 848	20 187	37 035
ווײַסרוסישע ססר	151 556	177 874	329 430	23 738	21 956	45 694	175 294	199 830	375 124
אזערבײַדזשאַנישע ססר . .	18 098	20 674	38 772	1 491	982	2 473	19 589	21 656	41 245
דערונטער נאכיטשעוואנישע אססר .	17	30	47	14	1	15	31	31	62
גרוזינישע ססר	16 841	17 510	34 351	4 367	3 582	7 919	21 208	21 092	42 300
דערונטער אבכאזישע אססר . .	935	878	1 813	112	57	169	1 047	935	1 982
אדזשארישע אססר	802	1 018	1 820	56	47	103	858	1 065	1 923
ארמענישע ססר	173	178	351	136	25	161	309	203	512
טורקמענישע ססר	1 355	1 322	2 677	291	68	359	1 646	1 390	3 036
אוזבעקישע ססר	21 844	23 357	45 201	3 372	2 236	5 608	25 216	25 593	50 809
דערונטער קארא-קאלפאקישע אססר .	123	84	207	75	17	92	198	101	299
טאדזשיקישע ססר	2 349	2 255	4 604	408	156	564	2 757	2 411	5 168
קאזאכישע ססר	5 249	4 859	10 108	6 889	2 245	9 134	12 138	7 104	19 242
קירגיזישע ססר	848	730	1 578	215	95	310	1 063	825	1 888
אינגאנצן אין פססר, אָן די אָנגעשלאָסענע אין די יאָרן 1939—1940 געביטן	1 226 094	1 401 583	2 627 677	210 846	181 648	392 494	1 436 940	1 583 231	3 020 171

אינהאלט

זייט

פאָרוואָרט 3
I. סאָציאַל־עקאָנאָמישע כאַראַקטעריסטיק פון דער יידישער באַפעלקערונג פון דעם ביז־אָקטיאַבערישן רוסלאַנד 5
II. די וויכטיקסטע מאָסמיטלען פון דער ראַטנמאַכט אויפן געביט פון סאָציאַלער איבערגעשטאַלטונג פון די יידישע מאַסן 23
III. צאָל און פאַנאַנדערטיילונג פון דער יידישער באַפעלקערונג לויט די ציילונגען פון די יאָרן 1926 און 1939 33
IV. רעקאָנסטרוקציע פונעם סאָציאַלן באַשטאַנד. געזעלשאַפטלעכע גרופּן צווישן דעם סאָוועטישן יידנטום 45
V. יידן אין דער סאָציאַליסטישער גרויס־אינדוסטריע 56
VI. יידן אין דער געווערב־קאָאָפּעראַציע פון פּסחר 71
VII. יידן אין דער סאָציאַליסטישער לאַנדווירטשאַפט 85
VIII. יידישע סאָוועטישע אינטעליגענץ 103
IX. סאָציאַליסטישע דערלייזונג פון דער שטעטל־פּראָבלעם 113
X. שלוס
א פריידיקער באַלאַנס 120
בייַלאַגעס: 125

Л. Зингер.

Обновлённый народ
На еврейском языке.
Редактор *Б. Гольденберг.*

Подписано к печати 4/VIII 1941 г. А—38103.
Тираж 3000. 8 п. л. 43,1 тыс. зн. в печ. лите. 9,2 уч.-изд. л.
Цена в переплете 3 р. Зак. № 319.

17-я ф-ка национальной книги Огиза РСФСР треста „Полиграфкнига",
Москва, Шлюзовая наб., 10.